STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01028

DI YUDISHE MELUKHE UN ANDERE ZAKHN

Lamed Shapiro

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Bobbie Margolis
in memory of
Benjamin Margolis

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. שאפּירא

די יודישע מלוכה

און אנדערע זאכען

א נייע אויפלאגע

פארלאג אידיש לעבען

ניו יארק. 1929

Copyright by Verlag Yiddish Leben 1929
All rights reserved, that of translation
rests with the author

אינהאַלט:

די יודישע מלוכה — — — — — — — 5
ווייסע חלה — — — — — — — 65
אין דער טויטער שטאָדט — — — — 83
שפוד חמתך — — — — — — — 115
דער קוש — — — — — — — — 129
דער צלם — — — — — — — — — — 137
רויך — — — — — — — — — — 163
דער נס — — — — — — — — — 177
אויפ'ן ים: נאַכט — שווייגען — דער
אייזבאַרג — העלשטערן — דער
ריח פון לאַנד — — — — — — 191
שטאַרקער! — — — — — — — — 231
ער און זיין דיענער — — — — — 245
בערטע — — — — — — — — — 253
גוטעפריינד — — — — — — — 267
פרינציפּען — — — — — — — — 275
דער רב און די רביצין — — — — — 281
די פליגעל — — — — — — — — 287
צווישען פעלדער — — — — — — 293
מירטעלע — — — — — — — — — 301
מיעד — — — — — — — — — — 311

די יודישע מלוכה

די יודישע מלוכה.

א.

די ברייטע דעמבענע טיר פון דער שוהל צו דער עזרת־נשים איז שטענדיג געשלאָסען. אין איהר מיט, ביי דער הויך פון א מענשענ׳ס אויגען, איז אויסגעשניטען א קליינע עפנונג, א ביסעל גרעסער פון א מענשענ׳ס פנים, אויבען בויגענפאָרם און אונטען גלייך. דאָס שטיקעל האָלץ וואָס מ׳האָט פון דער ברייטער דעמ־בענער ברוסט ארויסגעשניטען הענגט אויף צוויי שאַרנירען, און ס׳איז א טירל.

איצט איז עס אָפען, און אין דער עפנונג שטעהט א יונג ווייבעריש געזיכט, געזוימט אין א ווייסען זיידענעם טיכעל. דאָס געזיכט איז לענגליך און אויסגעפילט ווי א פלוים, א ביסעל אויס־געבלאָסט פונ׳ם תענית, אָבער די בלאַסקייט איז דורכזיכטיג און פריש. צוויי גרויסע בלויע אויגען קוקען נייגעריג צו די מענער אין שוהל אריין, און פון אונטערן טיכעל האָט זיך ארויסגעשלאָ־גען א פערשייט לעקעל, דיק און געשלענגעלט, און העל ווי לייכטער טערקישער טאַבאַק.

דאָס טאָר מען נישט.

נעבען ארון־קודש — און נעבען זיין פאָטער — שטעהט מנחם דעם רב׳ס, מיט די עלעבויגענס אויף זיין שטענדער און דעם קאָפּ אין די הענד. זיין טלית — מיט זילבערנע עטרות און נאָך גאָר, גאָר א נייער — איז אריבערגעוואָרפען איבער די אויגען, אָבער ער זעהט, ער זעהט.

די לופט אין שוהל איז פול מיט קדושה און התפשטות הגשמיות. דער ריח פון די ברענענדע וועקסענע ליכט איז שווער,

שאַרף און געווירצט; און פון׳ם בלאַנדען לעקעל ציהט זיך א דינער, דינינקער פאַדעם פון זינדיגקייט — ציהט און ציהט דורך די לענג פון דער שוהל, און וויקעלט זיך ווי שפּינוועבס ארום מנחם׳ס הארצען, און מישט א ביסעל זיינע רעיונות. ער פערמאַכט זיינע אויגען און עפענט דאַס מויל, און עטהעמט לאַנגזאַם און טיעף.

ב.

צו קדוש־לבנה איז דער הימעל געווען ציכטיג און קיהל, און יודען האבען געוואונשען איינער דעם אנדערן א חתימה טובה, און יעדערער האט לאַנגזאם און פערטראַכט געצויגען צו זיין היים, נישט וויסענדיג אז ער שמייכעלט געלאַסען און ווייך.

איינגעוויקעלט אין זיין שלאַפראַק און מיט א ספר אין האנד, האט דער רב געווארט אין זאַל ביי א גלאַז טיי, ביז די שנור און די קעכין וועלען גרייטען צום טיש. די רביצין, שוואַך און צענאַ־סען ווי א שטיק טייג, איז געזעסען אנטקעגען איהם אויפ׳ן ברייטען אַלטמאַדישען דיוואַן. פון א חולאת האט זי פערלוירען דאַס לשון, און דאַס מויל האט זיך ביי איהר אויסגעקרימט, און אז זי האט עפּעס געוואָלט האט זי געזאגט „מע“. מנחם איז געשטאַנען ביי א פענסטער, האט זיך פון צייט צו צייט געגלעט דאַס שווארצע בערדעל — און נישט געקוקט אויף עטלען. און דאַס ווייבעל האט געגרייט צום טיש — און נישט געקוקט אויף איהם.

דערנאָך האט מען זיך געוואַשען און געזעצט צו׳ם טיש. מ׳האט געגעסען אהן זשעדנעקייט, געשמועסט שטיל וועגען דער סוכה וואס מ׳דאַרף מארגען בויען, וועגען „סכך“, און נאך זאכען. אז עטעל האט געטיילט די זופּ האט זי זעהר שטאַרק געקוקט אין די טעלער, און מנחם האט בשעת מעשה — א ביסעל מיט אימפּעט — איבערגעגעבען דעם פאטער וואס דער בעל „ישן וחדש“ זאגט וועגען דעם עניין „עבודה“. דער רב האט, צווישען עסען און רעדען, געקוקט אין זיין ספר. די רביצין, זיצענדיג אין אז אַלטען

פאטערשטוהל, האט גאנץ גוט געזעהען, אז די יונגעלייט קוקען נישט איינס אויף ס'צווייטע, און דער ווינקעל פון איהר מויל האט זיך נאך מעהר אויפגעהויבען. ביי איהר איז עס געווען א שמייכעל.

דאס יודישע שטעדטעל איז געליגען אין טאל, די גוי'אישע הייזער זענען געווען צעשאטען איבער די ארומיגע בערג, און ביי־נאכט האבען זיך פון דארטען געהערט אויסגעשרייען, געלעכטער, געזאנג, אמאל אומעטיג, אמאל פערשייט, נאר אלעמאל זיס און טיעף. אין שטילען און פינסטערן זאל האט דער אלטער וואנד־זייגער געמורמעלט אין דרימעל: ט־מיק... טאק.

ג.

די צייט איז געגאנגען, און ליעגענדיג אויף דער וועלט, האט די נאכט געשטיקט און געלאשען אונטער זיך איינעם נאכ'ן צווייטען די שארפערע קלאנגען, ביז איבער דער ערד און דורך די לופט איז געגאנגען בלויז א שארך, א פליסטער, א זיפץ שוואך ווי א אטהעם — און דאס איז געווען שטילקייט. איין מאל נאך איז פון ערגעץ ווייט געקומען א שפיציגער אויסגעשריי פון אנגסט און וועהטאג, אפשר א לעצטער אין א לעבען, נאר די נאכט האט איהם אבגעהאקט ווי מיט א מעסער — און די שטילקייט האט זיך קוים און גלייכמעסיג געוויעגט איבער דער שטאדט. דאן זענען די ארו־מיגע הייזער זיך צונויפגעלאפען אויפ'ן פיערקאנטיגען פלאץ פון מארק, און האבען געקוקט איינס צו'ם צווייטען מיט פערלאשענע אויגען, און זיך געוויעגט און געשאקעלט ווי שאטענס, און זיך לאנג געשעפטשעט וועגען זאכען אין שטומער אויפרעגונג. ביז א האהן האט אויסגעקרעהט, און דער בליק פון א ליכט האט געטהון א שפריץ ארויס פון א פענסטער, רויט און אומגעריכט. דאס גע־זעמעל האט אויפגעצאפעלט און זיך צעשאטען. די הייזער זענען געשטאנען אויף זייערע ערטער, און די פענסטער אויף דער מערב־זייט פון מארק האבען מאט און וואסעריג געשימערט.

דאס ליכט האט זיך אנגעצונדען אין קיך פונ'ם רב'ס הויז.

סלאָווע די קעבין האָט זיך שוין געוואַשען און געזאָגט ברכה און, זאָגענדיג, האָט זי שוין געטהון.

די גערוימע קיך האָט זיך געצייגט ענג אַרום דער אַלטער. סלאָווע איז געווען הויך און געבויגען, און געבוים הויפּטזעכליך פון בריטע ביינער און שוואַרצער, טרוקענער, פּאַרמעטענער הויט. ברעמען ווי אַ סטריכע, אויגען — קליינע און פינסטערע לעכער, אַ נאָז אַהן ספקות, לאַנגע ווינקעלדיגע הענד, און אַ גאַנג אַ פלאַכער און מיט אַ שאַר. דער קאָפּ האָט זיך אָפּט געוואָרפען פון זייט צו זייט, און די שוואַרצע לעבער האָבען נישט איינפאַך געקוקט, נאָר דרינגליך געפאָרשט.

עס האָט געהייסען, אַז זי איז קעבין. אָבער זי האָט געראַמט די חדרים, געפּוצט און געשייערט כלים, בענעהט דאָס הויז, אויפ־געפּאַסט אויף די רביצין, געפיהרט די הוצאה און געגעבען עסען — געמישט זיך אפילו אין שאלות פּסקנ'ען. זי האָט געטהון אַלצדינג; נישט זעהר געשווינד, נישט זעהר גוט — כמעט שלעכט — נאָר אַלעס אין הויז און זאַכען אויסער'ן הויז. אַרויסנעהמען וואָס פון איהרע הענד איז געווען אוממעגליך.

די יודינע האָט געהאָט אַ סך קינדער — צוועלף אָדער פופ־צעהן — ערגעץ איבער דער וועלט, נאָר זי האָט שוין אַן זיי גע־דענקט באַלד אַזוי פיעל ווי זיי אַן איהר. דאָ האָט זי בעזעסען דעם רב'ס הויז — בעזעסען אַבסאָלוט.

פערקנעטענדיג די חלה האָט זי געזאָגט:

— מ'זאָגט, יאַקבי, אַז פיער מאָל נאָכאַנאַנד.

שפּעטער, פערשאַרענדיג אַן אַ זייט פון אויווען די גליהענדע קויהלען, האָט זי זיך געאַוויסערט:

— איך וועל סיווי גאַר נישט —

נאָר דער סוף איז אַרויסגעקומען אַ מורמעל.

זי האָט זעלטען און ווייניג גערעדט מיט מענשען, און זעהר אָפּט מיט זיך. אַמאָל האָבען איהרע רעד געהאַט אַ פערבינדונג מיט איהר אַרבייט אָדער נאָהנטער אומגעבונג, נאָר עפּטער איז

נישט מעגליך געווען צו וויסען; אין וועלכע מקומות זי געפינט זיך.

די חלה איז שוין געזעסען אין אויווען. די אלטע האט פער־קוקט ארוים דורך דאס פענסטער. דער הימעל האט געבלאזט און זיך געמינעט ווי פערלמוטער. זי האט אויפגעהויבען א האנד און געעפענט דאס מויל, נאר דערהערענדיג טריט ביי דער טיר פון עסצימער, האט זי אומגעדרעהט דאס פנים און אהן א שטרויכעל געזאגט:

— זאס זיך נישט, איך וועל האבען א פרישע פוטערבולקע צו דער קאווע.

מנחם, מיט'ן טלית־זאק אונטער'ן ארם, האט ארויסגעמור־מעלט „גוט־מארגען" און איז פארבייגעגאנגען צו דער דרויסענדי־גער טיר. די פרישקייט פון פריהמארגען האט איהם אויפגעהוי־בען די ברוסט אין א טיעפען ציה פון אטהעם. דאס פענסטער פונ'ם יונגען פארל'ס צימער איז, נאך פון ביינאכט, געשטאנען אפען און שטום, און געהענדיג פארביי, האט ער געשיקט אהין א קורצען זייטיגען בליק, האט פערמאכט א ווײלע די אויגען און זיי ווידער געעפענט.

אין קיך איז די אלטע סלאווע נאך אלץ געשטאנען מיט א האנד אין דער לופטען. זי האט פערגעסען.

ד.

דער רב איז דורכגעגאנגען דורכ'ן זאל זיך צוצולעגען ביי זיך אין צימער. מנחם, ביי א טישעל נעבען לינקען פענסטער, האט געשפיעלט אין דאס מיט גרשון דעם שוחט.

— ע, אי'ם חול־המועד! — האט דער רב פארגעווארפען — און גלייך פערלוירען דעם אינטערעס.

— ההררר! — האט גרשון אבגעהירזשעט. — שיחת חולין — מילתא דבדיחותא — וואס איז די נפקא מינה? ההררר!

מיט צעשפרייטע פינגער פון דער לינקער האנד האט ער דאס

סאמעטענע קאפּעל ארויפגערוקט פונ'ם נאקען צו דער קרוין פון קאפּ, און מיט דער רעכטער האט ער מיט א ברייטען זשעסט ארי־בערגעשטעלט א „ציגעל" און געמאכט איינעם פון די שלעכטע גענג מיט וועלכע ער האט זיך אויסגעצייכענט.

— איהר זענט א ווייסטער קאליקע! — האט איהם מנחם געלויבט און איהם אהן רחמנות בעשטראפט פאר'ן פאלשען שרים.

— ההההרדר! געהערט — שוין געהערט — מיינסט, ביזט קליגער פון דער גאנצער וועלט — ההההרדר!

ער האט זיך נישט גענומען צו'ם הארצען. אדרבה, עס האט אויסגעזעהען, ווי דער חורבן וואס דער געגנער האט אנגעמאכט אין זיין לאגער וואלט איהם שטארק אמוזירט. ער האט געהיר־זשעט, זיך געווארפען פון איין זייט ברעט צו דער צווייטער און געמאכט איין גאנג ערגער פון אנדערן. אזוי האט ער געשפּיעלט.

א גרויסער, א ביינעריגער און אן אומגעלומפּערטער, מיט א פייעריגער בארד וואס האט הארט געשטארצט אין דער לופטען, מיט קליינע, שפּיצינע אייגעלעך און א בלוילעכער נאז — האט ער א היבש ביסעל אויסגעזעהען ווי א פרא אדם. זיין הירזשענדיג גע־לעכטערל און דאס אבגעהאקטע רעדען האבען דעם איינדרוק נישט שוואכער געמאכט.

דער שוחט איז געווען ווייט נישט קיין למדן, האט ליעב געהאט א שמחה'לע, א שנעפּסעל און א געשמאקען און ממשות'דיגען ביסען. מיט'ן חלף איז ער געווען א מייסטער, און אין שטאדט האט מען געזאגט, אז אחוץ קוילען אן אקס, קאן ער איהם אויך אוועקלעגען מיט די אייגענע הענד.

פון צייט צו צייט פלעגט ער אריינקומען צו'ם רב אין הויז צו שפּיעלען מיט מנחם'ן אין דאם און שמועסען מיט איהם א ביסעל וועגען „חקירה". עס האט ניט אויסגעזעהען, אז חקירה זאל איהם אנגעהן מעהר ווי דער דאם. וואס זאגט עפּעס „דאם בלאט"? און וואס הערט מען פון דעם דאזיגען פון די חסידי

אומות העולם — ווי הייסט ער דאַרטען — דעם גראַף — אַז אמת׳ער גראַף, אַה? — החהררר! וואס אַ גוי נישט קאַן!... און „מעשי מרכבה". אַט דאָס הייסט אַ כלי — אַ מאַשינקע — אדרבה, לאָ־מיר זעהן, אַז... — ער האָט נישט אַלעמאָל פערשטאַנען וואס מנחם האָט געזאָגט, נאָר ער האָט אַלעמאָל ארויסגעצייגט אַ שטירמישע הנאה, געעפענט אַ מויל ווי אַ טויער און צופריעדען געהיר־זשעט.

אַ מיידעלשע פיגור האָט זיך ארויסגעשלייכט פונ׳ם פּאָר־פּאַלק׳ס צימער און דורכגעשניטען אַ ווינקעל פון זאַל. דער קאָפּ און אפילו די הענד זענען געווען פערהילט אין אַ שוואַרצען זיי־דענעם טיכעל, און מ׳האָט גאָרנישט געזעהן. מנחם האָט זיך מעהר פערטיעפט אין דאָס דאַמברעט. גרשון דער שוחט האָט גענומען אַ שפּיץ פון זיין באָרד צווישען די פינגער פון זיין לינ־קער האנד, און נאָכגעשיקט דער שלאַנקער פיגור אַ מאָדנעם בליק — שפּיציג און פּריקרע. די מעשה איז — ער האָט זי אמאָל — דורך אַ צופאַל, און אַהן איהר וויסען — געזעהן אין באָד. אינגאַנצען! פון קאָפּ ביז די פּיס, החהררר! די הויט און, דער עיקר, די פיגור פון אַ — בתולה, יאָ, בתו־לה! — האָבען איהם פערבלענדט און בפועל ממש אָבגעבריהט.

דער יוד האָט אויסגעקנאַקט די פינגער פוןביידע הענד מיט איין בראָך און פערקריצט מיט די שטאַרקע ווייסע צייהן.

ה.

בייטאָג האָט די לופט אין שוהל זיך גערעגט און געציטערט אונטער ראַלען און וועלען פון קלאַנג. מנחם דעם רב׳ס, איינער אַליין אין מערב־זייט ביי׳ם טיש, האָט געלערנט אויף אַ קול.

דער רב האָט גערעדט ווייניג. דאָס טראַכטען איז געווען פאַר איהם אַ פרייער טראַקט, נאָר די וועגען פון רעדען זענען איהם פאַרגעקומען טונקעל און שמאָל. נאָך אַ זאַץ אָדער צוויי וועגען דעם תוך פון אַ ענין פלעגט ער ווערען מיעד און אריינפאַלען אין

היסח הדעת. דאס האט מיט דער צייט גיזווירקט אפילו אויף זיין געהער.

דער זוהן, פערקעהרט, האט ליעב געהאט דעם קלאנג, — יע־דען קלאנג, מיט א פארצוג פאר מוזיקאלישע טענער; און נישט איינמאל האט ער — מיט א געמישטען געפיהל פון פערגניגען און פערלעגענהייט — זיך צוגעהערט צו'ם געקלאנג פון די גלעקער ביי'ם פוילישען קאסציאל און ביי דער רוסישער צערקווע, וואס זענען געשטאנען איינס געגענ'איבער דעם צווייטען, אויף א בער־געל ביי'ם ארויספאהר פון שטאדט.

ער האט ליעב געהאט צו הערען אויך זיין אייגענע שטים. ער האט גערעדט גלאט, קיילעכיג, אומגעשטרויכעלט, און א נישט־ארויסגעזאגטער געדאנק האט זיך איהם געמאלען צעפלאסען און שיטער ווי א קנויל פון דאמף. ער האט אפילו געזונגען א ביסעל, מיט א באריטאן — עטוואס זיסליך, אבער אומגעריכט שטארק פאר זיין לייכטע פיגור. נאר ליעבער פון אלעם איז איהם געווען דער ניגון ביי'ם לערנען. דא איז געווען פלאץ פאר פיינעם חתוך הדבור — פאר טריאומפירענדע טענער ביי'ם גרייכען א שלום — פאר פליסיגען איבערגאנג פון רעד צו געזאנג. און ער האט זיך אפט און גערן „געציקעלט".

ער האט געלערנט, און די שוהל האט געענטפערט. די אלטע ווענד ארום דעם ברייטען און הויכען חלל האבען זיך אבגערופען אויפ'ן מינדסטען קלאנג, ווי דינע בלעטער פון טרוקענעם האלץ. די קלאנגען האבען זיך ווידערהאלט, זיך געדאפעלט, זיך מולטיפלי־צירט — זיך געהויבען און געניעדערט, ווי דער שוואל און פאל פון ים אין א געמיטליכען טאג — און געשפריצט און געשוימט ארום און אריבער דורך די אפענע פענסטער. און אז מנחם האט זיך שליסליך דערפיהלט מיעד און איז אויפגעשטאנען פון טיש, האט א שמייכעל פון הנאה אהן זיין וויסען געשוועבט אויף זיין נעזיכט, די אויגען האבען געשימערט שוואך און פער'חלומ'ט, און דער קערפער האט זיך געדרעהט און געצויגען אין ווייכער מאט־קייט, ווי אויסגעבאדען אין וועלענשלאג פון קלאנג.

די טיר האָט זיך צוגעמאַכט הינטער איהם. זיינע טריט, ווייך און פלאַד, ווי פון פיס אין פאַנטאָפּעל, האָבען זיך דערוויטערט און זענען אָבגעשטאָרבען. די שוהל איז געבליבען אַליין.

און דעמאָלט האָבען ביידע האַלבטירען פון אָרון זיך לאַנגזאַם און קלאַנגלאָז איבערגעדרעהט אויף זייערע שאַרנירען און זיך צע־עפענט פון זיך אַליין. —

פון הויכען פענסטער אין דרום־מערב געהט אַ גאָלדפּאַס דורך די שוהל, דיאַגאָנאַל און באַרג־אַראָב. זיין ברעג איז געשניטען דין און גראַד, ווי מיט אַ מעסער. דאָס איז אַ גרעניץ — אַ טויטע גרע־ניץ, אַהן דעם מינדסטען איבערגאַנג — צווישען אַ וועלט פון אונ־צעהליגע בעגילדטע עפּעסען אין האַסטיגען געדרענג, און צווישען אַ וועלט פון בלאַסען דורכזיכטיגען גאָרנישט. דער פּאַס פּער־זינקט ערגעץ ביי דער טיר, אין ווינקעל געגענ׳איבער.

שטיל. —

אַ שפּערלינג איז געקומען צו פליהען מיט די שטראַהלען פון דער זון און זיך אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן אונטערשטידעל פון פענס־טער. ער האָט אַ וואָרף געטהאָן מיט׳ן קעפּעל אַהער און אַהין, פלינק און נייגעריג איבערגעדרעהט מיט די אייגלעך איבער׳ן שטח פון דער שוהל און געזאָגט: פּי־פּי. דאָס עכאָ האָט פּלוצים ער־וואַכט, אונטערגעחאַפּט דעם קורצען געבראָכענעם פּייף און איהם צעשאָסען אויף טויזענד שפּריצלעך. דער שפּערלינג האָט זיך דער־שראָקען און איז אַוועקגעפלויגען קרום און פּלאָטערדיג. דאָס עכאָ איז צוגעפאַלען צוריק צו די ווינקלען, צו׳ם באַלקען, צו׳ם באָדען. עס איז שטיל. —

זעהר שטיל. און ווי די מינוטען — אָדער שטונדען — אָדער יאָהרען — געהען אַדורך און פאַרביי, ווערט די שטילקייט טיעפער, געדיכטער, שטייפער, ביז זי הויבט זיך אָן צו ציטערן, ווי אַ גע־שפּאַנטע סטרונע — און פּלאַצט אַרויס אין אַן איינציגען דריבנעם, מעטאַלענעם קלאַנג, וואָס שטעכט דורך דעם גאַנצען חלל ביז אין די וויטסטע ווינקלען...

געוועז, אָדער ניט געוועז? דער קלאַנג איז געקומען שפּיציג און ממשות׳דיג, ווי א שטאָהלענע נאָדעל. נאָר דאס אַלטע עכאָ איז געבליבען אומגעשטערט. —

אין לאַנגע צײַלען ציהען זיך די שטענדערס איבער דער ברייט פון דער שוהל. און ביסלעכווייז ווערען זייערע גראָדע ליניעס צעשוואומען, די שאַרפע ווינקלען פערדרונדען זיך, אומבעוועגליכע גליעדער און פאָרמען ערשיינען אין שטויבער, נאָר בייגזאַמער פּלאַסטיק — און א מחנה שטעהט אין שטומער ערוואַרטונג, די אַקסלען געהויבען, די קעפּ געבויגען, די שטערענס געווענדעט צו מזרח. אין דער טונקעלהייט פון אָפענעם אָרון שימערען שוואַך קאַלירטע שאַטענס, מיט וואָר־ניט־וואו א רוהיגען זילבערנעם אָבשיין — און איבער׳ן אָרון שטעהען צוויי לאַנגע הענד מיט אויסגעשפּרייטע פינגער — שטעהען הויך און אומבעוועגליך איבער דער אומבעוועגליכער מחנה. דאַן ווערט א קלאַנג געבוירען אין דער טיעפעניש פון אָרון — און וואַקסט אויס און אַרויס — און איבער דער שוהל געהט א לאַנגע און שטייגענדע תרועה, האַרב און ביטער און קרעפטיג, ווי דער אָטהעם פון פּראַסט: טאַ־אַ־ראַ־אַ־אַ!

ג.

דאס איז אויסגעקומען א וואָכען דריי נאָך סוכות. און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין א מאַרק־טאָג. אויפ׳ן דריטען טאָג איז געוואָרען שטיל. האַלבען טאָג האָבען זיך אפילו א פּאָר קראַמען געעפענט, נאָר אַרום דריי האָבען זיי זיך ווידער צוגעמאַכט: גאַנץ קריוואָדוב איז זיך צונויפגעקומען אין דער גרויסער שוהל. מ׳האָט געעפענט די דעמבענע טיר, און פון ביידע עזרות איז געוואָרען איינע: מענער, ווייבער און קינדער — אַלע זענען געווען צוזאַמען. עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז אַלע דערוואַקסענע פאַסטען היינט — אַהן א כרוז פון׳ם רב.

דער רב איז געגאַנגען פאַר׳ן עמוד. ער האָט מסדר געווען

א פּאָר תפלות לויט דער געלעגענהייט, האָט געזאָגט „שמע קולנו" און „אפפונו מים עד נפש", דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען צו'ם בעלעמער. די רביצין האָט מען שוין דאָרטען פריהער אוועקגע־זעצט אויף דער הינטערשטער באַנק. דער ווינקעל פון מויל איז ביי איהר געוועזען הויך פעררִיסען, איין אויג אויפגעשלאָגען און פערלאָפען מיט בלוט, און מיט'ן צווייטען האָט זי — געקוקט. —

דער עולם האָט זיך צונויפגעשלאָגען אַרום בעלעמער. אין די הינטערשטע רייהען איז געשטאַנען א מיידעלשע פיגור מיט א שוואַרצער שאַל איבער'ן קאָפּ און איבער'ן גאַנצען פנים. דאָס איז געוועזען דעם רב'ס שנור.

גרשון דער שוחט האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער דער שוהל, מיט זיין רעכטער האַנד אַרומגעבונדען און אויפגעהאַנגען אויף א טיכעל פון האַלז אַראָב. סלאַווע די קעבין האָט זיך איינגאַנצען פעררוקט אין א ווינקעל ביי דער מערב־וואַנד, וואו קיין מענשען זענען נישט געוועזען, און געמאַכט מיט די ליפּען.

צו הזכרת נשמות האָט א פרוי ערגעץ פון א זייט אויסגע־שריגען אויף א קול, — לאַנג, אויסגעצויגען און מאַדולירט. דער רב האָט אָבגעהויבען דעם טלית פון איבער'ן קאָפּ, האָט ענטפּלעקט א בלאַס און רוהיג געזיכט, און האָט שטרענגליך געזאָגט: שאַ!

— דאָס איז חנא דעם טרעגער'ס... אלמנה, — האָט עמיצער שטיל אונטערגעזאָגט.

דער רב האָט געשוויגען א ווײַלע און דערנאָך געזאָגט ווייי־כער:

— מ'דאַרף נישט וויינען.

די פרויענשטים האָט זיך אָבגעהאַקט מיט א סקריפּ און א דינעם קוויטש, ווי א פערזשאַווערטער שאַרניר וואָלט זיך איבער־געדרעהט, און איז געבליבען שטיל.

דערנאָך האָט מען געבראַכט טינט און א געניזענע פעדער, און שמעיה סופר האָט גענומען פערשרייבען אין פנקס פון דער שטאָדט די געשעהענישען פון די לעצטע דריי טעג. דאָס איז געווען א קינה און א חראָניק צוזאַמען, העברעאיש און יודיש געמישט, פערפּאַסט

פּסוקים־ווייז פון עטליכע פּערזאָן. דער רב האָט געמאַכט די התחלה, אַנדערע האָבען פאַרטגעזעצט, און געלעזען האָט זיך עס אַזוי:

„ראה ה׳ מה היה לנו וויא שאף צו דער שחיטה זאנין מיר גיפיהרט אונ זייא האבין ראבירט אונזר האב אונ גוטץ אונ זייא האבין פארשוועכט דיין נאמן צוויי-שן דיא פעלקר...“

נאָר אינמיטען איז מען געבליבען שטעהן. אַ ווינד האָט אַ ריס געטהאָן דורך די שוהל, אַן אָפען פענסטער האָט זיך צוגעהאַקט מיט אַ בראַזג, און מ׳האָט געהערט ווי די אַרויסגעפלויגענע שוי־בען ברעכען זיך דרויסען אַן די ערד. און אַז דער רב האָט דער־זעהען אַלעמענ׳ס אויגען געווענדט צו דער טיר, האָט ער זיך אומגע־קוקט צו יענער זייט — און זיך תיכף אַנגעשפּאַרט מיט דער האַנד אַן טיש. די רביצין האָט פּרובירט זיך אויפצוהייבען פון דער באַנק, נאָר זי האָט נישט געקאָנט און איז שווער אַוועקגעפאַלען צוריק.

די גאַנצע דריי טעג האָט קיינער מנחם דעם רב׳ס נישט גע־זעהען, און אַלע האָבען גערעכענט, אַז ער ליעגט ערגעץ אַ גע־הרג׳עטער. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אין טיר, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו׳ם בעלעמער.

זיינע קליידער זענען געווען צעקנייטשט, אָבער גאַנץ, און קיין סימנים פון געוואַלט האָט מען אויף איהם נישט געזעהען. זיין פּנים איז געווען אומגעוואַשען און נישט־אויסגעשלאָפען, נאָר זיינע אויגען האָבען געקוקט ווי געוועהנליך — אַזוי ווייט געוועהנ־

ליך, אז די קעלט פון שרעק האט א וועה געטהון איבער דער שוהל. ער האט גערויכערט א דין פאפיראסעל.

דער רב האט געעפענט דאס מויל און עס צוריק צוגעמאכט. מנחם האט געלאסען בעמערקט:

— איהר זאגט שוין ווידער? זאגט, זאגט — איהר זענט אלעמאל געווען א פאלק פון זאגערס און זאגערינס.

דער עולם האט זיך אומרוהיג א רודער געטהון. דער רב האט געקוקט אויפ'ן זוהן. עס איז געווען זעהר שטיל.

— נו, וואס זענט איהר אנטשווינגען געווארען? — מנחם האט בעמערקט דעם פנקס און א לאך געטהון. — גאר פערגעסען. שמעיה, פערגעס נישט צו פערשרייבען די „קדושים": חנא טרע־נער איז דאך אומגעקומען על קדוש השם, און בעריל גנב אויך, און גיטעל די סאלדאטקע האט געהאט אויף זיך אכט גוים — אלץ על קדוש השם!

זיין טאן צולעצט איז געווארען גראב ווי די ווערטער, און האט געווירקט ווי א שמיץ מיט א בייטש. דער עולם האט זיך א רוק געטהון אהינטער, צעדולט און פערלוירען.

דער רב האט פלוצים צוריקגעקראגען דאס לשוין, נאר גע־רעדט האט ער נארישע רעד — מיט א חריפ און א קוויטש:

— אזוי גאר! און ווער האט בעשאפען די וועלט, און דעם ים, און די זיעבען הימלען — דו אפשר, הא?! דו אפשר, הא?!

זיין איינגעשרומפענע פיגור אין דער צעריסענער זופיצע האט זיך געהויבען ארויף און אראב, ארויף און אראב, און אינגאנצען האט ער אויסגעקוקט ווי א קליין העהנדעל, נאס און צעשויבערט.

מנחם האט פערקריצט מיט די צייהנער.

— און ווער האט בעשאפען די באד און די בעדעריין — איך אפשר, הא? און ווער האט בעשאפען צימעס פון פאסאליעס, און ציעגענע בערד, און דער באבע טריינע'ס וואטאווע מאיטקעס — איך אפשר, הא? רבונו של עולם, האר פון דער וועלט, דו גרוי־סער בעשעפער פון טריינע'ס מאיטקעס — נעהם אונטער דיינע

פליגלען די נשמות פון די דאזיגע קדושים, וואס זענען פערפייניגט געווארען צו'ם כבוד און לויב פון דיין היילינגען נאמען — יהוה!

— ער איז משוגע געווארען! — האט עמיצער אויסגעשריע־גען מיט א פערציטערטער שטים.

דער רב האט נישט געהערט זיין זוהנ'ס רעדי, און האט גע־טענה'ט:

— און ווער האט ארויסגעצויגען דאס פאלק ישראל פונ'ם לאנד מצרים, און געפיהרט זיי פערציג יאהר דורך דער מדבר, און געבראכט זיי צו'ם לאנד וואס ער האט פערשפראכען צו אברהם, יצחק ויעקב — דו אפשר, הא?

— אהא! פראצענט אויפ'ן אלטען וועקסעלע!... אין טוי־זענד מצרים'ס זענען מיר שוין איבערגעוועזן פון דעמאלט אן — טויזענד מדבריות דורכגעגאנגען — און געבליבען אין קנעכטשאפט עד היום הזה — און דער אלטער וואכערניק מאהנט נאך אלץ! נאך אלץ זיך נישט אויסגעצאהלט פאר'ן אויסגעוועבטען שנאפס!

דער כעס האט ענדליך איבערגעטרייסעלט דעם עולם. עס האָ־בען זיך געהערט שטימען:

— פאר אונזערע זינד — פאר אזעלכע כופרים ווי דו — פאר די פושעי ישראל שטראפט אונז גאט!

— פאר א י י ע ר ע זינד, הא־הא! היהנער האבען געזינ־דיגט! עמיצער האט געמוזט איבערהיפען א ווארט אין „קטורת" היינטיגס יאהר, הא־הא־הא! איהר האט דען כח צו זינדיגען? איהר האט דען ש כ ל צו זינדיגען? נאר לעבעדיגע מענשען קאנען זינדיגען, און איהר זענט נבלות, פגרים מתים! און ס'אר א בריה ער איז עס, דער גאט אייערער! אן אל קנא ונוקם, בע־ריהמט ער זיך: דאס מיינט ער — געגען אייך! געגען „זיי" קאן ער גארנישט טהון. א פאטער וואס קאן שטראפען זיין קינד מיט רציחה און אכזריות, נאר אננעהמען זיך פאר דעם געגען אנ־דערע — דאס נישט! קהילה קדושה! דער ראש אייערער, דער מורה הוראה פון שטאדט — איהר האט זיך געמעגט פערגינען זעהן מיט אייערע אייגענע אויגען, ווי אזוי א שטינקענדיגער גוי

האט איהם געשמיסען, — האט איהם אבגערעקט דעם מחילה און אנדערע פערבארגענע איברים פון גוף — און האט איהם געפיי־ניגט, און האט איהם מבייש געווען —

ער האט פלוצים אבגעהאקט, און אז ענדערונג איז אין איהם פארגעקומען אזוי אומגעריכט, אז דער עולם איז געבליבען פער־בליפט. זיינע ליפען האט זיך צונויפגעשנורעוועט ווי ביי אן אשה צנועה, און זיין שטים איז געגאנגען דורך די נאז, און דער טאן איז געווען זיסליך און גיפטיג:

— אט „זייערער“, זעהט איהר, איז א גאט! א „גאט פון ליעבע“ איז ער. א פליעג אויף דער וואנד וועט ער נישט אנ־ריהרען. און זעהט, וואס ער קאן בעווייזען! און זעהט, ווי ער פיהרט זיין וועלט — ז י י ן וועלט, זי איז ז י י נ ע. א גאט, מיינע ליעבע יודען, דארף זיך אויך צו׳ן עפעס טויגען. א גאט, מיינע ברידער און שוועסטער, דארף עפעס ק א נ ע ן. אויף נ י ש ט קאנען — זענט איהר אויך געטער.

ביים רב, וועלכער האט כמעט די גאנצע צייט עפעס געקווי־טשעט, האבען זיך פלוצים אויסגעלאזען די רעד. ער האט זיך אויסגעגלייכט און געקוקט אויפ׳ן זוהן ווי אויף א פרעמדען. די דינע בלאסע ליפען האבען זיך צוזאמענגעדריקט, און די אויגען האבען געקוקט אויפמערקזאם, פינסטער און הארט.

גרשון דער שוחט איז געשטאנען א ביסעל אן א זייט, האט געארבייט מיט די פינגער פון דער לינקער האנד אין זיין פייערי־גער בארד, געמאכט העויות מיט די גראבע ליפען און געקוקט אויף מנחם׳ן אזוי, אז עס איז אוממעגליך געווען צו וויסען — צי וויל ער לאכען, צי איז ער אין כעס.

און דא האט זיך א מיידעלשע פיגור דורכגעשטופט צו׳ם בעלעמער, די שאל האט זיך אראבגעהויבען פון קאפ, און א געזיכט האט זיך ענטפלעקט — אין בלאסע פלעקען, ווי אויסגעשמירט אין וויסער לעהם.

— מנחם! — האט זי געזאגט. — מנחם!

דער יונגערמאן האט צעעפענט דאס מויל ווי א פיש אויס'ן וואסער.

— אוועק פון מיר! — האט ער קוים ארויסגערעדט.

זיינע אויגען זענען געווארען קיילעכיג און האבען געטהון א פאהר ארויס פון אונטער'ן שטערן. ער האט זיך אנגעחאפט פאר'ן קאפ און אומגעריכט ארויסגעקווישעט:

— אוועק פון מיר, דו — דו אומריינע כלי! ליעבערשט וואלסטו געווען א זונה, און אליין געלאפען צו'ם געלען גוי!

עמיצער האט אונטערגעחאפט דאס ווייבעל, שוין ביי'ם באדען, אונטער די ארעמס און זי אוועקגעטראגען צו'ן א באנק.

מנחם האט זיך פלוצים ווי בערוהיגט און זיך געווענדט צו'ם גאנצען עולם מיט קאלטער רציחה:

— הערט זיך איין, איהר — פאר אזעלכע ווי איהר איז זיך נישטא וואס צו שעמען. שוין באלד א יאהר נאך אונזער חתונה, און איך האב זי נאך נישט אנגעריהרט. איך האב זי נאך נישט געזעהען. איך האב זי ליעב געהאט ווי יעקב האט ליעב געהאט לבן'ס יונגערע טאכטער — נאר כ'האב זיך געשעמט. און דא איז געקומען א גוי און האט זיך איין איהר געגראבען, ווי א חזיר אין א קופע מיסט. — ער האט א וויש געטהון דעם שווייס פון שטערן. — מילא, דאס זענען „זיי“ — דאס איז ז י י ע ר ארבייט. נאר די גאנצע צייט — איהר הערט? — די גאנצע צייט בין איך געליגען בעהאלטען אין הויף. געליגען — אין א ווינקעל — פון הויף — און צוגעקוקט. ד א ס — איז אייער ארבייט. דאס איז א י י ע ר ארבייט. אייער תורה, אייער ווערימדיג לעבען, אייערע גענג — דאס איז סם־המות. און ביי מיין אומגליק שווער איך אייך — איך וועל אנווענדען אלע מיינע קרעפטען צו העלפען אייך אויס־צוראטען פון דער וועלט!

— ההההרררר! — האט גרשון דער שוחט פלוצים אבגעהיר־זשעט.

דער רב איז צוגעטראטען נעהנטער, האט אנגעוויזען אויף די טיר און רוהיג געזאגט:

— געה.

דער זוהן האט געענטפערט מיט א בליק פון שנאה און א קריץ מיט די צייהן. זיינע טריט האבען געקלונגען איבער דער שוהל פעסט און געמאסטען. דער רב האט זיך געשטעלט מיט'ן פנים צו מזרח און שטיל, אבער דייטליך אנגעהויבען:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבה...

פון א ווינקעל זענען געקומען דורך די שטילקייט טויבליכע קלעפ. דאס האט חנא טרעגער'ס אלמנה זיך שטום געשלאגען מיט'ן פנים אן שטענדער.

די רביצין האט פערקרימט מיט די אויגען צו דער טיר און געזאגט: „מע". דערנאך איז זי געשטארבען.

ז.

וואכען לאנג האבען די רעגענס געוויינט און געפרעסען די ערד, און איין נאכט האט א ווינד אוועקגעטראגען די וואלקענס, און אז די זון איז אויפגעגאנגען איז דאס לאנד געליגען אין די בייגעריגע ארעמס פון א ביטערן פראסט, און די רויהע אויבער־פלאך פון דער ערד, פערגליווערט אין איהר צעפרעסענקייט, האט געקלונגען ווי גוס'אייזען אונטער די פיס. צו'ם אווענד איז א שנייר־שטורם געקומען צו לויפען פון מרחקים, האט א גאנצע נאכט גע־פייפט אין די קוימענס און געטאנצט א קאנקאן אויפ'ן פלאץ פונ'ם מארק, און איז פערשוואונדען מיט'ן טאג צורגלייך, אויף זיין וועג צו מרחקים. די קעלט האט אבגעלאזען א ווייל, דער־נאך ווידער זיך איינגעביסען מיט די שפיציגע צייהן אין די הילפ־לאזע ערד, און וויכערס נאך וויכערס האבען מיט ברוטאלען נצחון גאלאפירט איבער דער שטאדט, און איבער איהר קאפ האבען ניעדר־ריגע גרוי־בלינדע וואלקענס זיך געביטען אויף בלאסע פערפרוי־רענע הימלען, און בלאסע פערפרוירענע הימלען אויף בלינדע און ניעדריגע וואלקענס. און דאן האבען די הארטע ארעמס נאכגע־לאזען, און די האלב־דערשטיקטע ערד איז אוועקגעפאלען אהינ־

טער און האט טיעף אוןווארם אבגעצויגען דעם אטהעם. די פער־ הילצערטע גליעדער האבען גענומען אבגעהן, זאפטען האבען קור־ סירט אינ׳ם מאטען און ציטערנדען קערפּער, ריחות זענען געשוואר־ מען דורך די לופט, און פון צייט צו צייט זענען אומבעשטימטע קלאנגען, צווישען א חליפ און א דינעם לאך, געשפּרונגען פון ער־ נעץ און פערשעמט געהאפּט זיך צוריק. גרינס האט א שפּריץ געטהון פון דער ערד און זיך צעוואקסען און צעגאסען ווי א פער־ פלייצונג, און זיך פערטיעפט און פערטונקעלט, און — דער זומער איז געקומען. ער איז געקומען אין רייכע און פארביגע קליידער, געקומען לעבהאפט און פאמיליאר, און געווארען וואס א מאל צור־ דרינגליכער און שטירמישער — ביז די געוויילטע און פער־ שכור׳טע ערד איז אריינגעפאלען מאל נאך מאל אין ספּאזמען פון ברויזענדער היסטעריע, און האט לאנג זיך געצאפּעלט אין הייסער פערגעסענהייט, און איז שליסליך געבליבען ליעגען אין גאלד־ רויטען גליה, ערשעפּט פון עקסטאזען פון פערגעהן און געבעהרען. און ווידער איז געקומען דער ווייסער ווינטער, און ווידער האט נאכגעפאלגט דער רויטער זומער, און א יאהר נאך א יאהר האט זיך געקייקעלט איבער דער שטאדט — אמאל שטיר־ מיש און רעש׳דיג ווי א לויפענדער צוג, אמאל גלאט און געלאסען ווי דאס וואסער אין טייך.

חמורנע האט געפלאסען, דורך ווינטער און זומער, דאס לעבען אין שטאדט. די בעציהונגען צווישען יודען און גוים זענען געווען הארט און ווינקעלדיג. יודען האבען געווארט אויף יארידען און מארקטעג, און זיך געשראקען פאר זיי. פון אנדערע שטעדט האבען געגרייכט אהער שלעכטע גרוסען. גזירות, רדיפות און נגישות האבען זיך געמעהרט און געפּרוכפּערט און זיך אנגערוקט פון אלע זייטען. שטערענס זענען געווען פערוואלקענט, און אויגען האבען געקוקט מיט שטוינען און האבען דייטליך און בייז גערעדט, אז דאס האט קיין זין נישט — אז דאס האט נישט קיין זין!

דעם רב׳ס הויז האט שטענדיג געשוויגען. די שנור איז אוועק־

געפּאָהרען אהין פון וואַנען זי איז געקומען, און סלאָווע האָט געפיהרט דאָס גאַנצע הויז. די אַלטע האָט זיך ווענינ געענדערט, נאָר געוואָרען אַ ביסעל טויבליך און גערעדט אָהן אויפהער צו זיך אַליין. דער רב איז געוואָרען נאָך קלענער און איינגעשרומפּע־נער, און זיין פּנים, מיט דינע און בלאַסע ליפּען, האָט געקוקט מאָגער און פייגעלש. דורך די נעכט איז ער געליעגען אויף זיין בעט מיט אָפענע אויגען, און אין זאַל האָט דער אַלטער זייגער גע־האַרכעלט און געשטאַמעלט און געמורמעלט ווי אַן עובר בטל, און פון צייט צו צייט געהוסט און זיך געוואָרגען — אין אַ פערזוך צו מעלדען דער וועלט וואו עס האַלט מיט דער נאַכט.

ווען־ניט־ווען פלעגט גרשון דער שוחט אריינקומען זיך „דורכ־שמועסען" מיט'ן רב. זיין האַנד האָט זיך פערהיילט — מ'האָט דערצעהלט, אַז די וואָס האָבען זי איהם צעבראָכען האָבען זיך פון איהם נישט גענאַרט — און קיין אויסערע סימנים זענען אויף איהם נישט געבליבען, נאָר געהירזשעט האָט ער איצט מיט ווע־ניגער הנאה און פיעל זעלטענער: ער האָט זיך בעגניגט מיט די שטעלען וואו עס האָט זיך געפּאַסט אַם וועניגסטען.

דאָס זענען נעווען מאָדנע שמועסען — כמעט אָהן ווערטער. דער רב האָט שוין איצט מיט שוועריגקייט ארויסגעבראַכט אַ וואָרט, און גרשון האָט פון אַלעמאָל גערעדט אָבגעהאַקט, שפּענערווייז. מיט'ן רב איז עפּעס נישט שייך געווען צו רעדען וועגען „חקירה", פלעגט דער שוחט זיך וואַרפען און זיך דרעהען און ארויפקומען אויף די קאָנקרעטע טעמע „כלל ישראל". — כ'מיין — וואָס איז דער פּשט „כלל ישראל"? און אויב אַ יוד איז אַ נשבה בין העכו"ם? כ'מיין — איז דען דין פונ'ם פּרט אַזוי ווי דער דין פונ'ם כלל, אָדער איפּכא מסתברא, אַה? — ער האָט געשוויצט פון אָנ־שטרענגונג ארויסצוברענגען זיינע נעבעלהאַפטע רעיונות, האָט אַרומגעשפּאַנט היין און צוריק איבער'ן אומבעלויכטענעם זאַל, און די ברעטער פון דיל האָבען געסקריפּעט אונטער זיינע פיס נערוועז און אומגעריכט־הויך, ווי זיינע זאַצען. דער רב האָט אַלע מאָל

געקוקט ערגעץ אריבער, אין פענסטער אדער אויפ'ן באלקען, נאר ער האט איהם פערשטאנען אויף עפעס א מין אופן, דען ער האט אריינגעשטעלט א זעלטען ווארט און זיך אריינגעפאסט. די לאנגע פויזען זענען געווענליך אויסגעפילט געווארען פון א ווייטען, נאר דייטליכען געמורמעל: סלאווע ביי זיך אין קיר.

ח.

ביי גרשון דעם שוחט, דעם מייסטער פון חלף, האבען לעצ־טענס אנגעהויבען טרעפען אומגעוועהנליכע זאכען: ער האט געמאכט טרפות. ער האט נישט דערקוילעט. ער האט איבערגע־קוילעט. ער האט געשניטען קרום. ווייבער האבען זיך געוואונ־דערט און זיך געבלאזען, נאר דערווייל נאך יערע פאר זיך און נישט געוואוסט איינע פון דער צווייטער. ביז גנעסיע די שוחט'־קע — א יודינע א שרייערין און א שילטערין, א קליפה וואס האט געפרעסען דאס גאנצע הויז און זיך אליין מעהר פון אלעמען — איז ארוים מיט א גוואלד: ער איז משוגע געווארען, דער שיינער שוחט איהרער! שוין חדשים אז ער עסט נישט קיין פלייש און קיין פליישיגס — פריהער געזאגט, ער איז קראנק, דערנאך — ער האט פיינד — פיינד נאר! — און איצט האט עס ארויסגעפלאצט: ער וויל נישט קוילען! ער ענטזאגט זיך אינגאנצען צו קוילען. ער וויל נישט, זאגט ער, זיין קיין שופך דם. גוואלד, וואס שווייגען יודען!

יודען האבען געלאכט און נישט געגלויבט. נאר דאנערשטאג אין דער פריה האבען די קצבים געשטורמט גרשון'ס הויז, און דער בעל טאקסע איז ארויס פון דארט א פערשוויצטער און גע־קוועטשט מיט די אקסלען. די קצבים האבען געליארמט, אז זיי וועלען איהם בינדען — נאר זיך בעקלערט, אז וואס וועלען זיי האבען פון א געבונדענעם שוחט, האבען זיי גענומען ביי איהם זיך בעטען, און ווידער שרייען, און ווידער בעטען — און גאר־נישט.

בעלי־בתים האבען געשטוינט. ער איז פון זינען אראב, צי

וואס? וואו האט מען געהערט ביי יודען אזעלכע זאכען? א חוכא וטלולא, און גאר! מ'האט דערצעהלט דעם רב וועגען דעם. ער האט אויפגעהויבען די ברעמען און געזאגט: „אה?" — האט מען נאכאמאל דערצעהלט. ער האט געשוויגען, און דער גבאי פון שוהל, וואס האט איהם איבערגעגעבען די מעשה, האט זיך גע־שטעלט פון פוס אויף פוס און נישט געוואוסט וואס ווייטער צו טהון. ענדליך האט דער רב געהייסען צושיקען גרשונ'ען צו'ן איהם. נאר דער שוחט האט זיך ערגעץ אויסבעהאלטען — מ'האט איהם נישט געקאנט געפינען. די שטאדט איז געבליבען אויף שבת אהן פלייש.

שבת צו־נאכטס איז גרשון אליין געקומען צו'ם רב. אנ־שטאט „גוט־וואך" האט ער גלייך ביי'ם אריינקומען אבגעהיר־זשעט אויף זיינע פיינסטע טענער און מיט אינטערעס פערקוקט אין א ווינקעל פון זאל, וואו עס איז לחלוטין נישט געווען וואס צו זעהן.

דער רב האט אויף איהם אנגעשטעלט זיינע אויגען און האט איהם ענדליך דאך דערזעהען, און צווישען די צוויי איז פארגע־קומען איינער פון זייערע שמועסען. דער רב האט זיך מכין געווען און געזאגט:

— סטייטש?

גרשון האט געענטפערט מיט א צווייטען הילכיגען הירזש.

— נו? — האט דער רב ווייטער געפארשט.

— ואת הדם לא תאכלו! — האט גרשון בעגרינדעט מיט א געמאכטער פעסטקייט.

— לא תאכלו, — האט דער רב געזאגט.

די געמאכטע פעסטקייט האט זיך אויגענבליקליך אויסגע־דעמפט. גרשון האט פערלוירען דעם צוטרוי צו פסוקים. מיט א פסוק ווייסטו קיינמאל נישט וואו דו האלטסט.

— כי הדם הוא הנפש, — האט ער פון דעסטוועגען געמאכט א צווייטען פערזוך, מיט דייטליכען פערדאכט אינ'ם טאן.

— והבשר תאכל. ווי זשע קאן דאס געמאלט זיין?

נאָר דער רב האָט שוין פערלוירען די גערולד, און האָט צו־געלעגט:

— און סתם — וואָס איז עס פאַר אַ שטות? ווי קומסטו דערצו?

גרשון האָט געשוויגען. דער רב איז געוואָרען אומרוהיג. אַ טונקלער ענין — ער האָט נאָר קיינמאָל דערפון נישט געטראַכט. און יענער שוויגט. וואָס זשע שווייגט ער?

ביי'ם שוחט'ס אוועקגאַנג האָט איהם דער רב נאָכגעשיקט:

— דו האָסט די וועלט נישט בעשאַפען.

גרשון האָט צוגעגעבען, אַז ניין, נישט ער. ער איז אוועק אהיים און געשיקט זאָגען דעם גבאי, ער זאָל אַראָבבערענגען פון ערגעץ אַן אַנדער שוחט.

דער גבאי איז געוועזען אין כעס, און האָט עס שוין געהאַט אָב־געטהון. נאָר אַז דער נייער שוחט איז געקומען האָבען בעלי־בתים פון דעסטוועגען גע'פסקנ'ט, ער זאָל בעלוינען גרשונ'ען פאַר די חזקה. און ווייטער איז גנעסיע אַרום מיט אַ ליאַרם, ביים גבאי אין הויז, אַז — ער נעהמט נישט! ער'ט נישט נעהמען, זאָגט ער, קיין חזקה־געלד. ער וויל, נישט אַנדערש, זי זאָל געהן מיט איהרע קינדער איבער די הייזער. ניין, זי וועט איהם אָב'גט'ן, און אַ סוף זאָל עס נעהמען! צוואַנציג יאָהר אָבגעפּלאָגט זיך מיט ד'עם דאַזיגען גזלן, דעם רוצח — דעם... דעם... — וויפיעל איז דער שיעור?

דער גבאי האָט זי בערוהיגט: מ'וועט געבען דאָס געלד איהר אין די הענד אריין — זאָל זי עפּענען עפּעס אַ קרעמעל, צי וואָס. נאָר די ארורה האָט איהם אָבגעזידעלט פון קאָפּ ביז די פיס. זי וועט נעהמען חזקה־געלד? נישט דערהאַרען וועלען איהרע שונאים און ווער איהר ביז גינט. ווי קומט צו'ן איהר אַ חזקה? זי איז נישט דער שוחט — זי איז די שוחט'קע. און ער לעבט נאָך, נישט דערלעבען זאָל ער ביז איבעראיאהר, דער רוצח, וואָס צאַפּט איהר דאָס בלוט שוין צוואַנציג יאָהר ווי איין טאָג!

דער סוף איז געווען, זי האט נישט גענומען — און נישט גענומען.

שטאדט איז געווען אין דער גרעסטער פערלעגענהייט. א געזינדעל פון משוגעים! און וואס טהוט מען מיט אזא'ן אנשי־קעניש? ווייל שכנות האבען דערצעהלט, אז מ'הונגערט שוין ביי גרשונ'ען אין הויז. מילא — מ'וועט איהם צונויפשטעלען א קנעלונג.

מ'האט פרובירט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער יוד איז א גאנץ קנאפער למדן. עלטערע יונגלעך האבען ביי איהם גארנישט וואס צו לערנען. ביסלעכווייז זענען די גרעסערע קינדער פערשוואונדען, און קלענערע — און א פאר מיידלעך — האבען פערנומען זייער פלאץ. גרשון איז געווארען א דרדקי־מלמד. נאר זיין נאמען איז פערבליבען „גרשון שוחט“.

ט.

פאר פסח איז גרשון איינמאל אריין צו'ם רב אינמיטען טאג. אויף זיין געזיכט איז געליגען א משונה'דיגער אויסדרוק פון נצחון. ער האט געבראכט „דאס בלאט“. אט דא־א שטעהט עס געשריעבען.

דער רב האט אריינגעקוקט, און צו'ם ערשטען מאל פאר יאה־רען האט א בלאסער שמייכעל א שוועב געטהון איבער זיינע דינע ליפען. גרשון האט סימפאטיזירט: ההההררר!

— און א משומד! — האט ער צוגעלעגט — און געבליבען שטעהן דערשראקען, מיט אן אפען מויל. דער רב איז געווארען זעהר בלייך, און זיין פנים האט זיך אויסגעצויגען ווי פון גומי. גרשון האט זיך אבגעטראגען, און דער רב האט לענגליך געקוקט אין פענסטער.

דער יודישער עולם האט נישט גלייך פערשטאנען דאס נייעס. מ'האט שוין פריהער געהערט פונ'ם „משוגע'נעם משומד“. עפעס א מאנאך — א גע'שמד'טער יוד — האט זיך געלאזען הערען די

לעצטע צייט. ער איז געווען א רעדנער פון ווילדער קראַפט. זיין שטים, זיינע זשעסטען, זיין מימיק — אַלעס איז געווען אומער־וואַרטעט, אויסטערליש, ביזאַרר, און זיינע צוהערער — מייסטענס פון פּראַסטען, פּויערשען עולם — האָבען געפּיעבערט פון אויפרעג־גונג. זיין טעמע איז געווען — יודען. און דאָס איז געווען זיין לעצטער אויפטהו.

יודען האָבען געדריקט מיט די אַקסלען. בלוט — מצות — פּסח... פּלוידעריי. ווער וועט איהם גלויבען? נישמעהר, דער ענין איז נישט געווען אינגאַנצען אומבעקאַנט. בלוט אויף פּסח — „עלילת־דם", הייסט עס? דאָס האָט דערמאַנט די „ימי־הבינים". אויך — „גאַנטאַ", „חמעלניצקי", „האַידאַמאַטשינאַ". האַלב־פּערגעסענע, אָבער בעקאַנטע נעמען; אַ סאָרט מאָדנע אייגענטום, וואָס יודען וואָלטען עס אפשר — אַ ז ע ס א י ז ש וי ן ד אַ — נישט אַוועקגעגעבען. דער אינטערעס איז געוואָרען שאַרפער, ענגסטליכער, ביטערער. עס האָט זיך אויפגעזוכט דער פּערלוירע־נער עק פון׳ם פאָדעם. און מיטאַמאָל איז דאָס לעבען געוואָרען פול מיט טראַור און הערליכקייט, ווי אַ געוואַלטיגע שרפה אין מיעף פון דער נאַכט.

י.

מיט דער צייט איז דער שטורם פון עלילת־דם פאַריבער. די פּאַלגען זענען אריינגעפיהרט געוואָרען אין די פּנקסים פון פּיעלע יודישע שטעדט. און איידער די אותיות האָבען אָנגעהויבען בלאַס צו ווערען, איז געקומען די מלחמה.

יא.

בייטאָג האָט מען נאָך גאָרנישט געהערט, נאָר די פינסטער־ניש פלעגט שוין ברענגען פון מערב־זייט אַ ווייט געמורמעל — אַ מאָל אַ קורצען ברום, אַ מאָל אַ לאַנג, צעצויגען געראָל. פאַרביי דער שטאָדט, איבער׳ן הויפּט־טראַקט פון׳ם לאַנגען און שמאָלען

גאלאראווער אויעזד, האבען ווי טאג אזוי נאכט געצויגען מחנות פון יודען וואס מ'האט ארויסגעטריבען פון די שטעדט ביי'ם פראנט: איצט האט עס געהייסען, אז יודען זענען שפיאנען און פערראטען דאס לאנד צו'ם שונא. אויף איין שטעל האט דער טראקט געריינגעלט א נאהנטען בארג אויף זיין פנים געווענדט צו דער שטאדט, און פון קריוואדוב האט מען געזעהען דעם ענדלאזען לאנגזאמען פלוס פון פוסגעהער, דורכגעמישט מיט וואר־ניט־וואו א הויד־געפאקטע וואגען, מייסטענס געשפאנט צו אקסען, און א מאל אויך א רייטער אויף א מאגערער קליאטשע. ביינאכט האבען דארט ארומגעטאנצט די רויטע, שכור'ע אויגען פון פאקלען, און עס האט זיך געשפרייט איבער'ן לאנד — אונטער דער בעגלייטונג פון דער טעגליך־שטייגענדער קאנאנאדע — א סקריפען פון אקסען, א הירזשען פון פערד, א רעווען פון אקסען, און דאס פערשטיקטע, פערמישטע געוויש פון'ם מענשליכען שטראם.

פיעלע פון די וואנדערער האבען געמאכט א בעזוך אין שטאדט געבעטען שפייז אדער וואסער, קארג און אפאטיש דערצעהלט וועגען דעם וואס עס טהוט זיך אין אנדערע שטעדט, און צוריק אריינגעטריפט אין שטראם. מ'האט גערעדט, אז איינגיכען וועט עס אנקומען אויך צו קריוואדוב, און אז מ'וואלט בעדארפט אנגעהמען מיטלען. אבער מ'האט קיין זאך נישט געטהון, און דערצו — וואס פאר מיטלען? קיינער קויפט נישט. א פאר מענשען האבען אנגעבאטען צו פערקויפען זייערע הייזער און חפצים צו שטאדטישע פערמעגליכע פויערען, נאר יענע האבען געענטפערט: „צו וואס זאלען מיר קויפען פאר געלד?"

דער שליאך ארום בארג האט זיך גוט אנגעזעהען פון די פענסטער פון זאל, און דער רב איז געזעסען און ארויסגעקוקט גאנצענע טעג און שפעט אין די נעכט. זיין קאפ איז שוין געווען גרוי דורכאויס, זיין שטערן ווייס און עטוואס דורכזיכטיג, און דער בליק פון די אויגען קיהל און לויטער ווי קרישטאל און זעהר רוהיג. און אזוי איז ער געזעסען און געטראכט וועגען דעם וואס

ער זעהט, וועגען זאַכען אַרום דעם, און וועגען זאַכען ווייט פון דעם, אין צייט ווי אין אָרט.

דער יוד האָט אָבגעטראַכט אַ לעבען, און צום סוף זענען פּיע־לע זאַכען געוואָרען פאַר איהם זעהר קלאָר, און אַנדערע זענען געבלי־בען אומפערשטענדליך, הגם נישט צו׳ם בעאומרוהיגען. צווישען אַנ־דערעס, ווען זיינע אויגען האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף סלאַווע׳ן, האָט אין זיי אויפגעשימערט אַ שוואַכע שיין פון אינטערעס.

די אַלטע האָט נאָך אַלץ געפיהרט דאָס הויז, נאָר געטהון זאַכען אָהן טאַלק און מיט אַ געוויסען צעטראָגענעם אימפּעט. זי האָט שטענדיג גערעדט צו זיך, אפילו אין דער אַנוועזענהייט פון זייטיגע מענשען, נאָר אויסערסט פראַגמענטאַריש, און אויב איהרע געדאַנקען האָבען זיך געקייטעלט, זענען פּיעלע רינגען געבליבען אינוועניג אין איהר. אין אַלעם איבריגען האָט די עלטער אויף איהר נישט געווירקט. פערקעהרט, איהר פיגור איז ווי געוואָרען דראַהטיגער, און איהרע בעוועגונגען העפטיג, ווי דער שוואונג פון אַ שפּרינגפעדער, נאָר אָהן קיילעכדיגקייט. פאַר אַ זייטיגען מענ־שען האָט זי געשיינט צו זיין אַ ביסעל צעמישט, נאָר דער רב האָט עס אויפגענומען נישט אַזוי, הגם קיין קלאָרע אויפפאַסונג האָט ער זיך נישט געקאָנט שאַפען. זי האָט מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגעציינט, אַז צו׳ן איהר גרייכט וואָס פון דעם וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט, אָדער מיט יודען. געהאַנדעלט האָט זי מיט דעטאַילען פון נאָהנטער אומגעבונג, און גערעדט און גע־טראַכט פון גאָט ווייסט וואָס.

לסוף איז געקומען דער טאָג פאַר די שטאָדט קריוואָדוב. דער איספּראַווניק — „פאַפּיערען" — קאָזאַקען. מ׳האָט געגעבען דריי טאָג צייט, נאָר די ערשטע צוויי זענען אַוועק אין הכנות וואָס האָבען געשריעבען און געמעקט, און בעגינען פון דריטען טאָג האָט דער גאַלאָראַוועך טראַקט אויפגענומען אַ נייעם צו־פלוס. די קהילה איז צעבראַכען געוואָרען, יעדערער איז געוועזען פאַר זיך, און דער מישמאַש גרויס, נאָר דער עולם האָט געצויגען

אין צעדולטער גלייכגילטיגקייט. בלויז קינדער ביי דער ברוסט האבען געוויינט וואר־נים־וואו; עלטערע קינדער איז דער עסק געווען געפעלען.

די יונגערע און מיטעליעהריגע גוים זענען אלע געווען אין שטאדט. זיי האבען ווייניג געאכט אויף די ציהענדע מחנה יודען און זענען געווען פערטראגען אין זייערע אייגענע געשעפטען, און איינמאל האט צווישען א גרופע זייערע אויסגעבראכען א געשלעג צוליעב דעם שטאדטישען גביר'ס הויז. קיין אלטע לייט איז נישט געווען צו זעהן. ביי דער „צארענע" האבען עטליכע קליינע שקצים־לער געווען אנגעהויבען ווארפען שטיינער, נאר א גרויער פיערקאנ־טיגער קאפ מיט צעשויבערטע ברעמען האט זיך ארויסגעשטעקט פון א פענסטער אין איינער פון די חאטעס און אנגעשריגען אויף זיי חמורנע און קורץ — זענען די שקצים פערשוואונדען. עס איז געווען א לאנגער טאג אין תמוז, נאר שפעט ביינאכט האט דער וועג צו'ם בארג נאך אלץ געטונקעלט פון מענשען.

און אזוי ארום איז נישט געווארען די שטאדט קריוואדוב — דער יודישער קריוואדוב, וואס האט נאך חמעלניצקי'ן געצאהלט צינזען אין בלוט. —

יב.

דער הויפטשטראם איבער'ן טראקט איז געגאנגען געדיכט, לאנגזאם, און האט אומווידערשטעהליך געמאהלען און צעלאזען אין זיך די זייטיגע צופלוסען, אזוי אז משפחות האבען קוים בעוויזען צו האלטען זיך צוזאמען. קאזאקען אויף פערד האבען שיטער געריטען פוןביידע זייטען און פון צייט צו צייט געמונטערט די אבשטעהענדע אויף זייער איינענעם שטייגער. דא האט מען שוין וואר־נים־וואו געהערט דאס דינע און שטילע געוויין פון א פרוי.

דער רב האט לאנגזאם געשפאנט מיט'ן טלית־זאק אונטער'ן

ארם, און סלאווע איז געגאנגען נעבען איהם. די נאכט איז געווען א הייסע, נאר אין אפענעם פעלד איז זי געווען ערטרעגליך. אז מ'האט אומגערינגעלט דעם בארג, האט זיך מיטאמאל אויפגעוויקעלט פאר די אויגען א ברייטע, אומבעקאנטע וועלט, מיט ווייטע, בייזע פייערען אין מערב־זייט, און לאנגע שאטענס זענען געלאפען איבער'ן לאנד, און גרויסע צעפלאסענע פלעקען זענען ערטערווייז פלוצים ארויסגעטראטען פון דער פינסטערניש און צוריק אין איהר פערשוואונדען, און דער דונער פון קאנאנען האט זיך מיט הרחבה געקייקעלט פון האריזאנט צו האריזאנט. די קאנאנאדע, אין אלגעמיין פון מערב, האט זיך ווי אויסגעבויגען און צוגעטראטען נעהנטער פון דרום־מערב־ווינקעל, און דארט איז דער הימעל געווען בלוט־רויט, און די רויטקייט האט געפלאטערט ווי א פאהן און נישט גערוהט קיין מינוט. ווינטלעך האבען געבראכט פון דער ווייטען דינע און מאמענטאלע, נאר הארבע און בייסיגע ריחות פון ברענענדען האלץ און אנדערע שטאפען. הויך איבער'ן קאפ האבען פון צעפלעקטען הימעל ארויסגעקוקט שטערען — ווייט און צוריקגעצויגען, געל און מאט ווי פון אויסגעפוצטען מעש. ניעדריג אין מזרח האט א קליינער שטערן געפינטעלט מיט אן אויג און נישט פערשטאנען.

דורך די נאכט איז דער ענדלאזער קאראוואן געווארען געדיכט און געדיכטער. עס איז צוגעקומען די יודישע בעפעלקערונג פון פאלאראט, באלניק, מאראוואן און טשערנאפאליע, פון דער איינציגער אין דער גובערניע יודישער פויערן־קאלאניע באכטשא, פון די עטליכע קליינינקע שטעדטעלעך וואס האבען געבילדעט דעם צוואראפענעם ראסלאוור סטאן. דורך די נאכט איז אויך די לופט געווארען געדיכטער, און אז דער טאג איז געקומען איז דער ווייטער רויטער גליה אויפ'ן הימעל פערגאנגען, און א שיטערער נעבעל געמישט מיט רויך האט געוואסערט די ווייטקייט און פערצויגען די נאהנטע פנים'ער מיט א גרויען, מרה־שחורה'דיגען הויך. די בעוועגונג פון

דער מחנה איז געווארען נאך לאנגזאמער, און יעדער פון די נייד צוגעקומענע מענשען האט זיך אינגיכען אריינגעוויעגט אין דעם איינטאניגען גאנג און געשפאנט מעכאניש און שלעפעריג, ווי אין א וועג פון אייביג ביז אייביג. די געצעהלטע פוהרען האבען געד סקריפעט שטיל און פערלוירען, און די אקסען האבען געוואקעלט פארויס מיט אראבגעלאזענע קעפ און האלב־פערמאכטע אויגען, און בלויז צייטענווייז און ערגעץ־וואו האט אן אקס געהויבען אן אויגענלעדעל, געוויזען א מאטען פערגלעזערטען באל, און צוריק איהם פערדעקט. מאנכע פון די פוהרלעד זענען געווען גוי׳אישע, און זייערע אייגענטימער האבען זיך אנגעדונגען פאר זעהר הויד כע פרייזען, נאר איצט האבען זיי זיך געוויעגט אויף זייערע קעלד ניעס מיט אזא׳ן אפאטיע ווי זיי וואלטען אליין אויך געהערען צו׳ם גירוש. א גוי מיט א מאגערען יונגליכען פנים אויף איינער פון די פוהרען האט געפינטעלט און געפינטעלט מיט די אויגען — און פלוצים פערצויגען א לאנג און אן אומעטיג ליעדעל, אין טענער פון נאז ארויס, פערטראכט און פערלוירען, ווי ער וואלט זיך געפינען איינער אליין אויף א שטילען פערוואָרפענעם וועג. א יודישער בעלד עגלה, וואס איז געפאהרען דירעקט הינטער איהם, האט געעפענט דאס מויל און אויפגעהויבען א וויילע אויף איהם זיינע אויגען — און צוריק אראבגעלאזען דעם קאפ אויף זיין ברוסט. די שטונדען האבען געטריפט ווי טראפענס געשמאלצענעם פעך.

מענשען האבען אנגעהויבען אוועקפאלען. די קאזאקען האבען תחלת געטריבען, מיט זידלעריי און נאגאיקעס, נאך די צאהל פון געפאלענע און אבגעשטאנענע איז געוואקסען און די קאזאקען, מיט פערצארנטע פנימ׳ער, האבען זיך אנגעהויבען מאכען נישט זעהענד דיג, וואוהין, איינענטליך, איז מען געגאנגען? קיינער האט רעכט נישט געוואוסט. די קאזאקען האבען געהאט אומקלארע און ווייד דערשפרעכליכע בעפעהלען, געגעבען אהן טאלק, אדער מיט א פערד בארגענער כונה—אדער ביידערליי. פיעלע האבען שוין געהאט פערד צעהרט דאס ביסעל שפייז וואס זיי האבען בעוויזען מיטצונעהד

מען, און קינדער האבען געוויינט. נאך ערגער איז עס געווען מיט'ן דארשט, און דאס האט פעראורזאכט — דארט וואו א קניע פונ'ם פלאכען און בלאטיגען ל ע ה ל י ט ש איז צוגעקומען נים ווייט פונ'ם טראקט — א געדרענג אויף שטונדען לאנג, וועהרענד פון הינטען האבען געשפארט ווי א לאווינע אלע נייע און נייע מחנות.

פון דער בעדייטענדער שטאדט ק א ר א ו ו א י זענען יודען ארויסגעקומען אנטקעגען מיט ברויט און וואסער. נאר איידער מ'האט בעוויזען צו פערטיילען די קארגע און מאגערע הילף, איז דאס געדרענג אינ'ם מאל ביי דער שטאדט געווארען אזוי גרויס, אז די בעוועגונג האט זיך אבגעשטעלט. מענשען זענען געווען צונויפגעדריקט ווי א וואנד. ווייבער האבען גע'חלש'ט אדער גע־קוויטשעט עפעס וועגען זייערע קינדער, א פאר פערד האבען זיך דערשראקען, געטאנצט אין שפאן און געבריקעט אין די געדיכטע מאסע, און פון ווייטען האבען זיך געלאזט הערען געשרייען און זידלערייען פון די קאזאקען, דער פייף פון נאגאיקעס און אויסגע־שרייען פון וועהטאג און שרעק. אין עטליכע מינוט ארום האט די גאנצע מאסע א ציטער געטהון און זיך אוועקגעריסען ווי דאס אייז אויף א נארוואס געעפענטען טייך. דער רים איז געקומען פלוצים און מיט א געוואלטיגען אימפעט, מיט א שטורם פון פער־שיעדענע זייטען פאראמאל, מיט א נעדרעה אין בויגענס און רע־דער — און אין איין מאמענט זענען הונדערטער מענשען צעטרא־טען געווארען אויף טויט און טויזענדער פאמיליעס זענען צעשיידט און צעשאטען געווארען אויף שטענדיג, מיט יעמערליכע געשרייען, מיט פערצווייפעלט אויסגעשטרעקטע הענד צו אוועקשווי־מענדע פנים'ער, מיט ווילדען, האפנונגסלאזען ראנגלען זיך פון איינע, און מיט שטומע און אפאטישע בליקען פון אנדערע. דער חורבן איז געקומען ווי אן עקספלאזיע — אויגענבליקליך און נישט צום איבערמאכען.

אין דעם געדרענג האט מען דעם קריוואדובער רב צוגע־

קוועטשט די ברוסט. דער אַלטער איז געהאַנגען אַהן אָטהעם ווי שטייף איינגעוויקעלט אין אַ קנויל פון מענשען. עס איז איהם געוואָרען פינסטער אין די אויגען, און די געדאַנקען האָבען זיך ביי איהם געמישט. דערנאָך האָט עס איהם אוועקגעטראָגען ווי אַ שפּענדעל, און אין שמאָלסטען טייל פון טאָל, וואו דער שטראָם האָט געווילדעוועט און געשלאָגען אַרויף צו די ברעגען, האָט ער איהם אַרויפגעוואָרפען אויף אַ בערגעל און אַבגעפלאָסען ווייטער. ער איז געקומען אַ ביסעל צו זיך, ליעגענדיג אויף דער ערד. דער שטראָם האָט אַלץ געריסען און געריסען, געשוימט צו די ברעגען און עפּטערס צוגעקומען נאָהנט צו'ן איהם. די געפאַהר צעטראָ־טען צו ווערען אונטער די פיס פון די לויפענדע איז געווען גרויס, און דער רב האָט פּרובירט זיך אויפהייבען — און איז אוועקגע־פאַלען צוריק. זיינע אויגען האָבען זיך געעפענט אַ ביסעל ברייטער און די אויערען זיך אויפגעשפּיצט, ווי ער וואָלט זיך צוהערען צו'ן עפּעס אינוועניג אין זיך. ער האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. פאַרוואָס דען נישט? שוין טאָקע צייט. ער האָט פון דעסטוועגען זיך אָנגעטהון אַ כח און לאַנגזאַם, צאָהל ביי צאָהל, זיך אַרויפגערוקט העכער אויפ'ן באַרג. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אָן אַ שטיין און אויסגעצויגען דעם קליינעם אַלטען גוף. קיין שמערצען האָט ער נישט געפיהלט, נאָר ער איז געווען זעהר שוואַך, און די שוואַכקייט איז געוואַקסען פון מינוט.

פון דאַנען האָט זיך געעפענט אַ ברייטער אויסקוק אויף מייּ־לען אַרום, און פאַר איהם איז קלאָר געוואָרען די אורזאַך פון גע־דרענג.

בייּ קאַראַוואַי האָט זיך אַריינגעגאָסען אין גאַלאַראַוועער פּראָקט אַ ברייטער ווייכער שליאַך, וואָס איז געקומען פון דרום־מערב, פון ראַיאָן גאַרני פּאַליעץ, און האָט געבראַכט מיט זיך אַ שטראָם עמיגראַנטען פון דער שטאָדט פּאַליעץ און אומגעגענד. אויסערדעם האָט אויף דעמזעלבען פלאַץ געשניטען דעם טראַקט, אונטער אַ שאַרפען ווינקעל, אַ הויכער און שמאָלער

שאסיי, און אויף איהם האט זיך געוויזען פון ווייטען א לאנגער אקסענצוג מיט פוראזש פאר דאס מיליטער, אויף זיין וועג צו דער דרום־מערב־אייזענבאהן. דער זייטיגער צופלוס פון שליאך האט זיך אריינגעשניטען אין הויפטשטראם, און די כמעט פערדאפעל־טע מאסע האט זיך פערקלעמט אין טאל. דער שאסיי האט בע־דארפט געהאלטען ווערען פריי פאר די מיליטערישע אינטענדאנ־טור — און דער קאזאצקער עסקארט האט זיך פערלוירען. פריי־הער האט מען גענומען טרייבען די מחנה אין ביידע ריכטונגען אויף יענערזייט קרייצוועג — איבער'ן טראקט און איבער'ן שא־סיי; דערנאך האט מען זיך בערענקט, און געטריבען צוריק פון שאסיי צום טראקט אליין; דערנאך זענען עטליכע קאזאקען אוועקגעפלויגען צוריק מיט א בעפעהל אבצושטעלען דעם שטראם ערגעץ־וואו העכער פון קאראוואי — מ'מוז דורכלאזען דעם „אבאז“. דער מישמאש איז דערוואקסען צו'ן א קאטאסטראפע.

דער רב איז געליגען אויפ'ן בערגעל און געטהעמט אין לאנגע צוגען, זיין קערפער איז צוגעפאלען צו'ם באדען לויז און פלאך, ווי א לעדיגער זאק, נאר די אויגען האבען רוהיג און לאנגזאם געשוועבט איבער דער פאניק אין דער מחנה, איבער דעם אפענעם פליין, איבער'ן פערהויכטען האריזאנט. די פעלדער ארום זענען דאס יאהר געבליבען אויף גאט'ס בעראט און האבען געבילדעט א ים פון פערגעלטע, פערדארטע גראזען און פון בלאסען טרוקענעם היי אין פיעלע ערטער צוגעטראטען צו דער ערד. און נאר אין איין פלאץ איז פרעמד געליגען א פיערקאנטיגער פלעק פון פריי־שען גרינס און גאלד — אן איינציג בעארביים שטיק פעלד אין מיטען דער פערוואהרלאזער סטעפ. צו מזרח, מיט עטליכע מייל ווייטער, האט די ערד זיך געבראכען און געוויזען אונטערבארען פון געלער לעהם, געמישט מיט ריעזיגע ברוינע שטיינער: דארט האבען זיך אנגעפאנגען די בעריהמטע „יארען“ — שפאלטען אין דער קארע פון דער ערד אויף הונדערטער פוס אין די טיעף און — מיט קאַ־פריזנע זיגזאגען — אויף הונדערטער מייל אין די לענג. פארביי

דעם בעארבייטען פעלד איז געגאנגען א שמאלער, ווייסליכער דארפישער וועג. אויף איהם איז נישט געווען צו זעהן קיין איינ־ציגען סימן פון לעבען. אין רוה און אין איינזאמקייט האט ער געצויגען צווישען די גראזען — געצויגען און געצויגען ערגעץ זעהר וויט, געווארען אלץ דינער און דינער, ביז דאס אויג האט מעהר נישט געקאנט דעם דינעם ווייסליכען פאדעם אונטערשיידען פון דער ארומיגער סטעפ. וואוהין, א שטייגער, האט געפיהרט דער דאזיגער וועג?

יג.

אינ׳ם נעדרענג ביי קאראוואי האט גרשון שוחט פערלוירען זיין היטעל און זיין פאמיליע.

ער האט זיך ענדליך דורכגעשלאגען א וועג פון שטראם ארויס און איז עטליכע מייל געלאפען ביי דער זייט, געשריגען, גערופען, געמאכט מיט די הענד, ביז ער איז געווארען הייזעריג, און זיינע געשרייען זענען ארויסגעקומען האלב מיט א חריפ, האלב מיט א קוויטש. ביסלעכוויז האט ער זיך איינגעשטילט. ער האט זיך געשלעפט דערשלאגען און צעדולט, מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ, און צו׳ן איהם איז נישט דערגאנגען דער קלאנג, וואס האט זיך פערשפרייט צווישען דער מחנה — אז אין מ א ס ל י א נ י צ י טשעפעט מען זיך.

דער טראקט האט געשניטען דאס גרויסע אינדוסטריעלע דארף אין דער סאמע מיט. דארט האבען זיך געפונען גרויסע ציגעלניעס, זעהר פיעלע קליינע קוזניעס וואו מ׳האט געמאכט האנד־געשמיעד־טע נענעל, און א סאמאווארענפאבריק. די ארבייטער האבען זיך געקליבען ארום טראקט, געלאכט און געווארפען שטיינער. די קא־זאקען האבען זיך קלאמערשט געבייזערט, נאר די אנפאלער, מיינ־טענס יונגע שקצים, האבען געזעהען — און געווארען וואס א מאל דרייסטער. ביי׳ם אריינגאנג און ארויסגאנג פון דארף האט מען איינצעלנע מענשען בערויבט און געשלאגען.

גרשון האט זיך געחאפט שפעט. ער האט זיך געפונען א

טריט צוואנציג פון טראקט. און דערזעהענדיג וואס עס קומט פאר, האט ער זיך מיט א צאפעל, נאר לאנגזאם, ווי אהן כונה, גענומען רוקען נעהנטער צו דער מחנה. א שייגעץ האט איהם בעמערקט מיט א לאד, און א ציה געטהון זיינען א חבר ביי'ם ארבעל. גרשון האט געקוקט אז א זייט און זיך אוועקגערוקט פון טראקט, ווי ער וואלט עפעס זוכען. מיט א ווינקעל פון אויג האט ער געזעהען, אז די צוויי שקצים געהען צו'ן איהם. זיינע קניע האבען געציטערט אונטער איהם, און ער האט זיך האסטיג א קעהר געטהון אהינ־טער און זיך געלאזען צו דער מחנה אין א קרומער ליניע, נאר איהם אנטקעגען איז געקומען א דריטער שייגעץ. ער האט זיך א ווארף געטהון וויעדער פארויס, נאר ער איז שוין געווען אבגע־שניטען פון דער מחמה, ווי א שאף פון דער סטאדע, און — ווי א שאף אבגעשניטען פון דער סטאדע, האט ער זיך זינלאז דערוויי־טערט אין פעלד אריין.

דאס געיעג איז אנגעגאנגען געלאסען, כמעט געמיטליך. די שקצים האבען זיך געהאלטען אבגעשיידט איינער פון אנדערן, נאר נישט צו ווייט, און האבען זיך בעוועגט ארום גרשונ'ען אין א פלאכען בויגען. זיי האבען פרעהליך געוואונקען איינער צו'ם צווייטען, ווי עפעס וואלט זיי שטארק אמוזירט.

דער טראקט האט זיך אלץ דערווייטערט. גרשון'ס נערווען האבען נישט אויסגעהאלטען, און ער האט זיך פלוצים געלאזען לויפען מיט אלע זיינע כחות. די שקצים הינטער איהם האבען ארויסגעלאזען א הילכיג געלעכטער: מיט'ן קליינעם קאפעל אויפ'ן קאפ, מיט צעפאכטע פאלעס און אומגעשיקטע און האסטיגע לאנגע פיס, האט ער אויסגעזעהען ווי עפעס א משונה'דיגער לעכערליכער פויגעל. ער האט דערזעהען עפעס א בערגעל, איז פערלאפען ארום דעם — און געבליבען שטעהן ווי א פערגליווערטער ביי'ם סאמע ברעג פון אן אבגרונד. איינער פון די שקצים איז איהם געקומען אנטקעגען, א צווייטער האט זיך בעוויזען אויפ'ן קאפ פונ'ם בערגעל. נישט אומקוקענדיג זיך, האט גרשון געוואוסט, אז דער דריטער איז הינטער זיין פלייצע.

די יאַנד האָט זיך איינגעגעבען געגוי ווי זיי האָבען געוואָלט: די הויכע אומגעלומפּערטע פיגור האָט זיך געפונען ביי אַ קניע פון די גרויסע יאָרען. די שקצים האָבען געשצירעט ווייסע, יונגע ציינער. עס איז געווען צו זעהן, אַז עס איז זיי גוט און פרעהליך.

גרשון האָט געוואָרפען אַ זייטיגען בליק אין יאַר אריין. עס איז געווען זעהר טיעף, און פון דאָרט וואו ער איז געשטאַנען האָט מען קיין גרונד נישט געזעהען. דער בראָד איז געגאַנגען אראָב ווי אַ וואַנד, ערטערווייז דורכגעשטאָכען פון אַ שפּיציגען שטיין. פון איין אָרט האָט קרום ארויסגעשטאַרצט פון דער וואַנד אַ שווינד־זיכטיגע ווערבע. די זייט געגענאיבער, מיט עטליכע צעהנדליג פוס ווייטער, האָט געצייגט אַ פּאָר איבערגעקעהרטע טעראַסען, ווי אַ טרעפּ מיט'ן קאָפּ אראָב.

גרשונ'ען איז געווען קאַלט, נאָר עס האָט איהם געטריקענט אין האַלז, און אַז ער האָט געעפענט דאָס מויל און געזאָגט עפּעס, האָט מען נאַרנישט ניט געהערט, און די שקצים האָבען אַ ווילדע נייגעריג צוגעקוקט ווי ער מאַכט שטום מיט די ליפּען. דערנאָך האָט איינער פון זיי, מיט אַ גוטמוטיגען קיילעכדיגען ווייבערשען פּנים, זיך צעלאַכט און מיט אַ פּאַטש איהם אראָבגעשלאָגען דאָס קאַפּעל פון קאָפּ. אַ צווייטער האָט געזאָגט: „ניין", האָט עס אויפגעהויבען און עס צוריק ארויפגעזעצט, זעהר פּאָרזיכטיג, צו גרשונ'ען אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, אַ ביסעל אראָבגערוקט פאָרוים. ער האָט ווירק־ליך אויסגעזעהען זעהר קאָמיש.

— דאַוואַי הראשי *), — האָט געזאָגט דער וואָס האָט איהם אנגעטהון דאָס קאַפּעל.

גרשון האָט דורכגעשלאָגען דעם האַלז מיט אַ הוסט און גע־ענטפערט:

— ני **).

*) גיעב געלד.

**) ניין.

ער האט געמיינט דערמיט — ער האט נישט. ער האט קוים — און שלעבט — געוואוסט עטליכע ווערטער אין „גוי'איש".

דער שייגעץ האט פערשמעלערט זיינע אויגען.

— ני?...

ער איז צוגעטראטען נעהנטער און גענומען איהם בעזוכען.

— ער האט גארנישט, — האט ער געזאגט צו די אנדערע צוויי, און פלוצים האט ער איהם גראב מבייש געווען און דערביי פערשאפט א שרעקליכען וועהטאג.

גרשון האט ארויסגעלאזט א קרעכץ און איהם אנגעחאפט ביי א האנד. דער שייגעץ איז געבליבען שטעהן א סעקונדע. דערנאך האט ער ארויסגעדרעהט זיין האנד פון גרשון'ס, האט זיך אנגעשפארט מיט ביידע הענד אן יענעמ'ס ברוסט און גענומען איהם שטופען אהינטער, לאנגזאם, זעהר לאנגזאם, און דערביי האט ער איהם געקוקט גלייך אין די אויגען מילד און פריינדליך. די אנדערע צוויי שקצים האבען געשמייכעלט.

גרשונ'ען האבען געשטאכען די האר אין קאפ.

— זשינקא *)... — האט ער ארויסגעסאפעט און זיך נישט געלאזען. — דיטע **).

— ניטשאהא ***), — האט איהם דער שייגעץ בערוהיגט מיט ווייכקייט, און ווייטער געשטופט.

גרשון האט אנגעהויבען וויינען, פריהער שטיל, דערנאך העכער. זיין מויל האט זיך אויסגעקרימט, דער קין האט זיך ארויסגערוקט פארויס, און די שטים איז געגאנגען ארויף און אראב — דין, פערצווייפעלט און ביטער, ווי דאס געוויין פון א קינד. די שקצים פון ביידע זייטען האבען זיך נישט געריהרט פון די ערטער. ביידע, ווי איינער, האבען צוזאמענגעדריקט די צייהן, זייערע ליפען

---

*) א ווייב.

**) קינדער.

***) עס מאכט נישט אויס.

האבען זיך צעעפענט, און די אויגען האבען געקוקט גרויס און פינקעלדיג.

די צוויי האבען זיך געראנגעלט ביי'ם סאמע אבגרונד, יעדערער אין די צונויפגעשלייפטע ארעמס פון צווייטען. ביסלעכווייז איז גרשון'ס געוויין שטילער געווארען, ביז די ענגשאפט אין דער ברוסט האט עס איינגאנצען פערשטיקט. איצט איז איהם געווען ווארעמער, פיעל ווארעמער — גרויסע טראפענס שוויים זענען ארויסגעטראטען אויף זיין שטערן. פון אונטער זיין פוס האט זיך עפעס אזוינס ארויסגעגליטשט און זיך אוועקגעשאטען ערגעץ אראב. די טראפענס שוויים זענען געווארען גרעסער און געדיכטער, און א פאר פון זיי האבען זיך אראבגעקייקעלט צו'ן איהם אין מויל אריין. זיין רוקען האט זיך אויפגעהויקערט, ווי ביי א קאץ, און די ברוסט האט זיך גענומען בייגען פארויס, לאנגזאם, מיט אבשטעלען, נאר פאראויס און פאראויס און קיין איין מאל נישט צוריק.

זיין געגנער'ס פנים האט פערלוירען די גיפטיגע מילדקייט: עס האט זיך אויסגעצויגען, געווארען אנגעשטרענגט און פינסטער, און געוויזען צוויי גרויסע — גרעסער ווי פריהער — אויגען. איינמאל האט דער שייגעץ געעפענט דאס מויל, נאר גע־זאגט האט ער גארנישט, און דאס מויל איז אזוי פערבליבען אפען, ווייל גרשון האט דאן אויף א קורצען אויגענבליק פאנאנדערגענומען זיינע ארעמס און זיי ווידער ארומגעשלאסען ארום יענעם'ס ברוסט. דעם שייגעץ'ס גוף איז געווארען לויז און זיך גענומען אראבלאזען צו דער ערד, נאר גרשון האט איהם ניט געלאזען פא־לען: ער האט איהם אויפגעהויבען, זיך א דרעה געטהון ארום זיך ווי א ראד און — ווען ער איז געווען מיט'ן פנים צו'ם יאר — פאנאנדערגענומען די הענד. די פיגור מיט די אראבגעפאלענע הענד, ארויסגעקראכענע אויגען און אונטערגעבויגענע פיס איז אב־געפלויגען א ביסעל איבער'ן אבגרונד, אויף איין הויך מיט'ן ראנד, און פלוצים האט זי זיך אונטערגעטוקט און איז אהן א קלאנג פער־שוואונדען פון אויג.

די צוויי שקצים האבען געפינטעלט מיט די אויגען. אינ'ם שוואונג ארום זיך האט עס גרשונ'ען אבגעווארפען א ביסעל פון אבגרונד. זיין פייעריגע באָרד האט געשטארצט אין אלע זייטען, און די אויגען זענען פערלאפען מיט בלוט. ער האט א לאַך גע־טהון.

ביי דעם דאָזיגען לאַך האט איינער פון די שקצים אויפגעהערט צו פינטלען מיט די אויגען, האט א שפּרונג געטהון אריבער דאס בערגעל און איז אנטלאפען. אויף דאס ווייבערשע פנים פון צוויי־טען האט זיך גרשון'ס האנד אראבגעלאזען ווי א שיים האלץ. ער איז געפאלען מיט א קרעכץ, און גרשון איז ארויף אויף איהם מיט זיין גאנצען גוף און אוועקגעלעגט אויף זיין פנים א ביינעריגע האנד מיט פערבויגענע פינגער. איינער פון די פינגער האט געטראפען אין אן אויג, און דער שייגעץ האט ארויסגעלאזען א שרעקליכען קוויטש.

— שריי נישט, — האט גרשון געזאגט און טיעפער איינגע־גראבען די פינגער וואו ער האט זיי געהאלטען.

דער קוויטש איז געקומען שארפער און לענגער, און א האנד האט זיך אנגעחאפּט אן זיינע און ארייגעטראפען פינגער צווישען פינגער.

— שריי נישט!

ער האט פערקריצט מיט די צייהנער און א דרעה געטהון מיט זיינע פינגער. דעם שייגעצ'ס האנד האט זיך ארויסגע־גליטשט פון זיינער ווי א טויטע. די געשרייען זענען געווארען שפּיציגער און האבען געשטאכען אין קאפּ.

— וועסט נישט שווייגען?

מיט א הארטען, ווארצעלדיגען פויסט האט ער דערלאנגט א זעץ נאָך א זעץ דעם שייגעץ אין זייט, אין די ריפּען אריין. עס האט אבגעקלונגען ווי פון א לעדיגען פאס — און די שטעכיגע שטים האט פערלוירען דעם קוויטש און איז געווארען דומפּ און הייזעריג. נאָר פון גרשון'ס אויגען איז שוין פערשוואונדען דער לעצטער אבשיין פון געדאנק. זיי האבען געברענט גרין, זיך ווי

איבערגעדרעהט, און דער בליק האט געוואנדערט ווי ארוים פון פאקוס. ער איז צוגעפאלען פלאך, זיך איינגעביסען מיט די צייהן אין עפעס ווייכס און גליטשיגס, און זיינע הענד זענען געגאנגען איבער'ן צאפעלדיגען גוף אונטער איהם, און די פינגער האבען געזוכט צארטע שטעלען, און געריסען און געקלעמט פלייש און ביין מיט דער טויטער הארטקייט פון אייזערנע צוואנגען. איינ־מאל האט ער פערשאפט דעם געפייניגטען גוף אזעלכע יסורים, אז די אונטערגעריסענע שטים האט ווידער געפונען די הויכע — די העכסטע, איינגאנצען נישט מענשליכע — טענער, נאר גרשון האט נישט אבגעלאזען וואס ער האט געהאלטען ביז זיינע פער־קלעמטע פינגער זענען זיך כמעט צוזאמענגעקומען אין א פער־מאכטען פויסט. פון זיין אייגענעם האלז האבען זיך געריסען אלערליי קלאנגען: ער האט געחריפעט, געהירזשעט, געקוויטשעט ווי א קליין הינטעל, און פון צייט צו צייט איז ער אריינגעפאלען אין א קיצעלדיגען „חי־חי". דער שוויים האט געשטראמט דורך זיין הויט ווי דורך א רעשעטע, זיינע ארגאנען האבען אלע פאראמאל שטירמיש פונקציאנירט אויף זייערע פערשיעדענע אופנים און פער־שפרייט ארום איהם א שווערען גערוך. דאס גרויסע געשטעל פון ביינער, פלייש און בלוט האט געפיעבערט אין א פאראקסיזם פון טיעפען, שטאק־בלינדען לעבען.

שפעטער — פיעל שפעטער — האט ער דערפיהלט, אז ער בעגעגענט נישט קיין ווידערשטאנד, און אין דעמזעלבען מאמענט זענען די כחות ארויסגערונען פון זיין גוף ביז'ן לעצטען טראפען. זיין קערפער האט זיך אראבגעקייקעלט פונ'ם קרבן, האט זיך אי־בערגעדרעהט און געבליבען ליעגען מיט'ן פנים ארויף, צעווייכט און גליהענדיג, ווי נאך א הייסער באד. די ברוסט האט זיך געהוי־בען הויך, אבער לאנגזאם און שלאף; דאס מויל איז געווען אויפ־געריסען, די אויגען — רויט ארום און פערהויכט.

ער האט זיך אויפגעזעצט און זיך ארומגעקוקט. זיין בליק האט אנגעהויבען פון דער ווייטען, האט געוואנדערט ארום דול און

אומזיכער, ביז ער איז צוגעקומען נאָהנט און געפאַלען אויף עפּעס. נאָר גרשון האָט אָבגעווענדט די אויגען אַז אַ זייט. האָט בלינד גע־שטופּט מיט דער נאָז אין די לופט און געטאַפּט דאָס גראָז אַרום זיך. אַ פעלדבלימעל איז איהם געקומען צו דער האַנד, אַ געל „לייבענ־מיילכעל", שוין אַ ביסעל פערוועלקט. ער האָט עס אָבגעפליקט, געקוקט אויף דעם, נאָר נישט געזעהען. זיין לינקע האַנד האָט זיך אוועקגעלאָזען זוכען עפּעס אויף זיין ברוסט, האָט זיך פער־טשעפּעט אַן אַ קנעפּעל פון זיין קאַפּאָטע און זיך גענומען דרעהען אַרום דעם דאָזיגען קנעפּעל, אַרום און אַרום, פון לינקס צו רעכטס, פון רעכטס צו לינקס, און ווידער אַרום און אַרום. נישט אומדרע־הענדיג דעם קאָפּ, האָט ער געוואָרפען אַ קרומען בליק צו זיין רעכ־טער זייט. נאָר דערביי איז איהם געקומען אין וועג דער שפּיץ פון זיין אייגענער נאָז, און ער האָט זיך מיט איהם פעראינטערע־סירט אַ ווייַלע. און פּלוצים האָט ער שאַרף אומגעדרעהט דעם קאָפּ און אַנגעשטעלט די אויגען אויפ׳ן קערפּער דערנעבען.

דער צעבראָכענער גוף האָט נאָך געצוקט און געציטערט. איין פוס איז געווען אויסגעבויגען ביי דער קניע, און די פינגער פון דער לינקער האַנד האָבען זיך איינגעגראָבען אין דער ערד. האַרט נעבען איהם אויפ׳ן גראָז איז געווען בלוט, נישט פיעל.

גרשון איז געזעסען און געקוקט. דער הויד האָט גענומען אַראָבגעהן פון זיינע אויגען, נאָר זיי זענען נאָך געווען פערגאָסען מיט בלוט. ער האָט זיי פערשטעלט מיט דער לינקער האַנד און אונטערגעשפּאַרט דעם עלענבויגען מיט אַ קניע.

ער איז אַזוי געזעסען לאַנג, אַ שטונדע אָדער מעהר. ווען ער האָט ענדליך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, איז דאָס בלוט שוין געווען אָבגעפלאָסען פון זיין געזיכט. זיין בליק איז געווען רוהיג און דערוויטערט, דער קין און די אונטערשטע ליפּ זענען געהאַנ־גען אַראָב ווי ביי אַ מת. דער קערפּער נעבען איהם האָט זיך שוין נישט בעוועגט, נאָר ער האָט אויף איהם נישט געקוקט און איהם נישט געזעהען.

די לופט איז געוואָרען רייגער, און די זון, רויט און גרויס, איז געשטאַנען ניעדריג אין מערב. פון ווייטען האָט נאָך שוואַך און אומדייטליך געגרייכט אָהער דאָס גערויש פון׳ם קאַראַוואַן, נאָר דאָ אַרום איז געווען זעהר שטיל. ערגעץ נאָהנט אין גראָז האָט אַ היישעריק געשריעגען פון צייט צו צייט — געשריעגען קורץ און צעשטריים, ווי פערזונקען אין געדאַנקען. אַ ווינטעל האָט אויפגעעטהעמט און איז גלייך צוריק צוגעפאַלען צו דער ערד.

גרשון האָט געוואָרפען אַ בליק אַהינטער: ער איז געזעסען מיט׳ן רוקען צום יאַר — נאָהנט. ער האָט געמאַכט אַ שוואַכען פערזוך זיך אויפצוהייבען, נאָר האָט זיך באַלד פויל אַראָבגעלאָזען צוריק און איז געזעסען אַ ווײַלע אומבעוועגליך. דערנאָך האָט ער זיך אומגעאַיילט אָוועקגעלעגט אויפ׳ן רוקען. דער קאָפּ און די אַקסלען זענען אויסגעקומען איבער׳ן אַבגרונד, נאָר עס איז געווען ווענינ. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אַן גראָז און זיך אַ רוק געטהון פאָרויס. זיינע פיס האָבען גענומען געהן אַרויף, תחלת לאַנגזאַם, דערנאָך שנעלער.

יד.

פון קאַראַוואַי, אויפ׳ן קאָם פון דער מענשליכער וועל, איז די אַלטע סלאַווע אָוועקגעשוואומען איבער׳ן לאַנד.

די צעשלאָגענע אַרמעע איז געלאָפען צוריק און האָט אויפ׳ן וועג אויסגעלאָזען דאָס האַרץ צו׳ם „פאָלק פון שפּיאָנען“. בים־לעכווייז האָט זיך אָנגעצונדען אַ גרויסער טייל פון דער בעפעלקע־רונג, און די יאַגד איז אָנגעגאַנגען פון מזרח ביז מערב, פון דרום ביז צפון.

סלאַווע איז געווען כמעט אין אַלע גרויסע שחיטות אויפ׳ן גירוש. אין ג ר אַ י ע ו ו האָט אַ סאָלדאַט איהר פערוואָרגען דעם האַלז און זי געהאַלטען אַזוי ביז זי האָט זיך אויפגעהערט צו צאַפּלען, נאָר אַז ער איז אָוועק האָט זי ווידער אָנגעפאַנגען צו עט־העמען. אויפ׳ן וועג צווישען ס אָ ק אָ ל און ב י ע ל י ז נ ע האָט

זי אויפגעהויבען א פערלוירען קינד, א מיידעלע פון א יאהר צוויי, מיט בלויע אייגלעך און ווייכע בעקעלעך, און זיך דערמיט געהאלטען כמעט דריי וואכען, און אין ווערכאוועסקער פאגראם האט עס א גויע דער׳הרג׳עט ביי איהר אויף די הענד. אין סאלאוואר איז זי געליגען א גאנצען מעת-לעת אונטער דער בריק, ביז די קניע אין וואסער. זי איז געווען אין דער שרפה פון ווינאקורער וואלד — צווישען די אריינגעווארפענע אין טייך הלובאטש — אין דער מיט פון די קרבנות פון די קוילענווארפער אין סטאווישטש. באלד דערנאך, אין א דערפעל נעבען סטאווישטש, האט זי א פויער געשלאגען מיט א שייט האלץ און זי געלאזען ליעגען בעוואוסטלאז אויף דער ערד — און אין דריי טעג ארום האט זי געגריזשעט א שישקע ברויט אנגעריבען מיט קנאבעל ביי א שוועדישען קאלאניסט אין הויז. לסוף האט זי זיך געפונען אין א וואגאן פון א צוג, וואס איז געלאפען איבער איינער פון די צענטראלע גובערניעס. דאס איז געווען דער בעריהמטער „פערלוירענער צוג“.

אויב עס איז פריהער געווען א שאטען פון א פלאן און א סדר אין דער פערטיילונג פון די עמיגראנטען איבער׳ן לאנד, איז ער איצטער פערשוואונדען. יעדערער וואס האט געקאנט האט געטהון וואס איהם איז איינגעפאלען, און אלע האבען געזוכט בלויז פטור צו ווערען פון פעראנטווארטליכקייטען. אין א שלעפריגער צענטראלער שטאדט, וואוהין יודען איז ערלויבט געווען צו קומען בלויז אויף עטליכע וואכען אין יאהר, צום גרויסען יעהרלייכען יאריד, האבען זיך איצט אנגעקליבען זעהר פיעל ארויסגעטריי־בענע פונ׳ם דרום-מערב-ראיאן, און מ׳איז געשטארבען אין די גאסען פון הונגער. די ארטיגע מאכט האט אויסגעריכט דעם צוג און איהם אוועקגעשיקט אויף זיינע וואנדערונגען.

פאר די לעצטע זעכצעהן שטונדען האט מען דעם צוג דריי מאל אריבערגעווארפען אויף אן אנדער ליניע און צוויי מאל געענדערט די ריכטונג: קיינער האט נישט געוואלט אריינלאזען די

עמיגראנטען, און דערצו איז ער נעגאנגען אויסער'ן פאהרפלאן און האט געשטערט דעם פערקעהר. איצט האט ער זיך — צו'ם צווייטען מאל — געקייקעלט צו דרום־מזרח, צווישען קורץ־געשווירענע געלע פעלדער. וואר־נים־וואו איז געלאפען א שטרייף פיאלעט, און צווישען די הארטע און שיטערע שטענגלעך פון דער אבגעשניטענער גריקע האט דורכגעקוקט די גרויע און מאגערע ערד. די זון איז געשטאנען ניעדריג אויפ'ן הימעל און האט פערקוקט אין די פענסטער פון רעכטס און א ביסעל פון הינטען. אין וואגאן איז געווען ליכטיג און רויט.

א מענש מיט אן אבגעגאלטען קאפ און איינגעפאלענע באקען איז אריינגעקומען דורך די פראנט־טיר און זיך געלאזען געהן דורכ'ן וואגאן צו דער הינטערטיר. ער איז שוין געווען ביי'ם ארויסגאנג, ווען ער האט מיט א ווינקעל פון אויג בעמערקט ביי א פענסטער עפעס אן אלטע יודינע. ער איז געבליבען שטעהן, האט זיך אומגעדרעהט, א קוק געטהון אין יענע זייט, זיך ווידער געלאזען אוועקגעהן און איז ווידער געבליבען שטעהן. ער איז צוגעטראטען נעהנטער צו דער אלטער, האט געקוקט אויף איהר און געשוויגען. דערנאך האט ער געזאגט:

— סלאווע.

זי האט נישט געהערט, געמאכט מיט די ליפען און געהאלטען דעם קאפ אראב. דער מענש האט נאכאמאל געזאגט:

— סלאווע!

זי האט אויפגעהויבען די אויגען צו זיין געזיכט.

— סלאווע, איהר דערקענט מיך נישט?

— פארוואס זאל איך דיך נישט דערקענען? ביזט שיינע דער אלמנה'ס זוהן — חיים דוד שיינע'ס, אה?

דער מענש האט געשוויגען א ווילע און געקוקט אויף איהר.

— איך בין נישט שיינע'ס זוהן, — האט ער געלאסען געענטפערט.

— וואו ביזטו געווען? דיין מאמע האט זיך בעקלאגט אויף

דיר — דערמאָנסט זיך נישט אַ בריעווע̇ל אָנצושרייבען — כּדאי צו האַרעווען אויף קינדער.

זי האָט געדערט שטרענג און איהם געפּאַרשט מיט די גע־זונקענע אויגען. ער איז געשטאַנען פּאַר איהר און פערטראַכט זיך געריבען דעם קין מיט די פינגער פון דער לינקער האַנד.

— איך בין נישט שיינע'ס זוהן, — האָט ער ווידערהאָלט.

זי האָט שוין אַן איהם פערגעסען, געקוקט פאַרביי און עפּעס געמורמעלט.

ער האָט זיך אַ ריב געטהון דעם שטערן און איז צוגעטראָטען נעהנטער.

— סלאָווע, וואָס מאַכט די רביצין — די רביצין — די ר־בי־צין?

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. אין איהרע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ שימער פון בעוואוסטזיין.

— די רבי'צין, — האָט זי איבערגעזאָגט אין פערווירונג.

— יאָ, די רביצין — וואָס מאַכט זי — וואו איז זי — וואו געפינט זי זיך? זי — זי לעבט נאָך?

סלאָווע האָט זיך אַ הייב געטהון פון אָרט און גענומען אַרומ־קוקען די אַנדערע פּאַסאַזשירען. ער האָט געוואָרפען אַ האַסטיגען בליק אַרום.

— זי איז דאָ ניטאָ, סלאָווע. וואו האָט איהר זי געלאָזען?

זי האָט אומבעהאָלפען פּאַנאַנדערגענומען די הענד. ער איז אַרוים דורך דער הינטערטיר צו די לעצטערע וואַגאָנען. אינגיכען איז ער געקומען צוריק, נאָר סלאָווע איז שוין געווען פערזונקען אין איהרע מחשבות און אין איהרע געבראָקטע מאָנאָלאָגען. ער האָט זיך געמאַכט פּלאַ'ץ נעבען איהר און זיך אָוועקגעזעצט.

ער האָט אַראָבגענומען אַ ווייל̇ע דאָס קליינע קאַפּעלישעל. די הויט אויף זיין געגאָלטען קאָפּ איז געווען גרוי און בלוטלאָז און די גריבער אין די באַקען טיעף, נאָר זיינע בעוועגונגען האָבען גע־ציינט גיכער איינגעהאַלטענקייט איידער שוואַכקייט. ער האָט

געטראָגען אַ קורץ רעקעל, טונקעל און אָבגעריבען, און הויזען פון דעמזעלבען שטאָף.

דער געגאַלטער האָט קאַלט און הארט בעקוקט די אַרומיגע. מ'האָט נישט פיעל גערעדט אין וואַגאָן — יודען האָבען זיך לעצ־טענס אָבגעוואוינט פון רעדען. זעלטען־ווען האָבען זיך צוויי געבי־טען מיט אַ וואָרט, נאָר מייסטענס האָט מען שווייגענדיג געקוקט דורך די פענסטער אויף די פאַרביילויפענדע סטעפּ. צוויי קינ־דער האָבען זיך געשפּיעלט אויף דער פּאָדלאָגע.

די שאָטענס פון צוג צו מזרח־זייט זענען געוואָרען לענגער, און ביסלעכווייז איז צוגעפאַלען די נאַכט. אַ קאָנדוקטאָר האָט אריינגעטראָגען אַ שטיקעל ליכט, אריינגעשטעלט עס אין דער לאָמ־פּערן ביי'ם באַלקען און אָנגעצונדען. די פינסטערניש איז געוואָ־רען מרה־שחורה'דיגער. דער קאָנדוקטאָר האָט געקוקט אומפריינד־ליך און האָט עפּעס געברומט אונטער דער נאָז, און פאַר'ן אוועק־גאַנג האָט ער זיך אָנגעבייזערט אויף די קינדער.

דער צוג איז פאַרביי־געלאָפען צוויי סטאַנציעס אָהן אָבשטעל און ביי דער דריטער האָט ער זיך פערהאַלטען אויף איין מינוט. עטליכע פּאַסאַזשירען האָבען זיך אַראָבגעחאַפּט אין וואָקזאַל אריין נאָך הייס וואַסער, צווישען זיי אויך דער געגאַלטער. געהענדיג צוריק מיט דער טיי, געקויפט אין בופעט צוזאַמען מיט'ן אַלטען בלעכענעם קענדעל, האָט ער געהערט ווי דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע רעדט מיט די צוויי קאָנדוקטאָרען און מיט'ן מאַשיניסט פון צוג:

— איהר האָט גענומען אויף זיך אַ שענעם עסק, נישטאָ וואָס צו רעדען. ער טעלעגראַפירט מיר, איך זאָל אייך אָבהאַלטען. וואָס הייסט — אָבהאַלטען? וואָו וועל איך אַהינטהון דעם צוג? ער וועט אייך נישט אריינלאָזען — איהר'ט שוין זעהן.

דער מאַשיניסט האָט געשימפּט עמיצען, נאָר דער געגאַלטער האָט מעהר נישט געהערט. ער האָט אונטערגעטראָגען סלאָוועו אַ

גלאז טיי; זי האט געזופט, זיך געבריהט און געבלאזן, און זיך ווענינ אומגעקוקט אויף איהם.

די שטילקייט אין וואגאן איז געוואָרען געדיכטער. דער עולם איז איינגעשלאפען זיצענדיג אויף זייערע פּלעצער; אנדערע האָבען זיך צוזאמענגעדרעהט אויף דער פּאדלאגע. פון צייט צו צייט האט א חליפ פון שלאף בעטאנט דאס שווייגען.

דער צוג האט נאכאנאנד געסקריפּעט און געקרעכצט אין לויף. די נאכט איז געגאנגען. דער געגאלטער איז געזעסען אין ווינקעל נעבען דער שלאפענדער סלאווע'ן, און איבער זיין איינגעפאלענעם געזיכט איז אנגעגאנגען א שפּיעל פון משונה'דיגע און העסליכע גרימאסען, אונטער דער פלאטערדיגער פינסטערניש פונ'ם צאנקענדען ליכטעל.

נאך האלבער נאכט איז דער צוג צוגעקומען צו ר א ז י ע ז ד, און נאך איידער ער איז געבליבען שטעהן האט שוין דער געגאלטער געהערט, ווי דער נאטשאלניק פון דער וויכטיגער סטאנציע לויפט ארום איבער דער פלאטפארם און קאכט זיך. מ'שיקט צוגען, אין דער וועלט אריין! ווער פאהרפלאן, וואס פאהרפלאן — מ'פרעגט גאר נישט, צי די ליניע איז פריי — צי עס זענען נישטא קיין בילכערע פון די זשידעס. נו, וואס, א שטייגער, זאל ער טהון מיט דעם דאזיגען צוג — איהם איינשלינגען, וואס? ער קאן איהם נישט דורכלאזען און קאן איהם נישט שיקען צוריק. באלד דארף דורכגעהן דער יעניסייער פאלק, און אויף דער צווייטער ליניע וועט אין א האלבער שטונדע ארום דורכלויפען א קוריער, און — און — רעזערווען, אה? נישטא קיין רעזערווען! ער האט נישט אנגעגרייט פון זייערטוועגען קיין רעזערווען! ביי איהם זענען פערנומען אלע רעזערווען! וואו וועט ער זיי נעהמען רעזערווען? שוין צוויי וואכען אז זיינע רעזערווען זענען פערשטעלט מיט פוראזש — דער פוראזש איז שוין באלד צעפוילט געווארען, און קיי-

נער דערמאנט זיך נישט אן איהם — נאר מ׳שיקט צו׳ן איהם שלעק פון דער גאנצער וועלט!

ער האט געשאלטען, און געהוסט, און געשפיגען, און געגלאצט מיט די אויגען אויף די קאנדוקטארען און זיי נישט געלאזען אויס־רעדען א ווארט. פון לאקאמאטיוו האט אראבגעקוקט דער קאפ פונ׳ם מאשיניסט, מיט א ליולקע אין מויל, און האט פלעגמאטיש געשוויגען. הינטער איהם האט דער פייערמאן געגליהט אין דער רויטער שיין פונ׳ם אפענעם אויוועו, ווילעכען ער האט געשטאפט מיט קויהלען.

דער שעף איז אוועקגעלאפען צו זיך אין קאנטאר און די קאנ־דוקטארען נאך איהם. אין א פערטעל שטונדע ארום זענען זיי געקומען צוריק, און דער צוג האט זיך געריהרט פון ארט. איינגי־כען האט די האראקטעריסטישע קלאפעריי אונטער די רעדער גע־ווייזען, אז מ׳געהט אריבער אויף אנדערע רעלסען. דער צוג איז געגאנגען א ווילע לאנגזאם, דערנאך געבליבען שטעהן. אין דער ווייטען האט זיך עפעס געטהון — און דער צוג האט זיך ווידער געריהרט פון ארט, און ווידער איז געקומען א קלאפעריי אונטער די רעדער, א מאל פון איין זייט, א מאל פון דער צווייטער. דאס מאל האבען זיך די וואגאנען בעוועגט אין די געגענגעזעצטע ריכ־טונג, וואס ווייטער אלץ שנעלער, ביז פאר׳ן געגאלטען איז גע־ווארען קלאר, אז מ׳געהט ערגעץ „צוריק". ער האט א דריק גע־טהון מיט די אקסלען. צוריק איז צוריק. וואס מאכט עס אויס וואוהין? ער האט אראבגעלאזען דעם קאפ אויף די ברוסט, און זיין קערפער האט זיך געשאקעלט פארויס און אהינטער.

יח.

ער האט פלוצים אויפגעהויבען דעם קאפ און ברייט געעפענט די אויגען. אין וואגאן איז געווען פינסטער — דאס ליכט איז אויס־געגאנגען — און דער צוג איז געשטאנען. עס איז געווען זעהר שטיל, און ער האט פערשטאנען, אז ער האט איינגעדרימעלט, און אז דער צוג שטעהט שוין לאנג. דער עולם ארום איז געשלאפען

טיעף, דורך די אָפענע פענסטער האָט געצויגען אַ פריש ווינטעל, און עס האָט געשמעקט שפּעט.

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענסטער. פינסטער, און מ'זעהט נישט אויף צעהן טריט פאַרויס, אָבער קיין סטאַנציע איז דאָ זיכער נישט. ער איז אַרויס פון וואַגאָן, האָט אַראָבגעשטי־גען צו'ם אַנשיט און אַוועקגעגאַנגען צו'ם לאָקאָמאָטיוו. זיינע אויגען האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנט צו דער פינסטערניש. מ'איז, קענטיג, אין מיטען פעלד — מ'זעהט גאָרנישט. אָט איז דער לאָקאָמאָטיוו. דאָ איז קיינער נישטאָ, און — דאָס פייער אונטער'ן קעסעל איז אויסגעלאָשען. דער מאַשיניסט, דער פייער־מאַן, ביידע קאָנדוקטאָרען — אַלע זענען פערשוואונדען. ער האָט אַ לאַך געטהון, קורץ און בייז, און איז אַוועק פאַרויס מיט דער ליניע. מיט אַ הונדערט טריט ווייטער האָט זיך די ליניע אָבגע־האַקט. די ערד אַרום איז געווען צעגראָבען און דער אַנשיט רויה, נישט פערענדיגט און האָט זיך געברעקעלט אונטער די פיס. ביי ביידע זייטען פון וועג, מיט עטליכע טריט ווייטער, האָבען געטונ־קעלט אין צייל'ען עפּעס הויפענס — אַנגעגרייטע שפּאַלעס. דער נענאַלטער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: אַזוי איז עס.

ער האָט פערריכערט אַ פּאַפּיראָס און גענומען אַרומשפּאַ־צען הין און צוריק איבער'ן אַנשיט. דער זוים פון הימעל אין מזרח האָט זיך אויסגעבלאַסט.

אינגיכען האָבען זיך אָנגעהויבען בעוויזען פון די וואַגאָנען אַרוים פערשלאָפענע יודען. וואָס איז געשעהען? וואָס שטעהט מען? וואו זענען די קאָנדוקטאָרען? קיינער האָט נישט גע־ענטפערט, נאָר די זאַך איז גלייך געוואָרען קלאָר פאַר אַלעמען. עפּעס אַ יודינע האָט פּרובירט אָנהויבען וויינען, נאָר אַן עלטערע יודינע האָט זי געפרעגט: „וואָס איז, מוהמע? עס וואַרטען אויף אייך וויכטיגע געשעפטען?" — האָט זי זיך פערשעמט און אויפ־געהערט. דער עולם איז נישט געווען דערשראָקען, נאָר אַ ביסעל מטושטש.

אין פעלד האט זיך בעוויזען עפעס א מענש. ער איז געגאנ־גען צו דער ליניע, און פון זיינע בעוועגונגען איז געווען צו זעהן אז ער איילט זיך, נאר קיין שנעלען פארשריט האט ער נישט גע־מאכט. ענדליך איז ער צוגעקומען נאהנט: א מיטעליעהריגער פויער מיט א הילצערנע פוס און א שטעקען אין האנד.

נו, יא, ווי־דען? ער איז דער וועכטער. ער האט זיך ארי־בערגעחאפט אין ס׳דארף — ווער זאל זיך ריכטען? מ׳האט אוועק־געווארפען בויען דעם צווייג אינמיטען דרינען — די מלחמה. מ׳הייסט איהם היטען, היט ער. זיין דאגה?

ער האט געפינטעלט מיט די וואסעריגע אויגען און געקוקט דערשראקען: ארום איהם איז געווען אן עולם פון הונדערטער מענשען — מענשען פרעמדע און מאדנע. אין דער געגענד האט מען א יודען געזעהען נישט אפט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז גאר נאהנט, א פאר הונדערט טריט פון דער ליניע, ליגט א דארף, נאר עס איז געליגען פלאך, האט מען עס נישט בעמערקט. עס האבען זיך אנגעהויבען בעוויי־זען דארפסלייט, און אז די זון איז ארויס האבען זיך שוין ארומ־געדרעהט צווישען יודישען עולם עלטערע גוים און גויעס, שקצים מיט פלאקסענע קעפ און שיקסלעך מיט רויטע סטענגעס אין די האר.

די עלטערע פויערען האבען גערעדט מיושב׳דיג און זיך גע־נומען צייט צו ענטפערען אויף א פראגע. מילך? ניין, נישטא קיין מילך. פארהאן א ביסעל. זעהר ווייניג. נישטא קיין מילך. ברויט? נישט צו פערזינדיגען; אויך — א ביסעל גארטענוואר. פאר געלד קאן מען קריגען. וואס פאר זיך איז פאר זיך, און דאס איבריגע קאן מען פערקויפען — פאר וואס זאל מען נישט קאנען? ברויט, דאנקען גאט, איז פארהאן. ברויט איז נאך דערווייל פאר־האן. פארהאן ברויט, יא.

עס האבען זיך בעוויזען שווארצע לאבענס ברויט, ציבעלעס, אוגערקעס, עפעל. א שיקסע האט געבראכט צו טראגען אין איהר פארטוך עטליכע „פאדסאלנעטשניקעס” — זוניגע און גרויסע ווי

רערער, שטייף געפּאַקט מיט ווייס־און־שוואַרצע קערלעך. מ'האָט געקוקט אויף זיי מיט אינטערעס, נאָר געקויפט האָט קיינער נישט, און די שיקסע איז געשטאַנען אין פערלעגענהייט, מיט'ן צעעפענ־טען שירץ, און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. עטליכע יודען האָ־בען געבראַכט פון דאָרף קעסלען מיט וואַסער און האַלץ; מ'האָט צעלעגט פייערען און אויפגעקאָכט דאָס וואַסער — אייניגע האָבען געהאַט טיי און אַנדערע אַ ביסעל צוקער. די זון איז שוין גע־שטאַנען הויכליך און האָט שטאַרק געבאַקען. עמיצער האָט זיך פרעהליך פאַנאַנדערגעלאַכט.

און אַ זייט, אויף די שפּאַלעס, זענען געזעסען אַ יונגעל מיט אַ מיידעל. זי איז געווען כּמעט נאָך אַ קינד, אַ זאָהר זעכצעהן־זיעבעצעהן, מיט ברושטינענע אויגען און לאַנגע טונקעלע וויהעס. ער איז געווען מיט אַ פּאָר יאָהר עלטער, שלאַנק, מאָגער, בעוועג־ליך, מיט רויטע האָר, גרויע אויגען און אַ „קלייענדיג" פּנים. זיי האָבען זיך געביטען מיט לעבענסגעשיכטע און פּלענער — אין קורצע, אומגעדולדיגע זאַצען. ער איז געווען אַ יתום, און האָט זיך געוואָלט דערשלאָגען קיין סיביר: זיינער אַ פעטער פון ווייַ־טען מזרח האָט איהם געשריעבען: „קום צו פאָהרען". זי — האָט געהערט, אַז איהר מוטער — זיי האָבען זיך פערלוירען אין וועג — געפינט זיך אין טשערנאָוואָדסק. דער יונג האָט נישט גערוהט קיין מינוט, האָט אַרומגעטאַנצט, זיך געזעצט, זיך געשטעלט, גע־שפּאָלטען שפּענער פון אַ שפּאַלע און געשניצט עפּעס מיט אַ מע־סערל.

— ווייסט איהר וואָס? — האָט ער פּלוצים געזאָגט און דרייסט אויפגעהויבען צו'ן איהר אַ שפּיציג נעזעל — איך פאָהר אויך קיין טשערנאָוואָדסק. טשערנאָוואָדסק איז אויך אַ שטאָדט. וואָו שטעהט עס געשריעבען — דוקא סיביר?

די לאַנגע וויהעס האָבען זיך אַראָבגעלאָזען איבער די ברוש־טינענע אויגען.

דער גענגאַלטער האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען עולם און צונעקוקט — מיט אויפגעהויבענע ברעמען און אַ קנייטש אויפ'ן שטערן. ביי איין וואַגאָן איז געוואָרען אַ רעדעל, און ער איז צו־געגאַנגען זעהן. אַ יוד האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואַגאָן אַ הילּ־צערנעם קאַסטען — אַ געוועהנליכען רייזעקאַסטען, מיט בלעכענע בענדער און מעשענע נעגעל — און געעפענט אַ קראַם. קעמעלער, שפּיעגעלער, מעסערלער, קאַפּטיכלער און קאָלירטע סטענגעס, און — אַן אַלט בינאַקל. די פויערען אַרום האָבען געקוקט מיט דרך־ארץ, די שיקסעס האָבען נעשטורכעט איינע די צווייטע מיט די עלענבויגענס און געחיחיקעט, און דער הענדלער האָט גע'טענה'ט און דעמאַנסטרירט. זיין געזיכט, נאָך גאָר יונג, איז געווען הויך און געדיכט בעוואַקסען מיט האָר, און די קליינע אויגען האָבען געקוקט נאַריש און חיטרע. דער גרויסער קאַרטוז אויף זיין קאָפּ און דער לינקער אַרבעל פון זיין קאַפּאָטע זענען געווען אומנאַ־טירליך אויפגעבלאָזען. פון אַרבעל אַרויס איז געלאָפען אַרום זיין האַנד אַ שוואַרצער רימען; ער האָט צייטענווייז געריבט הויך אויף אַ געבראָכענעם רוסיש, און צייטענווייז געמאַכט מיט די ליפּען ווי צו זיך אַליין. דער גענגאַלטער האָט געוואָרפען אַ בליק אויף די קראַם, דערנאָך אויף די רצועה, ווייטער אויפ'ן קאַסטען און צוריק אויפ'ן אויפגעשטאַרצטען קאַרטוז — און איז בלאַס געוואָרען און אַרויסגעשעפּטשעט צוויי ווערטער. ער איז אוועק־געגאַנגען און זיך אַראָבגעלאָזען אויף די שפּאַלעס, אַן אָבגעלאָזענער און אַן איינגעהויקערטער. און אַ לאַנגע צייט איז ער געזעסען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און האַלב־פערלאָשענע אויגען אונטער דער רויטער אלול'דיגער זון.

די גוים זענען זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעגאַנגען, און מאַנכע פון די יודען זענען אויך אוועק אין דאָרף. דער טאָג האָט זיך געקייקעלט היים און שווער, די לופט איז געווען געדיכט, און די זאַמדיגע ערד אַרום דער ליניע האָט ערטערווייז טרוקען געפינקעלט. דער עולם האָט מייסטענס געזוכט שוץ אין די וואַגאָנען, אין שווע־

רען בייטאגיגען דרימעל. אנדערע האבען געשמועסט צווישען זיך און געקוועטשט מיט די אקסלען: וואס ט'עס זיין?

דער געגאלטער האט זיך איינזאם ארומגעבלאנקעט איבער'ן פעלד, און שפעט בייטאג האט ער זיך אוועקגעשלעפט אין דארף אריין. ער איז געגאנגען איבער דער געדרעהטער הויפטגאס, גע־קוקט אויף די צעפאהרענע הייזלעך מיט די צעקראכענע שטרויהענע דעכער, אויף די איינגעבויגענע פלויטען, אויף די טרוקענע ערד אין די גערטנער. דאס דארף האט אויסגעזעהען ארעם און אבגע־לאזען.

ביי א וואנדערונג פון דער גאס איז ער ארויף — פלוצים און הארט — אויף אן עולם מענשען. אויך דא איז דער הענדלער מיט זיין קראם געוועזען אין דער מיט, און דער געגאלטער האט זיך א קעהר געטהון צוריק, מיט א מינע פון פערדרוס, נאר באלד איז ער געבליבען שטעהן. זאכען האבען אויסגעזעהען אנדערש ווי אין דער פריה.

דער הענדלער איז געוועזען רויט און פערשוויצט און האט געקוקט אין אלע זייטען מיט א קרומען שמייכעל. דער עולם ארום — מיטעליעהריגע פויערען, ווייבער און א סך קינדער — איז געשטאנען געדיכט און געשוויגען. איינציגע האבען געהאלטען אין די הענד ווער א טיכעל, ווער א שפיעגעל, בעקוקט און בעטאפט, אוועקגעלעגט אהן חשק און גענומען עפעס אנדערש. עס איז געוועזען קלאר, אז קיינער מיינט נישט צו קויפען, פון דעסטוועגען האט זיך יעדערער געשפארט נעהנטער צו'ם יודען מיט זיין קעסטעל. גע־וועזען אויך עטליכע אנדערע יודען פונ'ם צוג, און איינער האט מיט רוגזא בעמערקט אויף יודיש:

— אינגאנצען נישט בעדארפט ארויס אהער מיט דער „קראם". דיַ הסוחר — האנדלען האט זיך איהם פערוואלט אינ־מיטען דרינען.

— וואס באלבעטשעט ער דארטען? — האט א פויער גע־זאגט, בייז און פערדעכטליך.

דער הענדלער האט אבגעווישט דעם שוויים פון שטערן און

געמאלדען, סתם אין דער וועלט אריין, אז ער איז מיעד און וויל שוין אוועקגעהן. מ'האט געשוויגען.

— א הייסער טאג, הע־חע, — האט ער זיך געדרעהט פון איינעם צום צווייטען. — איך דענק, איכ'ל שוין געהן.

עמיצער האט זיך אבגערופען:

— ווער האלט דיך דא? מיר האבען נאך אייך נישט גע־שיקט — נאך קיינעם פון אייך.

נאר קיינער האט זיך נישט געריהרט פון ארט און נישט אוועקגעלעגט די חפצים וואס זיי האבען געהאלטען. א שייגעצעל האט זיך דורכגעשפארט פארויס און א חאפ געטהון א מעסערל. א פויער האט איהם דערלאנגט א פאטש און אוועקגענומען דאס מעסערל.

— דיין פוס זאל זיך דא נישט געפינען, דו הערסט? — האט ער געלאסען געזאגט. — געה אהיים און פערטרייב די חזירים אין שטאל.

און אליין האט ער גענומען בעקוקען דאס מעסערל און עפע־נען די קלינגלעך איינס נאכ'ן צווייטען.

אן אנדער פויער מיט ארויסגעקראכענע אויגען האט אויסגע־צויגען א האנד און ארויסגעשלעפט פון קאסטען דאס בינאקל. דער געגאלטער האט זיך דורכגעשטופט צו'ן איהם און הארט אוועקגעלעגט א האנד אויף זיין אקסעל.

— לעג אוועק!

דער פויער האט זיך פערלוירען און האסטיג אוועקגעלעגט דאס בינאקל צוריק. דערנאך איז ער געווארען צונטער רויט, די אויגען זענען איהם נאך מעהר ארויס פון קאפ, און ער האט מיט כעס געזאגט:

— א מיעביע שטא? א טי קטא בודיעש? *)

— שפיי אויף זיין צורה! — האט א גויע אויסגערופען. — נעהמט, ווער עס וויל!

*) וואס געהט עס דיך אן? און ווער ביזט דו דאס אזוינער?

אין איין אויגענבליק איז דער קאסטען געליגען איבערגע־קעהרט אויף דער ערד, און אלע האבען געחאפט וואס עס איז געקומען צו דער האנד. דער געגאלטער האט געוויזען צוויי ציילען צוזאמענגעדריקטע ציינער.

— סווא־לאטש!

דאס איז געקומען ווי א קנאק מיט א בייטש — דייטליך, מיט ברייטקייט, מיט'ן ריכטיגען טראפ. דאס האט געקלונגען מיט „גאטשאלסטווא“ — און הענד האבען זיך אראבגעלאזען, און אויגען זענען געווארען גרויס. און פלוצים האט דעם פרעמדענ'ס פנים אזוי זיך פערענדערט, אז אלע ארום זענען געבליבען פער־בליפט.

זיינע אויגען זענען פערזונקען אין קאפ און האבען אויפגע־בליצט קליין און שטעכיג, דער קין האט זיך אונטערגעהויבען, די ליפען האבען זיך געטהון א רוק ארויס און זיך צונויפגעקרייזט ארום א רויטער צונג — און גלייך צו זיי אין די פנים'ער אריין האט געשטארט עפעס אזוינס וואס איז געווען ערשטוינענד עהנ־ליך צו'ן א העסליכען, שמוציג־ראזיגען חזיר'שען שנוק.

דער המון האט אויפגעציטערט פונ'ם שארפען בים. א טיעף געבריל האט זיך געהויבען אין די הינטערשטע רייהען. א פרויען־שטים האט ארויסגעקוויטשעט מיט א ריס:

— אויף שטי־קער! צרייסט איהם אויף שטיקער!

די אלטע סלאווע האט האלב געדרימעלט זיצענדיג אויפ'ן ראנד פון אנשים. דאס געזאנג פון א מיק האט דערלאנגט צו'ן איהר אין אויער, דערנאך האט זיך עס אויסגעצויגען אין א לאנ־גען זינגענדיגען אויסגעשריי, וואס איז פליסיג געגאנגען ארויף און אראב, אראב און ארויף. זי האט געעפענט די אויגען. די שטים האט איהר דערמאנט עפעס אזוינס. די שטים איז געוועזען ווילד פערענדערט, נאר — זי האט דערמאנט עפעס אזוינס. דערנאך איז געקומען פון וויטען א צווייטער אויסגעשריי. די אלטע איז פלוצים און יונגענדליך אויפגעשפרונגען פון ארט, און געגומען

ארומטאנצען פערשמייעט אהער און אהין, און געזוכט עפעס וואס:

— אוי וועה איז מיר — איך האב נאך די קאווע נישט צו־געשטעלט! ער איז דאך נאך גאר א ניכטערער!

יו.

א יוד איז געקומען צו לויפען פון דארף, האט אבגעווישט דאס בלוט פון פנים און געזאגט:

— מ'הרג'עט. די רוצחים האבען זיך שוין צעיושעט. דאס גאנצע דארף געהט אהער.

עס האט א דרעה געטהאן מיט מענשען ווי א ווינד מיט בלע־טער. מ'איז געלאפען ווייט צעזעעט איבער'ן פעלד, ווי א צעטרי־בענע סטאדע, פיעלע מיט קינדער אויף די הענד. דערוויל איז געקומען א שטורם, א זומערדיגער שטורם: פלוצים — געוואל־טיג — גראנדיעז. עס איז געווארען כמעט פינסטער, א בליץ האט אויפגעשפאלטען דעם הימעל אויף צווייען, די ערד האט א ציטער געטהון אונטער די פיס, און אין דער ווייטען האט א זייל פון שטויב און זאמד זיך געדרעהט אין דער לופט. און דאן האט עס גענומען בליצען און קראכען אהן אויפהער, און א שלאגס־רעגען האט ווי מיט ריטער גערדעשט און געשמיסען דאס לייב פון דער ערד.

דער רעגען האט געבלענדט די אויגען, און אפט זענען מענ־שען געפאלען איבער'ן נישט־גלאטען צעוויקטען פעלד. די מחנה האט זיך צעשלאגען אויף בעזונדערע גרופען, די גרופען האבען פערלוירען איינע די צווייטע פון אויג, און קיינער האט נישט גע־וואוסט וואוהין מ'לויפט. און אומערוואארטעט האט איין גרופע זיך ארויסגעשלאגען אויף א ברייטען שליאך. דער שליאך איז געווען א וויכער, און ערטערווייז זענען שוין געשטאנען קאלי־זשעס. נאר עס איז געווען גרינגער צו געהן און — ער האט גע־

מוזט ערגעץ פיהרען. מ'האט געשריענגען און גערופען צו די פער־ווארפענע גרופען.

א יוד מיט א לאנגער בארד, וועלכער איז געגאנגען צווישען די ערשטע, איז פלוצים געבליבען שטעהן און זיך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צו'ם עולם.

— גוואלד, יודען — וואו איז עס געהערט געווארען?

די אבגעשטאנענע זענען אונטערגעקומען איינער נאכ'ן צווייטען, זיך אבגעשטעלט און געשוויגען. א קורצזיכטיגער בחור אין ברילען איז צוגעקומען פון א זייט און זיך אבגערופען:

— וואו איז עס געהערט געווארען? ביי א ו נ ז איז עס געהערט געווארען. און וועט נאך געהערט ווערען. וואס דענקט איהר טהון דערצו, רב יוד?

דער יוד מיט דער בארד האט זיך אנגעהאפט פאר'ן קאפ.

— לאמיר שילטען גאט און שטארבען!

דער עולם האט געשוויגען. דער בחור האט טרוקען געזאגט:

— שילט אייך גאט וויפיעל איהר ווילט, נאר קומט דער־וויל.

דער יוד האט ווילד געדרעהט מיט די אויגען און ווי אהן דעת ווידערהאלט:

— לאמיר שילטען גאט און שטארבען!

דער בחור האט אומגעדולדיג א מאך געטהון מיט דער האנד.

— הערט זיך איין, פעטער! אויב איהר האט נישט קיין טיעפערע חכמות מגלה צו זיין, האלט זיי בעסער ביי זיך. יודען, לאמיר געהן!

— וואוהין געהן?

— צו וואס געהן?

— ביז וואנען געהן?

דאס איז געקומען פון פערשיעדענע זייטען — אומגעאיילט, אהן ביטערניש אין די שטימען, און שווער ווי בליי.

— וועגען דעם אלעם וועלען מיר זיך דורכשמועסען אין א קרעטשמע, ביי א גלעזעל טיי. א היים גלעזעל טיי, מיט א שטי־

קעל ציטרין דערצו, וואָלט איצטער נישט געשאַדט, אַה? — האָט דער בחור געשמייכעלט, אַ ביסעל פּערלעגען.

קיינער האָט נישט געענטפערט. דער רעגען האָט געקלאַפּט איבער די קעפּ און אַראָבגעשטראָמט איבער די געהויקערטע רו־קענס. דער דונער האָט נאָכאַנאַנד געהילכט איבער דער וועלט, און עס איז געווען זעהר שטיל.

און דאָ האָט אַן אַלטע יודינע זיך דורכגעשפּאַרט דורכ׳ן עולם און איז אַוועק פאָרויס. דאָס דורכגענעצטע קלייד איז צוגעפּאַלען צום לאַנגען ביינעריגען קערפּער, די מאָגערע פיס האָבען געשפּרייזט הילצערן, ווי קוליעס, דער קאָפּ איז געשטאַנען אַ ביסעל געבויגען, און צוויי אויגען ווי לעכער האָבען געדרונגען אין די האַלב־פינס־טערניש. די גאַנצע פיגור האָט אויסגעקוקט משונה׳דיג און לע־כערליך, ווי אַן אַלטער טשערנאָהאַז, אַ צעפּליקטער און אַ צעשוי־בערטער.

דער יוד מיט דער באָרד האָט איהר נאָכגעקוקט מיט אַן אָפען מויל, און מאַשינאַל געמאַכט אַ טראָט נאָך איהר. דער עולם האָט זיך געריהרט פון אָרט.

פייערינע זיילען האָבען אַרומגעטאַנצט איבער׳ן הימעל, זיך געדרעהט אַרום זיך און זיך געוואָרפען פון האָריזאָנט צו האָרי־זאָנט. עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. די אַלטע יודינע איז געגאַנגען פאָרויס, האָט געמאַכט מיט די הענד און גערעדט צו׳ן אַלע ווינטען.

ווייסע חלה

ווייסע חלה.

א.

אמאָל האָט אַ שכן מיט אַ שווערען שטיין איבערגעבראָכען ביי אַ גאַסענהונד אַ פוס, און אַז וואַסיאַ האָט דערזעהען דעם שאַרפען שפּיץ פון ביין, וואָס האָט זיך דורכגעשניטען דורך די פעל, האָט ער געוויינט. און געוויינט האָט ער אַזוי: עס האָט ביי איהם גערונען פון די אויגען, פון מויל, פון דער נאָז, דער ווייסער פלאַקסענער קאָפּ אויפ'ן קורצען האַלז איז אַריין נאָך טיעפער צווישען די אַקסלען, דאָס גאַנצע פּנים איז געוואָרען אויס-געקרימט און איינגעשרומפּפען, און קיין קול האָט מען פון איהם נים געהערט. — ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר זיעבען.

שפּעטער האָט ער שוין נישט געוויינט. אַלע אין הויז האָבען געטרונקען, זיך געשלאָגען מיט די שכנים, געשלאָגען איינער דעם צווייטען, די ווייבער, דאָס פערד, די קוה, און מאַנכמאָל, אין גאַנץ גרויסען כעס, געשלאָגען זיך אַליין — מיט די קעפּ אָן וואַנד. מ'האָט געהאַט אַ קליין שטיקעל פעלד פאַר אַ גרויסע פאַמיליע, געהאָרעוועט שווער און אומגעלומפּערט, און געוואוינט אַלע אין איין כאַטע — מענער, פרויען און קינדער געשלאָפען צוזאַמען אויף דער ערד. דאָס דאָרף איז געווען אַ קליינס און אַן אָרעמס און ווייטליך פון אַ שטעדטעל, און דאָס שטעדטעל, וואוהין מ'פלעגט אַמאָל פאָהרען אויפ'ן יאַריד, האָט אויסגעזעהען גרויס און רייך אין וואַסיאַ'ס אויגען.

אין שטעדטעל זיינען געווען „יודען" — אַזעלכע מענשען וואָס טראָגען מאָדנע מלבושים, זיצען אין קראָמען, עסען ווייסע חלה, און האָבען פאַרקויפט קריסטוס'ן. דער לעצטער פּונקט איז געווען

אביסעל נישט קלאָר: ווער איז דער דאָזיגער קריסטוס, און צו וואָס האָבען זיי איהם פּערקויפט, און ווער און צו וואָס האָט איהם געקויפט, און וויפיעל האָבען זיי פאַר איהם גענומען — די גאַנצע זאַך איז געווען ווי אין אַ נעבעל. ווייסע חלה, וויעדער, האָט ער אליין אַ פּאָר מאָל געזעהען, מיט די אייגענע אויגען, נאָכמעהר — ער האָט אַמאָל אוועקגע׳גנב׳עט אַ שטיקעל און אויפגעגעסען, און דערנאָך געשטאַנען אַ צייט און זיך צוגעהערט צו זיך אליין, מיט אַן אויסדרוק פון ערוואַרטונג און צווייפעל אויף זיין פּנים. ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר דער רעספּעקט פאַר דער ווייסער חלה איז אין איהם פערבליבען.

איהם האָט געפעהלט אַ האַלבער ווערשאָק צו דער הויך, פון דעסטוועגען האָט מען איהם צוגענומען, פאַר זיינע ברייטע אביסעל געהויקערטע אַקסלען און קורצען דיקען האַלז, וואָס האָבען זיך געפּאַסט צו זיין פאַמיליענאַמען — ביק. דאָ האָט מען וויעדער געשלאָגען — דער סטאַרשי, דער פעלדפעבעל, די אָפיציערען, די סאָלדאַטען צווישען זיך — אַלע. ערלערנען די „סלוזשבע״ איז געווען אונמעגליך: ער האָט נישט פערשטאַנען און נישט געדענקט. קיין גרויסער בעל־דברן איז ער אויך ניט געווען, און פלעגט עס איהם שטאַרק צושפּאַרען עפּעס צו זאָגען, האָט ער ערשט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, נאָר זיין פּנים פלעגט ווערען זעהר אָנגעשטרענגט און דער ניעדריגער שטערן געקנייטשט. נישטמעהר, קאַשע און באָרשטש האָט מען דאָ גע־געבען גענוג. געוועזען דאָ אויך עטליכע יודען, פון די דאָזיגע וואָס האָבען פערקויפט קריסטוס׳ן, נאָר אין די זעלנערשע קליי־דער און אָהן דער ווייסער חלה, האָבען זיי אויסגעזעהען כמעט ווי אַלע מענשען.

ב.

מ׳איז געפאָהרען אויף באַהנען, געגאַנגען צו־פוס, וויעדער גע־פאָהרען און וויעדער געגאַנגען, געשטאַנען אויף לאַגער אין פעלד אָדער געווען איינקוואַרטירט אין עפּעס פרעמדע הייזער — אַזוי

לאנג, אזוי ברייט, ביז ביי וואסיל'ן אין קאפ האט זיך אלעס איבערגעמישט. ער האט שוין נישט געדענקט ווען דאס אלעס האט זיך אנגעהויבען, וואו ער איז געווען און ווער ער איז געווען איידער עס האט זיך אנגעהויבען, אזוי ווי ער וואלט אלעמאל גע-גאנגען פון שטאדט צו שטאדט צווישען צעהן- און הונדערט-טויזענדער סאלדאטען, אין פרעמדע ערטער מיט מאדנע מענשען וואס רעדען אזוי, אז ס'איז נישט צו פערשטעהן און קוקען דער־שראקען אדער ברוגז. קיין בעזונדער נייעס איז, דאכט זיך, נישט געשעהען, נישטמעהר, דאס שלאגען זיך איז געווארען דער תוך פון לעבען: געשלאגען האבען זיך אלע, און געשלאגען האט מען זיך נישט אזוי זיך, נאר אויף בלוט און טויט — מ'האט געשא-סען, געהאקט מענשען אויף שטיקלעך, געשטאכען, אפילו געבי-סען מיט די צייהנער צייטענווייז. ער אליין האט אויך געשלאגען, און וואס ווייטער פערביסענער, און וואס ווייטער מיט מעהר הנאה. דאס עסען איז איצט געקומען נישט רעגעלמעסיג, געשלא-פען האט מען ווייניג, געגאנגען און געשלאגען זיך א סך — און דאס אלעס האט איהם שטארק צעטרייסעלט. אלעמאל האט זיך איהם עפעס געוואלט, אלעמאל האט ער עפעס געפיהלט, און אז איהם האט שטארק צוגעשפארט, האט ער געברילט ווי א גע-רייצטער הונד, ווייל זאגען וואס ער וויל האט ער נישט געקאנט.

דאס לאנד ארום איז געווארען אלץ העכער און העכער, קיי-מען ריזיגע בערג האבען עס געשניטען אין אלע זייטען, און דער ווינטער האט געהערשט איבער זיי ביטער און פערביסען. מ'איז געקראכען ביז די קניע דורך טאלען פול מיט טרוקענעם, קערנ-דיגען שניי, און אייזקאלטע ווינטען זענען ווי ריבאייזענס גע-גאנגען איבער'ן פנים און די הענד, נאר די אפיציערען זענען גע-ווען מונטער און אביסעל נוטמוטיגער ווי שטענדיג און האבען גערעדט וועגען נצחונות; און עסען, הגם נישט אלעמאל אין דער צייט, האט מען געגעבען גענוג. ביי די נעכט האט מען מאנכ-מאל ערלויבט פאנאנדערצולעגען פייערען אויפ'ן שניי, און דאן זענען מאנסטער-שאטענס רוישלאז ארומגעלאפען צווישען די

בערג, און סאָלדאַטען האָבען געזונגען לידער, און וואסיל האָט אויך געוואָלט זינגען — און האָט געברילט. געשלאָפען איז מען ווי געה'רג'עטע, אָהן שרעק און חלומות, און מיט'ן טאָג האָבען די בערג ווידער און ווידער געענטפערט פון ערגעץ אויפ'ן דונער פון די קאַנאָנען, און מענשען האָבען ווידער געקלעטערט ארויף און ארויף.

ג.

א קוריער אויף א פערד איז ווי א ווילדער דורכגעפלויגען דעם לאַגער; אַן אבטיילונג קאַוואַלעריע, וואָס איז געווען אוועק פאָרויס,) איז פּלוצים אַנגעלאָפען צוריק און זיך פערנומען אַן א זייט; צוויי באַטאַרעען זענען איבערגערוקט געוואָרען פון לינקס אויף רעכטס. די ארומיגע בערג האָבען זיך אויפגעשפּאָלטען ווי פריש-געעפענטע וואולקאַנען, און א מבול פון פייער, בליי און אייזען איז אראָבגעקומען אויף דער וועלט.

דאָס האָט געדויערט לאַנג. פּיאָטר קודלאָ איז צעריסען געוואָרען אויף שטיקער, דער שענער קריוועַנקאָ, דער „זאַפּיעוואַלאָ" פון דער ראָטע, איז געליגען מיטן פּנים אראָב אין א קאַליזשע בלוט, דער פּאָרוטשיק סאַמאָוו, דער וואָס מיט'ן ווייבערשען פּנימ'ל, האָט פערלוירען א פוס, און ביים ריעז ניימאַן, דעם שטרויהאָריגען עסט, האָט עס אראָבגעריסען דאָס גאַנצע געזיכט. גע'הרג'עט געוואָרען דער געשטופּעלטער גאַווריליאָוו. גע'הרג'עט געוואָרען פון איין גראַנאַטעביידע ברידער בולגאַטש, גע'הרג'עט געוואָרען חיים אָסטראָווסקי, יאַן זאַטיקאַ, סטאַשעק פּיעפּרזש און דער קליינער לעט וואָס וואסיל האָט זיין נאָמען ניט געקאָנט ארויסרעדען. דערנאָך האָט עס גענומען שניידען גאַנצע ציילענ-ווייז. עס איז געוואָרען אונמעגליך צו האַלטען זיך ווייטער, און דאַן איז אויפגעשפּרונגען נחום ראַטשיק, א לאַנגער מאָגערער יונגערמאַן וואָס האָט שטענדיג געשוויגען, און האָט אָהן קאָ-מאַנדע זיך א וואָרף געטהון פאָרויס. דאָס האָט אויפגעטרייסעלט די צעדולטע סאָלדאַטען מיטאַמאָל. דאָס נעבראָכענע, געצייהנטע

בערגעל לינקס-צו, וואָס זיינע באַטאַרעען האָבען אָנגעפיהרט דעם כאָר פון שונא'ם אַרטילעריע, איז גענומען געוואָרען כמעט מיט די הוילע הענד, און זיינע פערטיידיגער האָט מען אויסגעוואָרגען ווי די קעץ, נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז פון דער גאַנצער ראָטע זענען פערבליבען בלויז וואַסיל און נחום ראַטשיק. ראַטשיק איז נאָכדעם לאַנג געליגען אויף דער ערד און געבראָכען מיט דער גרינער גאַל, און נעבען איהם האָט זיך געוואַלגערט זיין ביקס מיט'ן „פּריקלאַד" פערשמירט אין בלוט און מאַרך. ער איז נישט געווען פערוואונדעט, און אַז וואַסיל האָט איהם געפרעגט וואָס איהם איז, האָט ער נישט געענטפערט.

אַז די נאַכט איז געקומען האָט מען פערלאָזען די גענומענע פּאַזיציע און זיך געצויגען צוריק. ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס איז געשעהען האָט וואַסיל נישט געוואוסט, נאָר פון דאַן אָן האָט די אַרמעע זיך גענומען אָראָבשיטען צוריק פון די בערג אַזוי ווי שטיינער: וואָס ווייטער אַלץ האַסטיגער, אַלץ ווענינגער אין אָרד-נונג, ביז לסוף איז מען געלאָפען, — געלאָפען אָהן אָבשטעל, אָהן אויפהער, טאָג און נאַכט נאָכאַנאַנד. וואַסיל האָט קיין פּלעצער נישט דערקענט און יעדער אָרט איז פאַר איהם געווען ניי, און אַז מ'געהט „צוריק" האָט ער בלויז געהערט און געשפּירט. די בערג-קייט צוזאַמען מיט'ן ווינטער איז שוין לאַנג געבליבען הינ-טען, און אַרום-און-אַרום איז געווען אַ ברייטער ענדלאָזער פליין און פריהלינג אין פולען גאַנג, נאָר די אַרמעע איז אַלץ געלאָפען און געלאָפען. די אָפיציערען זענען געוואָרען ווילד, און האָבען געשלאָגען די סאָלדאַטען אָהן אורזאַך און אָהן רחמנות. עטליכע מאָל האָט מען זיך אָבגעשטעלט אויף אַ קורצע צייט — די קאַ-נאָנען האָבען געשריגען, אַ פייעריגער רעגען האָט געשמיסען די ערד, און מענשען זענען געפאַלען ווי פליגען — דערנאָך איז מען ווייטער געלאָפען.

ד.

עמיצער האָט געזאָגט, אַז אין אַלעם זענען שולדיג די זשידעס.

ווי ערער די יודען! קריסטוס'ן האָבען זיי פערקויפט, און ווייסע חלה עסען זיי, און דערצו זענען זיי נאָך שולדיג אין אלעם. אין וואָס — „אין אלעם"? וואסיל האָט געקנייטשט דעם שטערען און געפּיהלט כעס אויף די יודען און נאָך אויף עמיצען. עס האָבען זיך בעוויזען עפּעס בלעטלעך, געדרוקטע בלעטלעך אזעלכע, וואָס עמיצער האָט געטיילט צווישען די סאָלדאטען, און ווען מ'איז געשטאַנען אין די ביוואַקען האָבען זיך געקליבען רעדלעך ארום די וואָס האָבען געקאָנט לעזען. מ'איז געשטאַנען, געהאָרכט און געשוויגען, — געשוויגען עפּעס מאָדנע, נישט ווי מענשען שוויינען. וואסיל'ן האָט אויך עמיצער געגעבען א בלעטעל, ער האָט עס בעקוקט, בעטאַפּט, אריינגעלעגט אין בוזעם און געגאַנגען הערען וואָס מ'לעזט. ער האָט נישט פערשטאַנען א וואָרט, אויסער דעם אז עס איז וועגען די זשידעס. ווייבאלד אזוי, מוזען דאָך די יודען וויסען, האָט ער זיך געווענדעט צו נחוב ראַטשיקן:

— נאַ, טשיטאַי.

ראַטשיק האָט א קוק געטהאָן אין בלעטעל, געוואָרפען א צווייטען און מאָדנעם בליק אויף וואסיל'ן און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געוואָלט אוועקוואַרפען דאָס פּאַפּירעל.

— וו-וואַרף נישט — נישט דיינס! — איז וואסיל געוואָרען אויפגערעגט. ער האָט עס בעהאַלטען אין בוזעם און ארומגעגאַנגען א געשפּאַנטער. דערנאָך איז ער יעדער צוגעשטאַנען צו ראַטשיק'ן:

— וואָס שטעהט דאָ געשריעבען? ס'איז דאָך וועגען דיר! דאָ איז נחום אויך געוואָרען אין כעס.

— נו, יאָ, וועגען מיר. אז איך בין א פעררעטער, פערשטעהסט? אז איך האָב פעררעטען, — נו, אז איך בין א שפּיאָן, אָט ווי יענער דייטש וואָס מ'האָט איהם געפּאַקט מיט פּאַפּירלעך און דערשאָסען, פערשטעהסט?

וואסיל האָט זיך דערשראָקען, און דער שטערן האָט גענומען ביי איהם שוויצען. ער איז אוועק פון נחום'ן א צעטומעלטער, געטאַפּט דאָס בלעטעל און זיך געפּיהלט פּאַסקודנע. אָט דער

נחום מוז זיין א שלעכטער מענש — אזא כעס ארויסגעוויזען, און דערצו איז ער א שפיאָן, אליין געזאָגט, נאָר עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיג — אזוי נישט קלאָר און נישט גלאַטיג, אז דער קאָפּ קנאַקט. טפו זאָל עס ווערען!

נאָך א לאַנגען לויפען איז מען ערגעץ געבליבען שטעהן. דעם שונא האָט מען שוין עטליכע טעג נישט געזעהען, קיין שיסעריי האָט מען נישט געהערט, מ'האָט נאָר געגראָבען טראַנשעען און זיך געגרייט צו'ן עפּעס. אין א וואָך ארום האָט זיך עס ווידער אָנגעהויבען. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דער שונא איז ערגעץ גאָר נאָהענט; ער זיצט אויך הינטער טראַנשעען וואָס מיט יע-דען טאָג רוקען זיי זיך אָן נעהענטער און נעהענטער, אזוי אז צייטענ-וויז זעהט מען קעפּ ארויסשטעקען איבער דער ברוסטוועהר. מ'האָט ווייניג געגעסען, נאָך ווייניגער געשלאָפען, און געשאָסען ער-געץ אהין פון וואַנען קוילען זענען געקומען צוריק און געקלאַפּט אין ערדענעם אָנשיט, געזשומעט איבער די קעפּ און מאַנכמאָל זיך איינגעגראָבען אין מענשליכע גופים. האַרט נעבען וואַסילין, ביי זיין לינקער זייט, איז אַלעמאָל געלעגען נחום ראַטשיק. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר געלאָדען די ביקס און געשאָסען און געשאָסען, מעכאַניש און אומגעאיילט. וואַסיל האָט איהם נישט געקאָנט סובל זיין, און צייטענווייז האָט זיך איהם געוואָלט א שטאָך טהון איהם פון הינטען מיט'ן באַיאָנעט. איינמאָל, ווען די שיסעריי איז געוועזען בעזונדערס פערביסען, האָט וואַסיל זיך פּלוצים דערפיהלט מאָדנע אומרוהיג. אויף איין אויגענבליק האָט ער זיך אומגעקוקט אויף ראַטשיק'ן און דערזע-העז, אז יענער ליעגט אין דערזעלבער פּאָזע וואָס פריהער, אויפ'ן בויך, און מיט דער ביקס אין האַנד, נאָר מיט א לאָך אין שטערן. עפּעס האָט זיך אין וואַסיל'ן איבערגעריסען מיט א קנאַק. מיט בלינדען כעס האָט ער א שטויס געטהון דעם טויטען גוף מיט א פוס און איהם אָבגעוואָרפען פון זיך אָן א זייט. דערנאָך האָט ער גענומען שיקען קוילען אריבער דער ברוסטוועהר איינע נאָך דער צווייטער, אָהן אכט און אָהן טאָלק, און דערביי ארויסגע-

שטעלט דעם קאָפּ אונטער׳ן געדיכטען בלייערנעם האָגעל וואָס האָט געקלאַפּט אַרום איהם.

יענע נאַכט האָט ער לאַנג נישט געקאָנט שלאָפען. ער האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף די צווייטע און געפלוכט אין דער שטיל. איינמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען אין כעס און זיך געלאָזען ערגעץ לויפען, נאָר אין וועג זיך דערמאָנט אַז ראַטשיק איז טויט, און מיט פערדרוס און שאַרפער חרטה זיך אַראָבגעלאָזען צוריק אויף זיין געלעגער. זשידעס — פעררעטער — קרים-טוס׳ן פערקויפט — פערהאַנדעלט פאַר אַ גאָרנישט!

און שוין אין שלאָף האָט ער געקריצט מיט די צייהנער און געריסען פון זיך דאָס פלייש.

ה.

פאַרטאָג האָט וואסיל פּלוצים זיך אויפגעזעצט אויף זיין האַרטען געלעגער אונטער׳ן פרייען הימעל. אַ קאַלטער שווייס האָט בעשלאָגען זיין גאַנצען קערפּער. די צייהנער האָבען גע-קלאַפּט אַ צייל אָן אַ צייל, און די אויגען, קיילעכיג און אויפגע-ריסען, האָבען גיעריג געשטאָכען דעם בלינדען חושך. ווער איז דאָ געוועזען? ווער איז דאָ געוועזען?

ס׳איז געוועזען שטאָק פינסטער און מורא׳דיג שטיל, נאָר ער האָט נאָך געהערט דעם שאָרך פון די ריעזיגע פליגעל און געשפּירט די קעלט פון׳ם שוואַרצען מאַנטעל, וואָס האָט מיט׳ן זוים זיין פּנים בעריהרט. עמיצער איז ווי אַ פראָסט אַריבער איבער׳ן לאַגער, און דער לאַגער איז געבליבען שטום און פערגליווערט, אַן אָפענער קבר פון טויזענדער פּגרים, געטראָפען אין שלאָף, און געטראָפען אין האַרצען. ווער איז דאָ געוועזען? ווער איז דאָ געוועזען? —

בייטאָג האָט מען גע׳הרג׳עט דעם פּאָרוטשיק מוראַטאָוו פון פערטען באַטאַליאָן, יעניסייער פּאָלק. דאָס איז געוועזען אַ מענש מיט אַ פּנים פון פּאַרמעט, אַ כעסן און אַ שלעכטער, און די קויל וואָס האָט דורכגעבראָכען זיין נאַזביין צווישען די אויגען איז

געקומען פון זיין אייגענעם באטאליאָן. אז מ'האָט געפרעגט „ווער" ? האָט דער באטאליאָן נישט געענטפערט, אז מ'האָט געסטראשעט צו בעשטראָפען אלעמען האָט מען ניט געענטפערט, אז מ'האָט געהייסען אוועקגעבען דאָס געוועהר האָט מען נישט געענטפערט. מ'האָט אויסגעשטעלט געגען דעם באטאליאָן די איבריגע טיילען פון פּאָלק, נאָר אויף די קאָמאנדע „פלין" האָט דער גאנצער פּאָלק ווי איין מענש אראָבגעלאָזען די ביקסען צו די פיס. ד'אָן האָט מען געבראכט אַן אנדער פּאָלק, און נאָך אַ שיסעריי פון צעהן מינוטען איז פון צעבונטעוועטען באטאליאָן קיינער נישט געבליבען.

אויף מאָרגען האָט מען צוויי אָפיציערען צעהאקט אויף שטיקער, און אין דריי טאָג ארום האָבען זיך צוויי קאוואלעריסטען צעשלאָגען, און אינגיכען האָט זיך אַ גאנצער פּאָלק צעשפּאָלטען אויף צוויי צדדים און געשניטען איינער דעם צווייטען ביז פון זיי אלעמען איז געבליבען אַ קליין הייפעל מענשען אויף די פיס.

דאַן האָבען זיך אין דער ארמעע בעוויזען עפּעס מענשלעך אין ציווילע קליידער, און ווידער האָט מען גענומען טיילען בלעטלעך, און די אָפיציערען האָבען אונטערגעהאלטען, און אָהן לאַנגע דרשות, נאָר ווי געהובעלט פלעקער און געהאקט אין די קעפּ: זשידעס — פעררעטער — שולדיג אין אלעם.

ווידער האָט עמיץ וואסיל'ן געגעבען אַ בלעטעל, נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט גענומען. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון בוזעם, מיט ליעבשאפט און דרך-ארץ, ווי אַ קמיע, אַ שטיקעל פּאַפּיער, צעקנייטשט, אַנגעריסען, פערשמאָלצען, און פערפלעקט מיט בלוט — און געוויזען: ער האָט, און געדענקט. דער פערטיילער, אַ מאָגער מענשעל מיט אַ זאמדקאָלירענער באָרד, האָט צוגעמאכט איינס פון זיינע קליינע אייגלעך און מיט'ן צווייטען אָנגעקוקט אַ ווײלע דעם נידעריגען, ברייטביינינגען סאָלדאט מיט'ן קורצען דיקען האלז און די האלב-ארויסגעקראָכענע גרויע און וואסערדיגע אויגען — דערנאָך האָט ער איהם פריינדליך אָנגעקלאפּט אין פּלייצע און איז אוועק מיט אַ מאָדנעם שמייכעל אויף די ליפּען.

די יודישע סאָלדאַטען זענען ערגעץ פערשוואונדען: מ'האָט זיי אונבאַמערקט געזאַמעלט און אַוועקגעשיקט פון דאַנען, קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין. דערפון האָבען זיך אַלע דערפיהלט פרייער און היימישער, און כאָטש די פעלקער זענען געווען פער־שיעדען, איז די דעה געווען איינע. דער פרעמדער, דער פרעמדער איז אַוועק!

דערנאָך האָט עמיצער אַרויסגעלאָזען אַ וואָרט: „די יודישע מלוכה".

ו.

דאָס איז געווען דער לעצטער שטאַנד, און ווען דער איז געבראָכען געוואָרען, האָט מען זיך מעהר אין ערגעץ נישט אָבגע־שטעלט. מ'איז געלאָפען ווי חיות אין אַ שרפה אין סטעפּ — געמישטע מינים, איינציגווייז אָדער גרופּענווייז, אָהן קאָמאַנדירען און אָהן אַ סדר, נאָר אין טויטשרעק זיך געוואָרפען אין יעדען דורכגאַנג וואָס דער שונא האָט געלאָזען פריי. נישט אַלע האָבען געהאַט געוועהר, און אויף קיינעם זענען די קלייגער נישט געווען גאַנץ, און דאָס וועש איז געזעסען ווי אַ הויט אויף די נישט־געוואַשע־נע לייבער, און די זומערדיגע זון האָט געבאַקען מיט רציחה, און עסען האָט מען גענעסען ווען מ'האָט געפונען וואָס צו רויבען. אין די שטעדט האָט מען שוין געהערט דאָס היימישע לשון, און אַרום האָבען זיך געשפּרייט די היימישע פעלדער, נאָר געווען זענען זיי נישט צו דערקענען, ווייל דאָס פּאַראַיאָהריגע ברויט האָט געפוילט איינגעטראָטען אין דער ערד, און דאָס לאַנד איז געליגען טרוקען און גרוי און צעלעכערט, ווי דער פּגר פון אַ פערצוקטען אָקס, אין וועלכען וועלף האָבען זיך געגראָבען און דאָס איינגע־ווייד אַרויסגעפרעסען.

און בעת די חיילות אונטען האָבען געפּויזעט איבער דער ערד ווי נעסטען גרויע ווערים, האָבען שאַרעס שוואַרצע ראָבען גע־שוועבט איבער זייערע קעפּ און געקראַקעט טרוקען און דראָבנע, ווי מ'רייסט צעפוילטע לייוועגד, און געדרעהט זיך אין פערפּלאָנ־

טערטע קרייזען, און געוואָרט אויף דאָס זייעריגע — און געוואָרט אויף דאָס זייעריגע.

צווישען קאַלאָוו און זשאַדיצאַ האָבען די פערהונגערטע און צערייצטע לעגיאָנען אָנגעיאָגט גרויסע מחנות יודען וואָס מ׳האָט ארויסגעיאָגט פון די גרעניץ-שטעדט, מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט קראַנקע און געפעק. עמיצער האָט געזאָגט: „בעי ז׳‟ — קורץ און פערדומפפען, ווי דער וויטער ב־בוך פון א הארמאַט. וואָסיל האָט זיך תחלת צוריקגעהאַלטען, נאָר די קוויטשיגע געשרייען פון די ווייבער און קינדער און דער העמ-ליכער שרעק פון די מענער מיט די לאַנגע פאות און צעפאָכטע קאַפּאָטעס האָבען איהם אזוי צערייצט, אז ער האָט זיך אריינ-געשניטען אין די מחנה ווי א צעווילדעטער אָקס. זיי האָבען גע-קראָגען דעם חסד פון שנעלקייט: די ארמעע איז אריבער איבער זיי ווי א סטאַדע גאַלאָפּירענדע פערד.

און דאָן האָט עמיצער — גיפטיג און מיט א קוויטשיג קול׳כעל אויסגערופען:

— די יודישע מלוכה!

דער אויסרוף איז מיטאמאָל ארויפגעפלויגען אין דער הויך און ווי א דונער איבער׳ן הימעל זיך איבערגעקייקעלט איבער די ווילדע לעגיאָנען, זיך אריבערגעוואָרפען אין די דערפער, אין די שטעדט און דערגרייכט די פארבאָרגענסטע ווינקלען פון לאַנד. די ארמעע האָט זיך א וואָרף געטהון אויף די געגענד מיט בראַנד און שווערד. ביינאַכט האָבען ברענענדע שטעדט בעלויכטען זייער וועג, און בייטאָג האָט דער רויך פערהויכט די זון און דעם הימעל און אין וואָטענע קנוילען זיך געקייקעלט איבער דער ערד, און דערשטיקטע ראָבען זיינען צייטענווייז געפאַלען צווישען די ריי-הען און אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטען. עס האָבען געברענט זיקאָוו, פּאָטאַפּנאַ, כאָלאָדנע, סטארי-יוג, שעליובקאַ; עס זיינען אָבגעווישט געוואָרען פון דער ערד אָסטראָגאָריע, סאַווא, ריקאַ, ביעלאָיע-קרילאָ און סטופניק; ס׳איז אוועק מיט׳ן רויך די יודי-שע וועבער-שטאָדט ביעלאָפּריאַזשאַ, עס האָט געפלאַקערט ווי א

שייטערהויפען דער ווינאָקורער וואַלד, וואו דרייסיג טויזענד יודען האָבען געזוכט שוץ און בעהעלטעניש, און דריי טאָג נאָכאַנאַנד האָבען ביטערע געשרייען, ווי בייזע, גיפטיגע גאַזען, זיך געהויבען פון וואַלד און זיך געשפרייט איבער דער אומגעגענד. די ביסטרע אָבער שמאָלע סיניעוואָדקאַ איז אַביסעל ניעדריגער פון ליוצין איינגאַנצען פערשטאָפּט געוואָרען פון מענשליכע גופים און האָט פערפּלייצט די פלאַכע פעלדער. אויף די חורבות פון דאַבראָ-סלאַוואַ איז געזעסען אַ משוגע׳נער, דער איינציגער וואָס איז גע-בליבען פון דער שטאָדט, און געבילט ווי אַ הונד.

די חיילות זענען געוואָקסען. דער פייער האָט פערלאָזען דאָס דאָרף, דער בירגער האָט אוועקגעוואָרפען די שטאָדט, גלחים מיט איקאָנעס און צלמים אין די הענד האָבען געפיהרט פּראָצעסיעס איבער די דערפער און פרום און בעגייסטערט געבענשט דאָס פאָלק, און „די יודישע מלוכה״ איז געווען דאָס וואָרט. די יודען אליין האָבען איינגעזעהן, אַז זייער לעצטע שטונד האָט געשלאָ-גען — די סאַמע לעצטע, און ווער עס איז געבליבען לעבען איז געלאָפען שטאַרבען צווישען יודען, אין דער גרויסער שטאָדט מאַ-ליאַסי, דעם גרעסטען און עלטסטען יודישען צענטער אין לאַנד, אַ מקום-תורה פון פערצעהנטען יאָהרהונדערט אָן, אַ שטאָדט מיט אַלטע שוהלען און גרויסע ישיבות, מיט רבנים און געלעהרטע פון הייניגער צייט, מיט יחוס פון לומדישען און סוחרישען שטאַנד. דאָ האָט מען געפאַסט תעניתים בצבור, זיך מתודה געווען אויף חטאים, געבעטען מחילה פון שונאים און גוטע פריינד. עלטערע מענשען האָבען געזאָגט תהלים און סליחות און מעבר-יבוק, יונ-געריע האָבען נעברענט תבואות און קליידער, געהאַקט מעבעל און אַלערליי חפצים, געבראָכען און פערניכטעט זאַכען וואָס האָבען געקאָנט ברענגען נוצען דער אָנקומענדער אַרמעע. און זי איז געקומען. געקומען פון אַלע זייטען, פון אַלע זייטען אָנגעצונדען די שטאָדט און זיך אַריינגעגאָסען אין די גאַסען. יונגעלייט האָ-בען געפּרואווט זיך שטעלען אַנטקעגען און זענען אַרוים מיט רע-וואָלווערען אין די הענד. די רעוואָלווערען האָבען געפּישטשעט

ווי קינדערשע ראָדביקסלאַך, די סאָלדאַטען האָבען געענטפערט מיט אַ דונער פון געלעכטער, און האָבען פון די יונגע לייט גע־צויגען די אָרערען איינציגווייז און געבראָכען זייערע ביינער אויף קליינע טיילען. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזען איבער די הייזער, די מענער גע׳הרג׳עט וואו מ׳האָט זיי געטראָפען און די ווייבער ארויסגעשלעפט אין מארק.

ז.

איין קורצער, קיילעכיגער קלאַפּ מיט׳ן פויסט, און דער שלאָס איז אָבגעשפּרונגען, און די טיר האָט זיך געעפענט.

וואסיל האָט שוין צוויי מעת-לעת נישט געגעסען און נישט געשלאָפען. זיין הויט האָט געברענט אין טרוקענער היץ, זיינע ביינער זענען געווען ווי שלעכט צוזאמענגעפּאַסט, די אויגען אָנ־געגאָסען מיט בלוט, און דאָס געזיכט ביז אונטער זיי פערוואקסען מיט קליינע, פלאַקס-ווייסע הערעלעך.

עסען! — האָט ער הייזעריג ארויסגעכריפּעט.

קיינער האָט נישט געענטפערט. ביים טיש איז געשטאַנען אַ לאַנגער יוד אין אַ שווארצען ראָק, מיט שווארצע באָרד און פּאות און במורנע אויגען. ער האָט צענויפגעדריקט די ליפּען און פער־עקשנ׳ט געשוויגען. וואסיל האָט מיט כעס געמאכט אַ טריט פאָרויס און נאָכאמאָל געזאָגט:

— עסען!

נאָר ארויסגעקומען איז עס מיט אַ טאָן ניעדריגער. נעבען אַ פענסטער האָט ער דערזעהען נאָך אַ פיגור. אַ יונגע פרוי, אין ווייסען, מיט אַ שווארצען קאָפּ האָר. צוויי גרויסע אויגען — קיינמאָל געזעהען אזעלכע גרויסע אויגען! — האָבען געקוקט אויף איהם און אריבער, און דער קוק פון די אויגען איז געווען אזעל־כער, אז וואסיל האָט אויף אַ רגע אַ הויב געטהון אַ האנד צו פערשטעלען זיינע. ער האָט דערפיהלט, אז זיינע קניע ציטערען און אז ער געהט אָב, ווי נאָך אַ פראָסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ פרוי? וואָס זענען עס פאַר מענשען? גאָט! — צו וואָס, צו

וואָס האָבען זיי געדאַרפט פערקויפען קריסטוס'ן! און דערצו זענען זיי שולדיג אין אַלעם — ראַטשיק אַליין געזאָגט — אַז מענ-שען האַלטען אין איין שווייגען, און קוקען קוקט מען אַלעמאָל ערגעץ אַריבער, אין אַל די שוואַרציאַהר, און וואָס זענען זיי אויסען מיט דעם אַלעם! — און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ מיט ביידע הענד.

ער האָט עפּעס דערפיהלט — און זיך אומגעקוקט. דער יוד איז געשטאַנען נעבען איהם, טויט-בלאַס און מיט שנאה אין זיינע אויגען. אַ ווייַלע האָט וואַסיל געקוקט שטומפּיג. און פּלוצים האָט ער אָנגעכאַפּט די שוואַרצע באָרד און זי אַ ריס געטהון מיט רציחה.

אַ ווייסע פיגור האָט זיך אַריינגעשליידערט צווישען זיי. אָבער דער כעס האָט איהם שוין געשווינדעלט דעם קאָפּ און גע-שרפּ'עט זיין האַלז. ער האָט אַ ריס געטהון די ווייסע פיגור מיט איין האַנד. טר-ר-רן! אַ לאַנגער פּאַס האָט זיך אַרויסגעשיילט פונ'ם קלייד מיט'ן העמד צוזאַמען און געבליבען הענגען פאַר'ן אונטערשטען זוים. עס האָט געגעבען אַ פינקעל אין זיינע אויגען צום בלינד ווערען. אַ האַלבע ברוסט, אַ געטאָקטע זייט, אַ פולע קיילעכדיגע היפט — אַלעס בלענד-ווייס און פוכקע, ווי ווייסע חלה. צום טייוועל — אָט די זשידעס זענען אינגאַנצען געמאַכט פון ווייסער חלה! אַ קאָכיגער שטראָם האָט אַ בריה געטהון זיין גאַנצען קערפּער פון אויבען ביז אַראָב, די האַנד איז אויפגעפלוי-גען ווי אַ שפּרינג-פעדער און זיך אַריינגעשאָסען אין ריס.

אַ האַנד האָט אָנגעכאַפּט זיין האַלז און זיך איינגעקלאַמערט אין פליישׁ. ער האָט לאַנגזאַם אומגעדרעהט דעם קאָפּ צו'ם יודען און געקוקט אַ ווייַלע מיט פערשמעלערטע אויגען און אויסגע-שצירעטע צייהן, נישט אַראָבוואַרפענדיג די יונגעלש-שוואַכע פינ-גער פון זיין קורצען האַלז. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען די אַקסלען, זיך אויסגעבויגען שטייף און קיילעכיג ווי אַ ראָד, אָנגע-נומען דעם יודען מיט ביידע הענד פאַר די פיס, איהם אויפגעהוי-

בען אין דער הויך און א האק געטהון מיט'ן רוקען אן שארף פון טיש.

און אוועקגעווארפען ווי א צעבראכענעם שטעקען.

א קליינער קרעכץ פון מאן און א שניידיג געשריי פון דער פרוי. נאר ער איז שוין געווען אויף איהר. ער האט זי צוגע-דריקט צו דער ערד און געריסען די קליידער צוזאמען מיט'ן פלייש. איצט איז זי געווען העסליך, דאס פנים פלעקיג רויט, רויט דער שפיץ פון דער נאז, און די האר צעפאטעלט און אויף די אויגען. „מכשפהן" האט ער א קריץ געטהון מיט די צייהנער, אנגעכאפט איהר נאז און זי א דרעה געטהון ווי א שרייפעל. זי האט ארויסגעלאזען א קוויטש — קורץ, מעכאניש און צו הויך, ווי דער פייף פון א לאקאמאטיוו. דער קוויטש האט איהם א שטאך געטהון אין מארך און איינגאנצען ווילד געמאכט. ער האט זי אנגעכאפט ביים האלז און פערשטיקט.

נעבען זיינע אויגען האט געציטערט א ווייסער אקסעל, אויף וועלכען עס איז געזעסען א פולער, קיילעכיגער טראפען פריש און גלאנציג בלוט. זיינע נאזלעפעל האבען זיך בעוועגט, ווי פליגעל. די צייהן האבען זיך צונויפגעשטימעט און געגומען זיך שארפען און פלוצים האבען זיי זיך פאנאנדערגענומען און זיך איינגע-שניטען טיעף אין ס'ווייסע פלייש.

— — — ווייסע חלה האט דעם טעם פון שטייפען, זאפטיגען פאמעראנץ. דער זאפט איזווארם, דער זאפט איז הייס, און וואס מעהר מ'זויגט, מעהר ברענט דער דארשט. דער זאפט איז שארף און גדיכט, און מאדנע געווירצט, און זעהר מאדנע גע-ווירצט.

דאס איז געווען, ווי פליהען אין א שליטען פון א הויכען בארג אראב, אראב. דאס איז געווען, ווי טרינקען זיך אין שארפען ברענענדיגען ספירט, דאס איז געווען — ביידע.

אין א קרייז, אין א קרייז זענען די זאפטען פון לעבען געגאנ-גען פון קערפער צו קערפער — פון איינעם אין צווייטען, פון צווייטען אין ערשטען — אין א קרייז, אין א קרייז.

זיילען רויך און זיילען פלאם האָבען געשטיגען צום הימעל פון דער גאַנצער שטאָדט. שען האָט געברענט דאָס פייער אויפ'ן גרויסען מזבח. די געשרייען פון די קרבנות — לאַנגע, געצויגענע, ענדלאָזע — זענען געוועזן זיך אין די אויערען פון אַ גאָט אַזוי אייביג ווי דער אייביגער גאָט. און די צאַרטע טיילען, שענקעל און ברוסט, האָט געקראָגען דער כהן.

אין דער טויטער שטאָדט

אין דער טויטער שטאָדט.

א.

אין דער מתים-שטאָדט הערשט שטענדיג א בעזונדערע, ווייכע און פריעדליכע שטילקייט.

די אַלע אמאָליגע מענשען, וואָס האָבען זייערע געצעלטען אין איהר, אפילו די גליקליכסטע צווישען זיי, האָבען דאָרט אונטען, אין דער שטאָדט פון די לעבעדיגע, קיינמאָל נישט געוואוסט פון אזא גליקליכער רוה, פון אזא מילדער שטילקייט, פון וועלכער זיי געניסען דאָ. און אראָבוואַרפענדיג פון זיך די שווערע קערפער, ווי ענגע, גראָבע קליידער, און לאָזענדיג זיי אונטער די מצבות, געהען זיי ארויס די בעפרייטע, דערלייכטערטע נשמות פון די קברים, און שוועבען ארום איבער'ן הייליגען אָרט פון זייער אייביגער רוה, און בעקוקען זייער קעניגרייך, און פערקוקען ווייט *א ר י ב ע ר* זייער קעניגרייך.

און אויף וויפיעל זייער אויג כאפּט קיין צפון, ציהען זיך פאר זיי ווייס-שימערירענדע, דרימלענדע קאָרן-פעלדער אונטער די גאָלדענע שטראַהלען פון דער גאָלדענער זון; און אין מערב, אויף יענערזייט ברייטען, שטויביגען וועג, זעהען זיי א צוויי-דריי פערשלאָפענע פויערשע הייזלעך און הינטער זיי — ווידער הייס-שימערירענדע קאָרן-פעלדער; אין מזרח פליסען אונטער זייערע פיס, ביים גרונד פון שארף אבגעשניטענעם לעהמיגען בארג, די טיעפע געלבליכע וואסערען פון א ברייטען טייך, און אויף זיין צווייטען ברעג קרייזלען זיך ביימלעך, ריטער, ווערבעס, וואָס ווייטער — העכער, ביז זיי שפּאַרען אונטער דעם הימעל דאָרט אין דער ווייטען, ווי א טונקעל-בלויער בערגפאס. און בלויז צו דרום

וואַרפען די נשמות אונווילינ און אונצופרידען אַ בליק און קעה־רען געשווינד זייערע אויגען אַוועק: דאָרט אין טאָל, אונטער'ן גרויען נעבעל, ליגט די שטאָדט פון די לעבעדיגע, זייער אַמאָלי־גער וואוינאָרט...

לאַנגע צייַלען שטיבלעך פון נאַאיווער און דאָך פערשידענ־אַרטיגער אַרכיטעקטור, מיט העכערע און נידעריגערע מצבות, שטרייכען דאָס בית-עלמין אין אַלע זייטען: פריש-אָנגעשאָטענע קברים צוזאַמען מיט לאַנג-פערוואַקסענע ערד-הויפענס זענען ער־טערווייז פּלאַנמעסיג צעשטעלט, ערטערווייז פאַנאַנדערגעוואָרפען מיט פרייער האַנד; טינט-ביימלעך און „קברות-באַרעלעך“ שטיי־נען אַרויף פונ'ם גרין-גראָזענעם קאַבריץ, וואָס איז רייך בעשפּרענ־קעלט מיט בלימעלעך, בלימעלעך, בלימעלעך... פראַנק און פריי, אָהן מורא פאַר דער זון און העלער טאָג-שיין, שוועבען אַרום די לייכטע נשמות איבער'ן ברייטען בית-עלמין פון איין זייט פלויט ביז דער צווייטער, און מאַנכע, די דרייסטערע צווישען זיי, ער־לויבען זיך אַריבערצופליהען איבער'ן פלויט אין דאָס פרייע פעלד אַריין, אַ פערשייטען פּאַך צו טהון מיט זייערע פליגעל איבער די קעפּלעך פון די שלאָפענדע קאָרן-זאַנגען און געשווינד אומצוקעה־רען זיך צוריק מיט אַ שטיל-לאַכענדער שושקעריי... שטיל און פריעדליך אין דער טויטער-שטאָדט; שטיל און פריעדליך.

און טרעפט אַמאָל, אַז אַ לעבעדיגער מענש פערקוקט אין די טויטע שטאָדט, אָדער עמיצער געהט פאַרביי צו נאָהענט נעבען פלויט, — אַזוי פערשווינדען די נשמות ווי אַ חלום, און בלויז אָן שוידער, וואָס בעפאַלט זיין נשמה, דערקענט דער פאַרבייגעהער, אַז עמיצער איז דאָ געווען און אַז עפּעס אַזוינס איז דאָ געשעהן... און אפילו ווען דער אַלטער דן, דער אויפזעהער פון זייער מקום-מנוחה, שפּרייזט דורך דאָס „פעלד“ מיט זיין גראָב-אייזען אין האַנד, און די ציצית פון אַרבע-כנפות לויפען איהם פאָראויס, — פערבעהאַלטען זיך די נשמות צווישען די מצבות, קוקען אַרויס אונגעדולדיג פון יעדען שפּעלטעל און וואַרטען: ווען געהט ער שוין אַוועק און לאָזט פריי פאַר זיי דעם פּלאַץ.

בלויז איין-איינציגער לעבעדיגער מענש האָט אַ צוטרעט צו זיי. אַז די ניין-יעהריגעביילקע, דעם אַלטען דן'ס אייניקעל, בעוויזט זיך צווישען די קברים, דאַן מישען זיך צוזאַמען די געלייטערטע נשמות מיט די שטראַהלען פון דער זון און מיט די פרייע פעלד-ווינטלעך אין איין מחנה — און אַלע אינאיינעם האַלזען זיי זי, און שפּיעלען זיך מיט איהרע שוואַרצע געקרייזעלטע לאָקען, און יאָגען זיך נאָך איהר, און כאַפּען זי, און לאָזען זי אָב, און יאָגען זיך וויעדער... לויפט ביילקע אַרום צווישען די מצבות און שפּרינגט, און טאַנצט, און פּאַטשט מיט די הענטלעך, און רעדט דאָרט עפּעס, און איהר געלעכטערל קלינגט אין דער טויטער שטילקייט, ווי אַ דין, פרעהליך גלעקעלע אין אַ וויסטען סטעפּ בעת אַ שניי-שטורם... דערהערענדיג איהר קול, קוקט דער אַלטער דן אַרויס פון פענסטערל און שרייט צו איהר:

— ביילקע... ביילעניו!... צו וועמען רעדסטו דאָרט, טאָכטער?...

זי הערט נישט און פערשווינדט צווישען די קברים. דער זיידע קוקט איהר נאָך מיט פינסטערע, פערזאָרגטע אויגען, לאָזט אַרויס אַ שטילען קרעכץ, און זיינע ליפּען מורמלען ביטער און שמערצליך:

— טעכטערל... טעכטערל!.. וואָס ט'עס זיין מיט דיר?...

ב.

ער אויף דער שוועל פון טויט, זי אויף דער שוועל פון לעבען — היטען זיי ביידע די טויטע שטאָדט.

דרייסיג יאָהר נאָכאַנאַנד וואוינט דער אַלטער דן אין קליינעם שטיבעל מיט די בלינדע פענסטערלעך. דרייסיג לאַנגע יאָהר עפּענט ער שטום דאָס אַלטע אַש-קאָלירענע טויער אונטער'ן פערגרינטען דעכעל און לאָזט אריין מתים, מתים, מתים... און ביז היינטיגען טאָג קאָן ער נישט גובר זיין די שטילע און לייכטע אויפרעגונג, וואָס איהם בעפאַלט יעדעס מאָל, ווען ס'קומט-צו אַ נייער מיטגליעד אין די טויטע קהלה. וויעדער עמיצער געשטאָר

בען! אודאי קאָן עס אנדערש נישט זיין, אזוי האָט גאָט די וועלט בעשאפען, אָבער... — און די גאַנצע צייט וואָס די שמשים שיטען ערד אין קבר, די יתומים זאָגען קדיש און דער גאַנצער עולם קוקט און הערט, איז דן'ס פנים ערנסט און פיעלבעדייטענד: א וויכטיגע זאַך קומט פאָר — א מענש איז געגאַנגען אָבגעבען דין-וחשבון פאַר זיינע מעשים!... עס וואַקסט אויס א בערגעל ערד, און דער עולם געהט זיך פאַנאַנדער. דעמאָלט ערשט געהט דער אלטער צו נעהענטער צום קבר, בעקוקט איהם אויפמערקזאַם, בע-טראַכט זיינע שכנים — און הויבט אָן זיך צו בערוהיגען. מיט א צייט שפּעטער, ווען אויפ'ן פרישען בערגעל וואַקסט אויס א מצבה, פיהרט זי דן אריין אין בוך, און פונ'ם מענשען בלייבט נישט מעהר ווי א נאָמען. פאַר'ן אלטענ'ס אויגען שוועבט א לאַנגע, לאַנגע גלייכע רייהע, עהנליכע „תנצבה'ס", און פון איינעם ביז'ן צווייטען איז נישט צו דערקענען...

געווען אַמאָל ביים אלטען א סך קינדער — זיהן און טעכטער, און שניר, און איידעמס — א גרויסע פאַמיליע געווען. צערונען געוואָרען, ווי וואַסער: ווער סאיז געשטאָרבען, ווער — קיין אמעריקא אוועק, ווער — ערגעץ אנדערש-וואו. נישט לאַנג צוריק האָט נאָך די אלטע אויך געלעבט, און דעמאָלט איז אין קליינעם שטיבעל מיט די קליינע פענסטערלעך פיעל היימליכער געווען... אָבער ווען מ'האָט מיט דריי יאָהר צוריק, נאָך „יענער" געשיכטע, געבראַכט ביילקען אהער, האָט די אלטע אָנגעהויבען אויסצוגעהן, ווי א ליכט. געגוג געווען צוויי חדשים צייט, די אלטע זאָל זיך אריבערציהען פון שטיבעל אהין, אונטער'ן אלטער בארנבוים, וואָס שטעהט נישט ווייט פון פּלויט, צו דרום-זייט. און נאָך איצט, אז דעם אלטען ווערט עפּעס אומעטיג אויפ'ן הארצען — פאַרהאַן אַזעלכע מינוטען ביי א מענשען! — רוקט ער זיך צו בגנבה, ביילקע זאָל נישט זעהן, צום בוים, לעזט איבער, ווי א נייעס, אויף דער מצבה: „האשה מלכה בת ר' תנחום שלמה", זעצט זיך אוועק דערנעבען און קוקט... בלאָנקען דאָן ארום אין קאָפּ נישט געדאַנ-קען, נאָר עפּעס אזוי... נארישקייטען, און אונטער'ן הארצען

זויגט עס אַביסעל. אַמאָל קלערט ער, אַז נעבען זיין מלכה'ן איז פאַרהאַן אַ וואוילער אָרט, אַזאַ שטיל פערוואָרפען ווינקעל, אָבער — וואָס קומט אַרויס ?... ז י י ן מקום-מנוחה וועט זיין דאָרטען, צווישען די זכרים.

פאַר'ן אַוועקגעהן האָט ער אַ רגילות איבערצוטאַפּען מיט זיינע פינגער די אותיות אויף דער מצבה, — סתם אַזוי, הייסט עס, אָהן אַ בעשטימטער כונה. דערנאָך שלעפּט ער זיך אַוועק פערטראַכט און לאַנגזאַם...

... און וואָוינט צוזאַמען מיט ביילקע'ן. די ערשטע צייט נאָך איהר קומען אַהער, איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אין חלום, נאָר — וואָס אַ קינד איז ! — איצט קלינגט איהר געלעכטערל איבער'ן גאַנצען היילינגען אָרט. שוואַרצע געקרייזעלטע האָר, אַ פול, קיילעכדיג פּנימ'ל און העל-בלויע, העל־העל־בלויע אייגלעך. „אַ בת מלכה ן"... טראַכט דער זיידע, קוקענדיג אויף איהר, און פּיהלט זיך טאַקע פאַר איהר עפּעס זעהר מאָדנע : ווי אַן אַלטער געטרייער דיענער, וואָס האָט די עהרע צו ערציהען אַ פּרינצעסין. דער אַלטער אַליין האָט גרויע, בייזע אויגען און האַרטע, גרויליכע און אויך בייזע וואָנסען. פּרובירט ער אַמאָל צו מאַכען אַ בייז פּנים, אָבער די קליינע פּיהלט זיין האַרץ און לאַכט, — לאַכט אַזוי, אַז דן הויבט אָן צו פּינטלען מיט די אויגען, ברומט עפּעס און — לאָזט אַריין זיינע פינגער אין איהרע האָר און גלעט, און גלעט... עכטע זייד ן

נאָר יסורים האָט ער פון איהר געגוג. ערשטענס — אַ קינד זאָל פאַר קיין זאַך אין דער וועלט קיין מורא נישט האָבען ן קלע־טערט זי אויף די ביימער, שפּרינגט פון פלויט אַראָב אויף די ערד, און לאָזט זי זיך לויפען צווישען די קברים — וועסטו זי אויף קיין פערד נישט דעריאָגען. ביי דער הינטער-זייט פון בית-עלמין האָט מען קיין פלויט נישט געשטעלט : דאָרט האַקט זיך דאָס „פעלד" גלייך ווי אַ וואַנד צום טייך אַראָב, און דן האָט גאָר מורא אפילו צוצוגעהן נאָהענט צו יענעם אָרט ; און זי — זי לאָזט זיך אַראָב, קלעטערט צוריק אַרויף, באָדט זיך אין טייך, שווימט...

צוווייטענס — עפּעס איז זי מיט „זיי" דאָרט אַ צו נאָהענטע מהותנת'טע... עפּעס רעדט זי דאָרט מיט עמיצען, לאַכט, זינגט. זעהט זי טאַקע עפּעס? נישט קיין גוטער סימן, אַז אַ לעבעדיגער איז מיט „זיי" אַ גאַנצער גוטער־ברודער. וואָס קאָן עס זיין? צו אַ קינד, וואָס האָט גאָרניט געזינדיגט, דאַרפען זיי, דאַכט מיר, גאָר אַפּילו קיין שליטה נישט האָבען. האָב איך אַ טעות? מיט וועמען־זשע, וויעדער, רעדט זי דאָרט?

נאָר מעהר פון אַלעס שרעקט דעם אַלטען אין ביילקען אַן אַנ־דער זאַך. זינגט זי, שפּרינגט זי, טאַנצט זי; דאַכט זיך — גוט? אַמאָל אָבער — זעהר זעלטען — פערטראַכט זי זיך. קנייטשט זיך דאַן ביי איהר דאָס גלאַטע, ווייסע שטערענדעל, קנייטשט זיך — ממש ווי ביי אַן אַלטען מענשען! צווישען די שווארצע, געדיכטע ברעמען שניידט זיך איין אַ טיעפער שטעהענדיגער ציי־כען און ווארפט אַ וואָלקען אויף דאָס גאַנצע פּנימ'ל. דערביי ווע־רען איהרע אייגעלעך, די פייכטע, ליכטיג-בלויע אייגלעך, טונקעל — פינסטער — כמעט שווארץ. און דאַן זעהט מען אין זיי קיין גרונד נישט, ווי מ'זעהט איהם נישט דאָרט אונטער'ן בארג אין טייך, ווען ער ווערט כמורנע און וויל זיך בייזערען. און דער אַלטער ווערט פערציטערט: ער זעהט בחוש, אַז זי מאַטערט זיך צו דערמאָנען זיך עפּעס. איהר פּנים ווערט בלאַס, געעלטערט, און זי איז — איהר מוטער, איהר מוטער, עליה השלום, מיט אַלע פּינטעלעך! אַזוי ציהט זיך עס שטונדען-לאַנג.

— ביילקע... — רופט דן אונזיכער. — ווערסט אפשר עפּעס עסען, טאָכטער?...

זי ענטפערט נישט.

ג.

איבער'ן בית-עלמין זענען צעזעעט עטליכע בארנבוימער, אויף וועלכע עס וואַקסען קליינע, הארטע, קיילעכדיגע בארלעך. מיינט ביילקע, אַז די בעסטע זאַך איז — צו עסען אָט די זאַמדיגע,

זויערליך־האַרבע באַרלעך. און נאָך בעסער איז — אונטערצו־שפּרינגען ווי מעגליך העכער, אָנצוכאַפּען אַ צווייג און טרייסלען, טרייסלען... שפּרינגען די באַרלעך איבער דער ערד, טאַנצען אויף ביילקעס קעפּעל, ווי אַ האָגעל, און פּערוויילט זיך איינעם פון זיי — ווערט עס פערשוואונדען אין גראָז, ערגעץ גאָר נאָהענט, כמעט ביי איהרע פיס, און — זוך עס נאָכדעם אַ טאָג מיט אַ נאַכט. וועסטו עס אויך נישט געפינען. נאָר דאָס בעסטע איז — אַרויף־צוקלעטערען אויף דעם עלטסטען באַרנבוים, וואָס שטעהט נעבען דער באָבע'ס קבר, אַרויף צום סאַמע שפּיץ, רייסען די פרוכטען פון די גערויכט בעזעצטע צווייגען און וואַרפען אַראָב, איינציגווייז, אהין, אהער... און ווי מאָדנע די וועלט זעהט אויס, אַז מ'בעקוקט זי פון שפּיץ בוים אַראָב! די ברעגען פון הימעל רוקען זיך אַ ביסעל פאַנאַנדער. די ערד ווערט גרעסער און דאָס בית־עלמין — קלענער. די שטאָדט אין דער וויטען צייכענט זיך אָב אַ ביסעל דייטליכער, ווי אַן אַלטער בגד מיט אַ סך גרינע, רויטע, ווייסע און סתם קויטיגע לאַטעס. דער טייך ברענט זיך אונטער דער זון אין שווערען דרימעל. און אויב דער זיידע געהט גראָד פאַרביי אונטערן בוים, צעשטעלט ער עפּעס אַזוי מאָדנע־לעבערליך די פּיסלעך, אַ קליינינקער, אַ ריהרעווודיגער, אַ פּיסעל פון פאָרענט, אַ פּיסעל פון הינטען, און ער אַליין באַמבעלט זיך אין דער מיט. דן דערהערט אין דער הויך איבער זיך אַ קלינגענדיג געלעכטער, ציטערט־אויף און פערררייסט דעם קאָפּ צום בוים. און נישט שטענ־דיג געלינגט עס איהם איינצובעטען ביילקען, זי זאָל אַראָבגעהן, דען זי קאָן נאָך חלילה אַראָבפאַלען.

אויפ'ן ברעג בית־עלמין, דאָרט וואו דער גרונט האַקט זיך אָב צום טייך צו, וואַקסט אַ ווערבע. שטעהן שטעהט זי קרום און הענגט איבער'ן אבגרונד. דערפאַר אָבער האָט זי אריינגע־שטאָכען איהרע וואָרצלען דעם לעהמיגען באַרג טיעף אין די גע־דערים, האָט דאָרט אויסגעשטרעקט איהרע לאַנגע, דינע פינגער, האָט זיי פערפּלאָנטערט, פערשלייפט איינעם מיט'ן צווייטען — און שטעהט פעסט. ווען־ניט־ווען שאָקעלט זי דער ווינד, שפּיעלט

זיך מיט איהרע ליכטיגע און גלייכע, ווי גלחיישע צעפּ, און זי סקריפּעט שטיל און פערחלומ'ט... און שטעהט. ....

אויף דער ווערבע האָט ביילקע ליעב צו זיצען און קוקען אויפ'ן טייך. אביסעל ניעדריגער אראָב-וואַסער שטעהט שלעפעריג די טונקעל-גרינע „פּריסטאַן". פון ביידע זייטען וויעגען זיך „בער-לינעס", שיפלעך, פּליטען. געהט פאַרביי אַ דאַמפּער, רויכערט ליולקע-ציבעק און פּאַטשט מיט די רעדער אָן וואַסער. ביילקע פערקוקט זיך נייגיעריג אויפ'ן דעק. אַ פּויערטע אין אַ רויטער פּאַטשיילע, מיט גראָבע שטיוועל אויף די פיס... אַ פּארשוין אין אַ זשאָקיי-היטעל, מיט אַ לאָרנעטע ביי די אויגען... מאָדנע! וויפיעל פערשידענע מענשען עס זיינען דאָס פאַרהאַן אויף דער וועלט: גרינע, רויטע, מיט פּאַטשיילעס, מיט גלעזער ביי די אויגען. ס'פּער-שטעהט זיך, דאָס זענען נישט קיין אמת'ע מענשעלעך, דאָס זיינען בלויז אַזעלכע שפּיעלכעלעך. עס וואָלט, כ'לעבען, כדאי געווען איינעם אַזעלכען אויפצוברעכען און אַ קוק צו טהון, וואָס אינווע-ניג טהוט זיך. עס מוזען דאָרט זיין עפּעס רעדעלעך, קלעצעלעך, צייהנרעדעלעך, — אָט ווי אין זיידענ'ס אַלטען וואַנד-זייגער, וואָס איז אַמאָל אראָבגעפאַלען אויף די ערד און הוסט פון דעמאָלט אָן... הם... מאָדנע בעשעפענישען, אָט די מענשעלעך און די זייגערס.

און ווען ביילקע דערפיהלט זיך גאָר גרינג, געפעהלט איהר צו פערלאָזען איינגאַנצען דעם שטאָם פון דער ווערבע, אָנצוכאַפּען זיך אָן אַ צווייג און צו בלייבען הענגען בלויז אויף די הענד. די ווערבע וויעגט זיך און זאָגט עפּעס — כ'וואָלט געמעגט שווערען, זי זאָגט עפּעס! — און ביילקע'ס פיס שוועבען ארום פריי אין דער לופט. און וואַרפט זי אַ בליק אין די ניעדער, זעהט זי, ווי דער טייך וויעגט זיך איהר אַנטקעגען: ארויף-אראָב, אראָב-ארויף. דן האָט זי איינמאָל דערזעהען אין אַזאַ פּאָזע, האָבען איהם אָנגעהויבען צו שטעכען די האָר אין קאָפּ.

אַזוי איז זי געוואַקסען אויפ'ן בית-עולם.

זאַפטען האָבען זיך געהויבען גלייך פון דער ערד, זענען גע-פלאָסען דורך איהרע אָדערען, האָבען געדרונגען אין איהרע ווייכע

ביינער און זיי געקרעפטיגט. די זון האָט געפילט און געפאַרבט איהרע בעקלעך, ווי זי פילט און פאַרבט די פרוכטען פון די בוי-מער. בלומען האָבען געבליהט, זומער-פייגעלעך — געציטערט אין דער לופט, און די נשמות, די לויטערע, פריעדליכע נשמות פון די אַמאָליגע אומרוהיגע מענשען, האָבען זי אַרומגערינגעלט אויף יע־דען טריט, געשוועבט אַרום איהר קאָפּ און געמורמעלט איהר אין די אויערען: „קינדעלע... מיידעלע... מיידעלע... קינדעלע...“

ד.

אין אלול, ווען אויפ'ן ברענענדען, אויפגערעגטען געזיכט פון זומער האָבען זיך געוויזען די ערשטע סימנים פון מיעדקייט, האָט דאָס לעבען אין דער אונטערשטער שטאָדט אויפגעקאָכט שטאַר־קער, האָט זיך געהויבען, ווי אַ געוויסער אין פריהלינג, זיינע וועלען האָבען זיך געקייקעלט ביז'ן באַרג, זענען זיך פאַנאַנדערגעלאָפען און האָבען שטורמיש פערפלייצט די טויטע שטאָדט.

פון בעגינען ביז שפּאָט נאַכט האָבען זיך געצויגען איבער'ן שטויביגען וועג מחנות ווייבער, מענער, קינדער, פוסגעהער און פוהרלעך — פון בית-עולם און צום בית-עולם.

דאָס גרויע טויער אונטער'ן פערשימעלטען דעכעל האָט זיך ברייט געעפענט, און דורך די עפענונג האָט זיך אַריינגעריסען אין דאָס „פעלד“ דאָס לעבען מיט זיין גאַנצען האַרמידער: מיט זיינע ענטפלעקט-געוואָרענע פערבאָרגענע וואונדען, מיט קוויט-שיגער בעטלעריי און מיט עפענטליכער, בעל-הבית'יש-ברייטער שאַ-בער־מאַכעריי. ביים וועג, פון ביידע זייטען טויער, זענען געשטאַנען אין צוויי ציילען אָרעמעלייט, קאַליקעס, אין דרייען געבויגענע זקנים, ווייבער מיט רויטע, טרערענדיגע אויגען, — האָבען גע-שטרעקט די הענד, געקרעכצט, עפּעס געמורמעלט און זיך געקריגט וועגער מיט וועמען. אין טויער גופא, ביי צוויי לאַנגע טישען, זע-נען געזעסען יודען מיט טעלערלעך, מיט שיסעלעך, מיט ביכעלעך, מיט קוויטעלעך, האָבען געשריעבען און גענומען, גענומען און גע-שריעבען. און פון אַלע זייטען, פון צווישען די מצבות, פון די

ווייטסטע, פערבעהאַלטעסטע ווינקעלעך, האָבען זיך געהויבען איבער׳ן „פעלד״ תּפילות, געוויינען, געשרייען, לאַנגע, אויסגעצוי־גענע, אָנגעוועהטאָגטע, שווערמוטיגע און צעבראָכענע, ווי די מענ־שען גופא, וואָס האָבען זיי פון זיך אַרויסגעשטויסען. די אויפ־גערודערטע, דערשראָקענע נשמות, וואָס האָבען בעקומען אַ בע־פעהל פון אויבען: נישט אָבצוטרעטען פון בית־עולם דעם גאַנ־צען חודש נאָכאַנאַנד, — האָבען זיך בעהאַלטען אין זייערע קברים און אונצופריעדען אויסגעהערט די אַלע טענות, די שווערע „פּעק־לעך״, וואָס מ׳האָט פאַר זיי אַוועקגעלעגט, די אַלט־בעקאַנטע שוועריגקייטען, וואָס זיי האָבען שוין לאַנג פון זיך אַראָבגעוואָרפען. האַרט ביי דר׳ערד — אויף די קברים, אויף די גראָזען, אויף די מענשען — איז שטייף געלעגען אַן אומגעלומפּערט געמישעכץ פון זונען־גאָלד און מענשען־קרעכץ. ....

און ווי דן האָט נישט געקאָנט זיך צוגעוועהנען צום טויט, אַזוי האָט ביילקע נישט פערנומען דאָס לעבען. זינט זי איז היע, איז זי געווען אין שטאָדט אפשר דריי מאָל, נישט מעהר, און יעדעס מאָל איז זי פון דאָרטען געקומען אַ צערודערטע. האָט מען ווען געבראַכט אַ „בר־מינן״ האָט זיך ביילקע פערשטעקט ערגעץ צווי־שען די קברים און האָט אויפמערקזאַם, אַ ביסעל ווילד, בעטראַכט די בעגלייטער, — און זיי זיינען איהר פאָרגעקומען אַזוי פרעמד און ווייט, ווי יענע מענשען אויף די דאַמפער, וועלכע זי האָט אַמאָל בעקוקט פון דער ווערבע אַראָב. איהר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָס זענען נישט מעהר ווי קאַטאָוועס־מענשלעך, נישט קיין ביילקעס. זיי מאַכען זיך כלומר׳שט ווי זיי געהען, רעדען, טוהען עפּעס, אָבער — ס׳איז נישט דאָס... אָט דער זיידע — איז ע פּ ע ס אַנדערש. ער איז — דער זיידע, איהר זיידע. איהם ווייסט זי, ווי ער איז אין דער אמת׳ן, מעג ער זיך ווי פלייסען צו ווייזען זיך בייז, ווען ער איז גוטמוטיג, אָדער מאַכען זיך פרעהליך, ווען איהם איז שווער אויפ׳ן הארצען. סוף־כל־סוף, איז דער זיידע כמעט אַ ביילקע, און אַלע אַנדערע מענשען — נישט.

נאָר אַז עס פלעגט קומען דער חודש אלול, האָט זיך ביילקע

קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. א גאַנצען חודש האָט דאָס לעבען פאַר איהר אין די אויגען געקאָכט, געשוימט, געקרעכצט און זיך געוואָרפען, ווי אין דער „פּאַלעניש“. א גאַנצען חודש נאָכאַנאַנד האָבען די רעדעלאַך אינוועניג אין די שפּיעלכעלעך גע-סקריפּעט און זיך פיעבערהאַפט געדרעהט, און די מענשעלעך האָ-בען געוויינט, גע׳טענה׳ט, עפּעס אַזוינס דערצעהלט און ווידער געוויינט. ניט זעלטען האָט געטראָפען ,אַז אין, עמיצען פון די מענשעלעך האָבען זיך די רעדעלעך פערפּלאָנטערט צווישען זיך און פּלוצים מיט א קנאַק זיך אָבגעשטעלט, און דאַן האָט דאָס מענשעלע ארויסגעלאָזען אַן אבגעהאַקטען, פערשטיקטען קרעכץ און איז שטום געפאַלען מיט׳ן פּנים אויף עפּעס א מצבה... און ביסלעכווייז האָט זיך ביילקען אָנגעהויבען צו דאַכטען, אַז זי פערשטעהט. עפּעס אַזוינס האָבען זיי געוועקט אין איהר, — פערגעסענע בילדער, פערהילכטע קלאַנגען, צי וואָס?... — און קיין בעהאַלטעניש איז גאָר פון זיי נישט פאַרהאַן! וואו ערגעץ אַ ווינקעל, וואו נאָר א בערגעלע — אומעטום זענען זיי דאָ, און וואוהין זיי קומען נאָר, אַזוי פערטרייבען זיי פון דאָרט די נשמות אונטער די ערד און טראָגען אריין אין אָרט פון אייביגען פריעדען זייער אייביגע אומרוהיגקייט... מיט יעדען טאָג איז עפּעס אַזוינס געוואָקסען, עפּעס האָט זיך גענעהערט, און ביילקע האָט א פער-באָרגענעם שוידער געשפּירט. דעריבער, ווען דער חודש האָט זיך געענדיגט, די ימים נוראים זענען אוועק, און דער מענשען־שטראָם האָט זיך ביסלעכווייז אראָבגעגאָסען צוריק אין טאָל, — דעמאָלט האָט ביילקע אבגעצויגען דעם אָטהעם.

דעמאָלט פּלעגען די בעפרייטע נשמות אויף א שטיקעל צייט פערלאָזען דאָס בית-עלמין, זיך אויפהייבען צום הימעל און איבער-לאָזען נאָך זיך א טיפע בענקעניש. עס קומט אָן דער הערבסט, וואָס איז, פּונקט ווי דער זיידע, — א גרויער, א בייזליכער, אָבער אין גרונד א גוטהערציגער און זעהר אַן אומעטיגער, אויף דאָס „פעלד“ רוקט זיך אָן א מרה-שחורה, די בוימער קוקען מאָגער, די ווערבע זאָגט ווידער, נאָר שוין עפּעס אַנדערש, גאָר עפּעס אַנ-

דערש. רעגען און ווינטען. ווינטען און רעגען. אוים הימעל. אזוי ציהט עס זיך, ביז...

ח.

— זיידע, זיידען די נשמה׳לעך זענען געקומען צו פלי-הען — שרייט ביילקע, פערקוקענדיג דורך דאָס פענסטערל אין פעלד אריין, און לויפט ארויס פון שטיבעל.

און ווירקליך: די נשמות זענען געקומען צו פליהען. לייכטע, ווייסע. קליינינקע, קומען זיי פון אלע זייטען פון הימעל, טאנצען אין דער לופט, בעפאלען ביילקען, ווי ווייסע זומער-פייגעלעך, זע-צען זיך אויף איהרע ברעמען, אויף איהרע בעקעלעך, רוימען איהר איין א סוד אין אויער און ווערען פערשוואונדען, ווי א ליעבלי-כער שמייכעל, און אנדערע קומען אויף זייער אָרט — אזוי פיעל, ווי די שטערען אין הימעל, ווי דער זאמד אויפ׳ן ברעג פון טייך. ווי שכור שפרינגט ביילקע ארום איבער׳ן פעלד, אין דער מילכ-ווייסער לופט, פערוואָרפט דעם קאָפּ און שטעלט אונטער איהר געזיכט אונטער די ווייסע בלימלעך, וואָס פאלען פון הימעל. די שנייעלעך פאלען און פאלען, פארבען דאָס פעלד גרוי-ליכטיג-ווייס, און אָט פערציהען זיי שוין די ערד מיט א דעקטוך, וואָס ליעגט אויף איהר ברוסט אין זייד-ווייכע פאלבען, און רעדען עפּעס אונטער׳ן פוס, און ברומען ווייך און ליעבליך, ווי טייבעלעך אין נעסט.

נאָר דער עיקר — דער טייך! טאָג-טעגליך קוקט ביילקע אויפ׳ן טייך און לעבט מיט איהם צוזאמען. צווישען די ווייסע ברעגען יאָגט ער זיינע במעט שווארצע וואסערען, פערצאָרנט און בייז, פאָראויסזעהענדיג פאר זיך פינסטערע טעג... ציהט פון צפון א קאלטער ווינד, דרינגט אריין אומעטום, געהט דורך דאָס לייב ווי דורך א לעדיגען חלל, טראָגט ער זיך איבער׳ן טייך א טאָג, און צוויי, און דריי, — ווערט דער טייך בלוי, טונקעל-בלוי, פון פעלט און ציטערט, און קנייטשט זיך. און ראנגעלט זיך, מיט׳ן

טויטען דרימעל, וואָס בעפאַלט זיינע מעכטיגע גליעדער, — ראַנ-געלט זיך, אָבער אַלץ לאַנגזאַמער און שווערער, שווערער און פויי-לער, פוילער און שלעפעריגער. פון ערגעץ קומט אָן אַ פּאַרמלאַ-זעס, געלבליך-קויטיגס שטיק אייז און שווימט פאַרביי שטיל, בגנבה, נישט מיינענדיג חלילה קיין שלעכטס... און נאָך אַ „קריי-העי" געהט פאַרביי, און נאָך איינע, און עטליכע מיט אַ מאָל, און אָט ציהט שוין אַ גאַנצע מחנה אַראָב-וואַסער, און עס דאַכט זיך — עפּעס קעפּ קוקען אַרויס פון וואַסער, אָדער לצים שפּיעלען זיך צווישען די וועלען, קעהרען זיך איבער און מאַכען אָן אַ גאַנצען האַרמידער אין טייך. אָפּט און עפּטער לאָזען זיך הערען הילכי-גע קלעפּ און אַ קנאַקעריי. דער טייך איז שוין איינגאַנצען בעדעקט מיט קריהעס, און צווישען די קלענערע שפּאַרט זיך דורך אַ גרויסע מיט ברייטקייט, מיט בעל-הביתיישער חוצפּה, און די קליינע טרע-טען איהר אָב דעם וועג, קריצענדיג מיט די ציינער, און קריכען איינע אויף די אַנדערע, און שלאָגען זיך צווישען זיך, ווי וועלף איבער אַ פּגר...

זעהענדיג די שווערע גסיסה פון ריעזיגען טייך, צעלויפען זיך די מענשען, פערשווינדען די שיפלעך, די פּליטען, די „בערלינעס", און וויסט ווערט אַרום און לעדיג, ווי פאַר בריאת העולם. ביס-לעכווייז פערהאַלט די קריהע איהר גאַנג, דרעהט זיך אויף איין און דעמזעלבען אָרט, שטויסט זיך אָן די ברעגען, ביז זי בלייבט איינגאַנצען שטעהן. אומגעלומפּערט און העסליך שטאַרצען אין אַלע זייטען אונגעהייער גרויסע שפּיציגע נעזער, גלאַטע, הוילע און ווייסע קעפּ, פערבויגענע קניע און רוקענס, — אַ שלאַכט-פעלד, בעדעקט מיט נאַקעטע מתים און פערטריקענטע סקעלעטען. און דאַן קומען ווידער צו פליהען ווייסע, גרינגע נשמה'לעך און לעגען זיך מיט גרוים רחמנות אויף די פּגרים און פערדעקען זייער שאַנד. נאָך עטליכע שנייען, נאָך עטליכע פרעסט — און פון טייך איז קיין זכר נישטאָ. גרויע, קורצע טעג בעווייזען דער וועלט זייער בלאַסען, אונדרייסטען שמייכעל, פאַלען אָבער באַלד ביי זיך אַראָב און לעשען זיך אויס, און זייער אָרט פערטרעטען לאַנגע,

אונענדליך לאַנגע אומעטיגע נעכט, ווען דער ווינד פייפט זיין מרה-שחורה'דיג ליעדעל ווען פון וואַלד, וואָס טונקעלט אויפ'ן צווייטען ברעג, געהען אַרויס הונגעריגע, דערפרווירענע וועלף און קלייבען זיך צונויף אויפ'ן קבר פון טייך, און קלאָגען ווילד און שמערצליך שטונדען-לאַנג, און קנאַקען מיט די ציינער, און פינקלען מיט די גרין-ברעננדע אויגען אין שוים פון דער נאַכט אַריין.

ו.

לאַנג ציהט זיך דער ווינטער, אַזוי לאַנג, אַז דער זומער קומט פאַר ווי עפּעס אַ געשריבענע מעשה: אפשר געווען, אפשר נישט געווען. און ביילקע חדוש'ט זיך: דער טייך איז נישטאָ, גאָר אינגאַנצען נישטאָ! ווי שיקט עס זיך? געווען טעג — און דער שוים פון טייך איז שטיקערווייז געהאַנגען אויף די מצבות, און אפילו אין די שטילע נעכט האָט פון אונטערן' באַרג געגרייכט אהער אַ געמורמעל, קענטיג — פון חלום; און איצט — פליהען שליטענס, געהען מענשען, געהען זיכער און לייכטזיניג, פּונקט ווי עס דאַרף אַזוי זיין. און — אַזוי וועט עס שוין בלייבען?

עס בלייבט נישט אַזוי. לאַנג ציהט זיך אַ צפון-ווינד, און — קיינער בעמערקט נישט ווען און ווי אַזוי — הויבט ער אָן צו עטהעמען פון דרום, אַ פייכטער, אַ „פּוילער", אַן איינגעגעסענער. דער גלאַטער, ווייסער וועג אויפ'ן טייך ווערט קויטיג, טונקעל, קנייטשיג; די פוסגעהער פערלירען די העזה, בעוועגען זיך מיט ישוב-הדעת, קלאַפּען מיט שטעקענס אָן גרונט און הערען זיך צו עפּעס צו... די פוהרלעך בעווייזען קאַפּריז, מאַכען עפּעס מאָדנע זיגזאַגען, מיידען אויס מאַנכע ערטער, און דאָך טהוט עס אונטער זיי וועגן-ניט-ווען אַ כליפּ, אַ שפּריץ. דער דרום-ווינד ציהט דער-ווייל מיט גרויס עקשנות, די טעג ווערען אַ ביסעל גרעסער, די נעכט — אַ ביסעל קלענער, און דער טייך הויבט אָן צו נעהמען זיינע ערשטע קרבנות: פאַלט אַריין אַ מענש, ברעכט זיך איין אַ פוהר, בעווייזען זיך עפּעס פערדעכטיגע לעכער, גריבער, ברונענס. ביסלעכווייז לויפען זיך די מענשען פאַנאַנדער: דער שרעק

פאַר תחית המתים איז נישט קלענער ווי דער שרעק פאַר די גסיסה...

דערנאָך קומט אַ נאַכט, וועןביילקע כאַפּט זיך פּלוצים אויף פון שלאָף און פרעגט דערשראָקען:

— זיידע, וואָס איז דאָס?...

דן שלאָפט שוין לאַנג נישט. ....

— גאָרנישט, טאָכטער, גאָרנישט... דער טייך ריהרט זיך.

ער פערדרויבערט אין דער פינסטער זיין ליולקע, רויכערט, הוסט, שפּייט און מריקעט עפּעס אַזוינס.

— האַ, וואָס? — פרעגט ביילקע ווידער.

— עט... הם... גאָרנישט, גאָרנישט... — און אין אַ ווײַלע אַרום מריקעט ער ווידער, אָבער ביילקע פּיהלט, אַז ער איז נישט אונצופריעדען, און נישט ער, נים זי ווייסען ניט, וואָס איז די שמחה. אויפ'ן טייך דערוויל דונערט עס אַזוי, אַז דאָס גאַנצע הייזעל טרייסעלט זיך און די שויבען אין די פענסטער גרילצען. אַ גאַנצע נאַכט גלאָצט ביילקע די אויגען אין די פינסטערניש אַריין און האַלט איין דעם אָטהעם, און איהר דאַכט זיך, אַז זי זעהט וואָס זי הערט.

קוים דערוואַרט זיך אויף טאָג, שפּרינגט זי אַרויס פון שטי־בעל און פאַלט אַריין גלייך אין די אָרעמס פון אַ וואַרעמען ווינד, וואָס שמעקט ווי אַ זומער-רעגען. זי פערמאַכט אויף אַ רגע די אויגען, עפענט זיי אויף, לויפט-צו צו דער ווערבע און פערקוקט אַראָב.

דאָס אייז רודערט זיך. ביילקע זעהט בחוש, אַז אונטער'ן אייז שטעהט עמיצער אַ גרויסער, אַ ריעזיגער, אויף די הענד און אויף די פיס און בעמיהט זיך אויפצוהייבען אויף זיין רוקען די האַרטע, שווערע דעק. דאָס אייז בייגט זיך, פּלאַצט ערטערוויז און לאָזט זיך ווידער שווער אַראָב. דער געפאַנגענער אונטען ווערט וואָס אַמאָל אונרוהיגער, אויפגערעגטער: ער סאָפּעט, רוי־דערט זיך, שטרענגט זיך אָן נאָך מעהר. דאָס אייז ברעכט זיך עפּטער, ברייטער, ראַנגעלט זיך פערצווייפעלט פאַר זיין מאַכט —

און ברעכט זיך פארט. איינצעלנע שטיקער שטויסען זיך, ווארפען זיך און קעהרען זיך איבער, ווי אונגעהייער גרויסע טויטע פיש, מיט די ווייסע בייכער ארויף... וואסער זעצט פון אלע וואונדען, פערפלייצט דאס אייז, שווייגקט עס, רייניגט עס און — עסט עס. און פלוצים גיט די גאנצע מאסע א ציטער — און ריהרט זיך פון ארט.

עטליכע טעג נאכאנאנד, ווי אן ארמעע נאך א שרעקליכער מפלה, לויפט נאכדעם די קריהע אראב־וואסער אין איילעניש און שרעק. פערלאזענדיג די שאנצען און בעפעסטיגונגען, אויף וועל־כע זיי האבען געארבייט דעם גאנצען ווינטער, לויפען צוערשט גאנצע קארפוסען, דיוויזיעס, פאלקען; נאך זיי פליהען פארביי אהן פלאן און ארדנונג קלענערע אבטיילונגען און איינצעלנע זעל־נער, וואס די ארמעע האט זיי פארלוירען אין לויף און וועלכע בעמיהען זיך איצט זי צו דעריאגען. פיעלע פון זיי קומען אום אין וועג, — די זון הייבט זיך מיט יעדען טאג העכער, און איהרע פיילען ווערען וואס אמאל הייסער און שטעכיגער. צייטענווייז פערהאקט זיך עפעס א שטיק אייז ערגעץ אין א ווינקעל פון אויס־געשניטענעם ברעג און גוס׳עט לאנג און שמערצליך, נאכקוקענדיג מיט אנגסט נאך זיינע ברידער, וואס לויפען מיט אימפעט פארביי... פערשוואונדען דאס לעצטע שטיקעל אייז, און פון אויבען קומען נאך אלץ אן וואסערען און שלינגען דעם לינקען ניעדריגען ברעג און רייסען זיך אריין אין די זייטיגע טאלען. בייננאכט הערט מען פון אונטערן בארג, ווי עפעס גארגעלט אזוי קורץ און טיעף, גלייך דער טייך שטיקט זיך פון איינגעהאלטענעם געלעכטער און רייסט זיך פון שטארקע און קיצעלדיגע הענד... דאס לעבען האט ווידער געעפענט זיינע שטראהלענדע אויגען.

ז.

געוועזן אזא מענש — בלויז איינער, — וואס ביילקע חאט גע־פרובט מיט איהם זיך צו בעפריינדען. דער מענש איז געוועזן דאס זיבען־יאהריגע זוהנדעל פון פיליפ קארפענקא, וועלכער האט גע־

ווּאוינט געגענאיבער, אויף יענערזייט „שליאך“, אין איינעם פון די דאָרטיגע הייזלעך. געהאַט האָט יאשקע אַ ניעדריגען שטערן, גרויע אויגען, אַ ברייט, קלייענדיג פּנים און ברייטע „כּאַזיאַיסקע“ פלודערען. געגאַנגען איז ער שטענדיג אָהן אַ היטעל, און זיינע ווייסע, פלאַקסענע האָר זיינען איהם געווען אַראָבגעלאָזען אויף דאָס פּנים, ביז איבער די אויגען. דאָס מויל האָט ער געהאַלטען אָפען, און דער מינדסטער פינגער פון זיין רעכטער האַנד האָט געוועהנליך געשטעקט אין איינעם פון זיינע נאָז־לעכער. בכלל האָט ער זיך געוואונדערט.

איז יאשקע אַמאָל געשטאַנען נעבען פּלויט פון בית־עלמין, האָט פערקוקט אינוועניג אריין, אויף די גרינע בארלעך, וואָס זיינען געוואַקסען אויף דער „באַבע׳ס בוים“. און האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, געוואונדערט און געשלונגען דאָס שפּייעכץ: גראָד אַזעלכע בארלעך זענען ביי זיין טאַטען אין גאָרטען נישט געוואַקסען. ביילקע איז געגאַנגען פאַרביי און האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען פּלויט פון דער אינוועניגסטער זייט. יאשקע האָט זיך פערוואונדערט, ביילקע האָט זיך צעלאַכט.

— ווייסע האָר! — האָט זי לאַכענדיג געזאָגט, טייטלענדיג אויף איהם מיט די פינגער.

— יאָק?...*) — האָט יאשקע געפרעגט און זיך אומגעקוקט אַהינטער, זוכענדיג מיט די אויגען, אויף וואָס זי ווייזט אָן.

— ביי דיר ווייסע, ביי מיר שווארצע... — האָט ביילקע געזאָגט, צוגעהענדיג נעהענטער צום פּלויט, און האָט מיט דער האַנד צע־שויבערט איהרע שווארצע לאָקען.

יאשקע האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד, און האָט אָנגעטאַפּט איהרע האָר, נישט וויסענדיג געגוי, וואָס מען וויל פון איהם. ביילקע האָט זיך ווידער צעלאַכט, און ער האָט געשווינד צוריק־געכאַפּט זיין האַנד אין גרויסער פערלעגענהייט. די קינדער האָבען געקוקט אַ ווײַלע איינס אויפ׳ס אַנדערע.

---

*) ווי?

— דאוואי הרושקי! *) — האָט יאַשקע פּלוצים אַרויסגע־רעדט — און האָט זיך פערוואונדערט.

פונ'ם בליק, וואָס ער האָט געוואָרפען אויפ'ן בוים, האָט ביילקע פערשטאַנען, וואָס ער וויל, און איז אויגענבליקליך אַרויף אויפ'ן בוים. יאַשקע האָט זיך אַ סעקונדע געשלאָגען מיט דער דעה, דער־נאָך איז ער אַריבער איבער'ן פּלויט און איז אויך אַרויף אויפ'ן בוים.

אַזוי האָבען זיי געשלאָסען בעקאַנטשאַפט.

דן האָט אַ שטיק צייט נישט געוואוסט פון דער דאָזיגער קינ־דערשער פריינדשאַפט. ער איז איבערראַשט געוואָרען, דערזעהענ־דיג איינמאָל יאַשקע'ן מיט ביילקען אויפ'ן בית עולם. יאַשקע איז אַנטלאָפען. דן איז רויט געוואָרען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שייגעץ?

ביילקע האָט געלאַסען געענטפערט:

— יאַשקע...

— יאַשקע?... וואָס יאַשקע?... וואָס הייסט יאַשקע?... פע, מיט אַ שייגעץ גאָר!

ביילקע האָט זיך פערוואונדערט.

— פאַרוואָס?

— פאַרוואָס?... — האָט דן איבערגעפרעגט. — ווי דען?... ביזט דאָך אַ יודיש קינד, ווי קומט ער צו דיר?...

— עס איז דאָך יאַשקע! — האָט ביילקע אַלץ מעהר זיך גע־וואונדערט.

— פערשטעהסטו מיך, דו ביזט אַ יודיש קינד, און ער איז אַ גוי, — פערשטעהסט, האַ?...

זי האָט גאָרנישט פערשטאַנען, און אַז יאַשקע איז אויף מאָרגען בגנבה צוגעקומען צום פּלויט, האָט זי זיך מיט איהם געשפּיעלט ווי פריהער. און גיכער איז זי געווען דער מאַנספּערשוין, איידער ער: זי האָט געפיהרט דאָס רעדעל, האָט צוגעטראַכט נייע שטיק

*) גיב באַרלעך.

און האָט אַליין פערענטפערט וויכטיגע לעבענס־פראַגען. יאשקע, דערגעגען, איז געווען זעהר פויל, זעהר פלעגמאַטיש, ווענים ריה־דעוודיג און האָט ביילקע׳ן געפאָלגט אין אַלסדינג. זיין גרעסטעס פערגעניגען איז געווען — צו זיצען די פיס אונטער זיך, מיט אַ פינ־גער אין דער נאָז און קוקען אָהן אַ שום געדאַנק, סתם אין דער וועלט אריין, קוקען אַזוי לאַנג, ווי נאָר מעגליך; און איינמאָל האָט געטראָפען, אַז ער האָט אַזוי זיצענדיג איינגעדרימעלט, און האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, ווען ביילקע האָט איהם אויפ־געוועקט מיט איהר פרעהליכען געשריי.

יעדען טאָג פלעגט ער קומען רייסען באַרלעך, זיך שפּיעלען און שמועסען. מאָדנע געשפרעכען און אויף אַ מאָדנער שפּראַך האָבען זיי געפיהרט.

— האָסט אַ סטאַרי דיד? *) — האָט ביילקע זיך אינטערע־סירט.

יאשקע, נישט ארויסנעהמענדיג דעם פינגער פון דער נאָז, האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ פון לינקס צו רעכטס:

— ני. ביי מיר אַ טאַטקע און אַ מאַמקע, און אַ בראַטאָק, און צוויי סעסטריצעס... **)

— אי הרושקי או טעבע אין סאָד יע? ***)

— יאָ, אי בילאַ מאַלינאַ, אי קאָראָווא... ****)

— קאָראָווא?... — האָט ביילקע אונזיכער איבערגעפרעגט, נישט ווימענדיג, וואָס פאַר אַ געוויקס דאָס איז.

— נו, דאַ *****), קאָראָווא... מו־או־או!... —האָט יאשקע

---

*) האָסט אַן אַלטען זיידען?

**) ניין, ביי מיר אַ טאַטע און אַ מאַמע, און אַ ברידערל, און צוויי שוועסטערלעך.

***) און באַרלעך האָסטו אין גאָרטען?

****) יאָ, און ווייסע מאַלינעס, און אַ קוה.

*****) נו, יאָ.

געגעבען צו פערשטעהן און האָט מיט די הענט געמאַכט א פּאָר הערנער איבערין קאָפּ.

עס האָט געדויערט עטליכע וואָכען. די קינדער האָבען גע־לעבט אין א בעזונדער וועלטעל. א קליין בעשפּעניש׳ל האָט דאָס וועלטעל חרוב געמאַכט און האָט דערביי אויך זיין אייגען לעבען פערלוירען.

א זומער-פייגעלע איז פארבייגעפלויגען צווישען די קינדער, בעת זייביידע זענען געזעסען אויפ׳ן גראָז, און יאשקע האָט עס געכאַפּט. ער האָט עס געהאַלטען פאר א פליגעלע, און דאָס זומער־פייגעלע האָט זיך פערצווייפעלט געראַנגעלט, האָט געזשו־מעט און אָנגעמאַכט א ווינד צווישען יאשקע׳ס פינגער. יאשקע האָט זיך שטארק געוואונדערט און האָט עס צוגעקוקט מיט גרויס נייגיעריגקייט. ביילקע איז פערציטערט געוואָרען.

— לאָז אָב, לאָז אָב דאָס נשמה׳לע! — האָט זי קוים ארויס־גערעדט מיט אנגסט.

— שטשאָ? *) — האָט יאשקע נישט פערשטאַנען און האָט אבגעריסען ביים זומער-פייגעלע א פליגעלע...

ביילקע האָט איהם אָנגעכאַפּט פאר די האַנד. יאשקע איז פּלוצים אין כעס געוואָרען.

— פּוסטי! **) — האָט ער אויסגעשריען, רייסענדיג ביי איהר זיין האַנד.

ביילקע האָט נישט אבגעלאָזען.

— או, טש־טשאָרט!

ער האָט צעקוועטשט דאָס זומער־פייגעלע, האָט עס אוועקגע־וואָרפען און א שטויס געטהון ביילקע׳ן מיט דער בעפרייטער האַנד.

אין איין מאָמענט איז ביילקע אויפגעשפּרונגען פון אָרט. איהר

---

*) וואָס?

**) לאָז אָב!

געזיכט איז געוואָרען טויט־בלאַס, די בלויע אייגלעך — פינסטער און טיעף, און צווישען די האלב־געעפענטע ליפּלעך האָבען געפינ־קעלט צוויי ציילען שאַרפע, ווייסע, צוזאַמענגעדריקטע צייהן. און באַלד האָבען זיך די צייהן טיעף איינגעשניטען יאַשקע'ן אין האַנד.

יאַשקע האָט ברייט געעפענט די אויגען און דאָס מויל און האָט זיך צעשריעגען, ווי אַ קאַלב ביי דער שחיטה. אַז ביילקע האָט איהם אבגעלאָזען, איז ער אַוועקגעלאָפען אהיים מיט אַ דער־שראָקען, הילפלאָז געוויין. זי האָט איהם נאָכגעקוקט מיט פינק־לענדע אייגלעך און פערביסענע ליפּלעך.

נאָך דער דאָזיגער מעשה איז ביילקע ארומגעגאַנגען צעטומעלט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, און וואָס דער זיידע האָט זיך ביי איהר נישט דערבעטען, האָט ער נישט געקאָנט דערגעהן, וואָס איהר איז. דן האָט זיך געשראָקען און אין דער שטיל האָט ער מתפלל געווען:

— רבונו של עולם! האָב רחמנות אויף מיין עלטער און אויף איהרע יונגע יאָהרען — הייל איהרע וואונדען!... אָ, טאָכטער מיי־נע. טאָכטער מיינע!...

אין אַ וואָך ארום איז יאַשקע ווידער געקומען. ער האָט גאָר פערגעסען אָן די גאַנצע מעשה, און זיין ברייט פּנים האָט געשמיי־בעלט ווייך און גוטמוטיג, ווי שטענדיג. און אַז ביילקע האָט איהם קלאָר און דייטליך געגעבען צו פערשטעהן, אַז זי וויל מיט איהם מעהר קיין געשעפטען נישט האָבען, איז ער אַוועקגעגאַנגען זעהר טרויעריג. ער האָט לחלוטין נישט פערשטאַנען, מיט וואָס ער האָט זיך דאָ אַזוי פערזינדיגט, און אומזיסט האָט זיין נישט־גע־וועהנטער קאָפּ געאַרבייט אויף דער רעטעניש, וואָס ביילקע האָט איהם פערגעבען.

ח.

יאָהרען זענען געשוואומען איבער'ן בית־עולם. פיער מאָל איז דער טייך פערשטאָרבען געוואָרען, און פיער מאָל האָט דער פריהלינג איהם צום לעבען געבראַכט. פיער מאָל האָט דער „באָ־בע'ס בוים“ ארויסגעיאָגט זיינע הארבע, קיילעכדיגע באַרלעך און

זיי צעוואָרפען איבערין פעלד. פאר די צייט זענען די עלטערע בוי־מער געוואָרען א ביסעל אויסגעטריקענט, האָבען זיך אויסגעקרימט און אָנגעהויבען אונטערצוסקריפּען, און די יונגע, פערקעהרט, האָ־בען זיך אויסגעצויגען, אויסגעגלייכט, און זייערע געשטארקטע, שלאנקע גלידער האָבען יונג און אויפגערעגט געציטערט... פיער מאָל האָבען די ווייסע, ציכטיגע שנייעלעך און די פיעלפארביגע קינדישע בלימעלעך איינע נאָך די צווייטע די ערד בעציערט.

פאר די צייט איז דן׳ס גרויע באָרד ווייס געוואָרען, און זיין קליינע, אָבער גלייכע פיגור האָט זיך א ביסעל צעשרויפט, אבגע־לאָזען, עטוואָס אויסגעבויגען. עפּטער און עפּטער בעזוכט ער איצט דעם בוים, וואָס איבער מלכה׳ס קבר; לענגער און לענגער זיצט ער דאָרטען פערטראַכט, און אז ער גלעט ביים אוועקגאנג די אותיות אויף דער מצבה, ציטערען דערביי לייכט זיינע פינגער און די ליפּען בעוועגען זיך אין דער שטיל... די ווערטער „האשה מלכה בת ר׳ תנחום שלמה״ האָבען זיך אביסעל אבגעריבען, אָבער פארין אלטען ווערען זיי וואָס אמאָל שארפער און דייטליכער, און אונטער זיי צייכענט זיך אב א גוטמוטיג, קיילעכיג פנים, עטוואָס געעלטערט, מיט א שטיל שמייכעלע און מיט פריינדליכע, היימליכע אויגען, וואָס קוקען גלייך אויף איהם, אויף דן׳ען קוקען זיי, פּונקט אזוי, ווי זיי האָבען געקוקט אמאָל, מיט פיעל, פיעל יאָהרען צוריק...

און ביילקע איז געוואַקסען. איהר פּנים׳על האָט זיך עטוואָס אויסגעצויגען, די גרויסע אויגען האָבען פער׳חלומ׳ט געקוקט אין די ווייטע וועלט אריין, און אינגאנצען האָט זי זיך ווי עפּעס צו־געהערט צו עפּעס. און פון דער זייט איז שווער געווען צו זאָגען, אויב זי הערט זיך צו צו די קלאנגען פון דער אויסערער וועלט, צו די אייביגע שטימען פון ערד און הימעל, צום צאפּלען פון לע־בען און טויט, — אָדער אין זיך גופא, אין דער טיעפעניש פון איהר קינדערשען הערצעל, הערט זי א בת־קול, וואָס רופט און רופט — דערווייל נאָר אונבעשטימט, אונקלאָר, אמאָל ווי א ליעד פון דער ווייטען, אמאָל ווי דאָס ברומען פון א דונער, וואָס געהט געבוירען

ווערען, אַמאָל ווי דער אָטהעם פון אַ שטורם, וואָס דאַרף זיך ערשט אַרויסרייסען פון אוצר הרוחות... דן האָט זי איינמאָל דערזעהען אויפ'ן ברעג פון טייך אין אַ הייסען זומער־טאָג: איינגאַנצען אַ נאַקעטע, מיט אויפגעהויבענע און איבער'ן קאָפּ פאַראייניגטע הענד, האָט זי זיך געקליבען צו וואַרפען זיך אין דאָס גרוי־געלע, שווער דרימלענדע וואַסער, — האָט זיך דער אַלטער דערשראָקען: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעהט אַ באַשעפעניש פון אַן אַנ־דער וועלט, מיט אַ בלאַנקער הויט און געטאָקטע גליעדער, איבער וועלכע עס האָט געשוועבט אַ קוים מערקליכער, דראָבנער ציטער, ווי איבער אַ שטייף אָנגעצויגענער סטרונע. און ווען דער דאָזיגער בלענדענדער האַלב קינדערשער קערפּער האָט אַ שימער געטהון אין דער לופט און האָט זיך ווי אַ פייל אַריינגעשניטען אין טייך, — איז דן אַנטלאָפען, אַ צעטומעלטער, אַ דערשראָקענער, אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס. זעהר צעטראָגען איז ער געזעסען ביים פענס־טער פון זיין הייזעל און האָט געוואַרט אויף דאָס אייניקעל. אין האַרצען האָט ער זיך געטראַכט: „נישטאָ מעהר ביילקע. נישט ד י ביילקע. וואָס וועט זי זאָגען, אַז זי וועט קומען?...“ אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זי זיך בעוויזען אויפ'ן שמאָלען שטעג־געל, וואָס שלענגעלט זיך פונ'ם אַבגרונד ביים טייך ביז צום קליינעם הייזעל. מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע פריש־נאַסע האָר, דאָס געזיכט עטוואָס פערפלאַמט און דער בליק מיעד, האָט זי לאַנגזאַם און גראַציעז, ווי אַ בת מלכה, געטראָטען מיט איהרע באָרוועסע פיסלעך אויפ'ן גראָז. בעגעגענדיג דעם זיידענ'ס אונזיכערן קוק, האָט זי געענטפערט מיט אַ הערצליכען, קינדישען שמייכעל. דן איז פּלוצים לעבעדיג געוואָרען.

— האָסט זיך געבאָדען? בע־בע... — האָט ער געלאַכט סתם אין דער וועלט אַריין. — טאַקע זעהר הייס, גאָט זאָל שומר ומציל זיין! בע־בע...

ט.

די היצען אין יולי האָבען צו זיך קיין גלייכען נישט געהאַט.

גאַנצע טעג האָט די זון אָפּען און שאַרף געקוקט אויף די ערד: ווער עס קאָן מיין פּנים נישט זעהן — זאָל געהן פון דער וועלט! געדאַכט האָט זיך — די פערשמאַכטע וועלט וועט ביזין לעצטען קערענדעל פערוואַנדעלט ווערען אין ווייסען שטויב. די וועלט איז פערשטיינערט געוואָרען אין טויט־שרעק.

און ענדליך איז געקומען אַ טאָג.

דער הימעל האָט זיך פערצויגען מיט אַ גרין־קויטיגען הויך. לעבעדיגע בעשעפענישען האָבען שווער געשלונגען די לופט, ווי געדיכטען, וואַרמען בוימל. די זון האָט געקוקט דערצאָרנט און בלוטיג.

שוין פון פריהמאָרגען אָן איז ביילקע אַרומגעגאַנגען אומרוהיג. און צווישען איהרע ברעמען האָט זיך בעוויזען דער קנייטש, איהר קנייטש. אין אָוועגד, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען אין העלישען פייער, האָט זיך ביילקע'ס פּנים נאָך מעהר פערוואָלקענט, און ביינאַכט, ליעגענדיג אין דער פינסטער אויף איהר בעטעל און הערענדיג דאָס קלאָגען פון ווינד צווישען די מצבות — האָט זי שוין געציטערט מיט אַלע גליעדער. וואָס טהוט זיך דאָרט דרויסען? ועמעס אַנגסט ציטערט עס אין דער לופט? וועמען פּייניגט מען עס דאָרט? וועמעס געדולד פּלאַצט עס — לחלוטין, איגגאַנצען, אויף שטענדיג, אויף אייביג?

— זיידע, שלאָפסט, זיידע? — מ'רופט מיך, דו הערסט?... ביין, איך געה נישט! וואָס ווילסטו?... איך געה נישט! איך געה נישט! איך געה נישט...

שטיל האָט זיך געעפענט די טיר, און אַ קליינע, ווייסע פיגור איז אַרויס פון שטוב.

דאָס בית־עולם האָט אויפגעלעבט.

אין יענער נאַכט איז די וועלט איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון אַ שוואַרצער צעווילדעטער מכשפה. איהרע טונקעל־גרויע צעשויבערטע האָר האָבען זיך געדרעהט, געשמיסען איבער'ן הימעל און איהם איגגאַנצען פערדעקט; איהרע אויגען האָבען פון צייט צו צייט גרין־בלאַסע פונקען געשאָסען; זי האָט געקריצט

מיט די צייהן און געברומט, דערווייל נאָך דומפּף און איינגעהאַל־
טען, און איהר שווערער אָטהעם האָט געטרייסעלט די לופט.

אין יענער נאכט האָבען זיך די מתים דערמאָנט אָן זייער לעבען דאָרט אונטען, אין דער שטאָדט פון די לעבעדיגע, אָן אַלעס, וואָס זיי זיינען דאָרט אויסגעשטאַנען און וואָס זיי האָבען געלאָזען נאָך זיך. און וועהרענד די שטאָדט פון די לעבעדיגע איז געווען ווי אויסגעשטאָרבען, און קיין איינציג פייערל פון דאָרט האָט אהער זיין לעבעדיגען בליק נישט געשיקט, האָט דאָ, אין דער שטאָדט פון די טויטע, קיין איינציג גרעזעל נישט גערוהט. א דערשראָקענער שאָרך איז געגאַנגען האַרט ביי דער ערד. העכער אין דער לופט, וואו עס האָבען געטונקעלט די אויפגעבלאָזענע קעפּ פון די בוימער, האָבען פערשטיקטע קרעכצען און א שאַרף געמור־מעל געשניטען די נאַכט, און צווישען די קברים האָבען ווי פער־וואונדעטע פייגלען מיט׳ן טויט זיך געראַנגעלט, זיך געצאַפּעלט און מיט אפּגעשוואַכטע פליגעל אָן די מצבות געפּאַטשט.

פייל אוים׳ן בויגען האָט ביילקע דאָס בית-עולם דורכגעשניטען און איז צוגעפלויגען צו דער ווערבע, וואָס האָט זיך שטום און פערביסען געריסען אמאָל צום אבגרונד, אמאָל צום הימעל. מיט הוצפּה האָט דער ווינד געהויבען און געריסען ביילקע׳ס העמד פון לייב און מיט ווילדער תאוה האָט ער זיך געוויקעלט ארום איהר ווייסען קערפּער און זיך געפּרעסט צו איהר ברענענדער הויט. זי איז אויפגעשפּרונגען אויף די ווערבע, האָט מיט איהרע פינגער אויף טויט פערקלעמט די פלאַטערנדע צווייגען און אריינגעשטאָכען איהרע בליקען אין אבגרונד.

פינסטער. צייטענווייז זילבערט זיך דאָרט אונטען ווי א ווייסליכער שוים און גלייך צעגעהט ער, ווי א שנייעלע אין וואַ־סער. א מרידה דאָרט אונטען, א שטאַרקע מרידה. מ׳ראַנגעלט זיך, מ׳שלוכצט, מ׳ברומט ווילד און בלוטגיעריג. בעקאַנטע קלאַנ־גען. בעקאַנטע קלאַנגען.

געוועזן אמאָל. געוועזן אמאָל. וואָס געוועזן? ווען געוועזן?

און דאַן האָבען זיך ביי ביילקע'ן ארויסגעריסען צוויי קורצע אבגעהאַקטע געשרייען:

— מאַמע! — מאַמע! —

צום ערשטען מאָל זינט זי איז ביים זיידען אין הויז.

עמיץ האָט מיטאמאָל אַראָבגעריסען דעם שווערען שלייער, וואָס האָט יאָהרען־לאַנג איהר קאָפּ געדריקט. זי האָט דערזעהען וואָס זי האָט געזעהען. ....

י.

— — — — א קליין, אָרעם צימער. ביי'ם פענסטער קוקט ארוים א כמורנער יונגערמאַן — איהר שוויינענדיגער טאַטע. הינטער איהם — א ליכטיג פרויען־געזיכט — איהר ליעבהארציגע מאַמע. דרויסען — שרעקליכע געשרייען, יללות, א קלאַפּעריי, א ברומע־ריי — ווי איצטער דער שטורם. אין צימער — א פערביסענע שטילקייט.

די קולות — נעהענטער. דער טאַטע — בלייכער. מיט שכור'ע טריט געהט די מאַמע צו'ם בעט און זעצט זיך אַניעדער. די טיר קנאַקט און פּלאַצט. דער טאַטע כאַפּט א שטוהל, און דער מאַמע'ס אויגען ווערען מורא'דיג גרויס און שוואַרץ.

א לוסטיג־בייזער רעש און א פייפעריי. רויטע פּנימ'ער, גראָבע הענד, העק, האַמערס און שטעקענס. דער טאַטע קלאַפּט מיט'ן שטוהל אויף א רויט פּנים. א האַמער אין א גראָבער האַנד פאַלט אויפ'ן טאַטענ'ס קאָפּ. דער טאַטע פאַלט. עמיצער ליגט אויף איהם און קלאַפּט מיט א האַמער אָן זיין קאָפּ. דייטליכע, אבגעטיילטע קלעפּ: טופּ — טופּ — טופּ... ביילקע'ן ווערט קאַלט און שטעכענדיג אין פּליצע. איהרע צייהנדלעך דריקען זיך צונויף און די ליפּלעך עפענען זיך פון זיך זעלבסט: איינס ארויף, איינס אראָב. זי זיצט אויף דער ערד און קוקט מיט אויגען.

דער מאַמע'ס פּנים קרימט זיך אוים און ווערט העסליך גרין. א גרויסער גוי מיט רויטע, הארטע וואָנסען וואַלגערט זי אַניעדער אויף דאָס בעט און פערדריקט איהר מויל מיט זיין האַנד. ביילקע

זעהט אַ פּאָר פיס אין גרויסע שטיוועל, וואָס טופּען נעבען בעט — און דער פראָסט אין איהרע ביינער ווערט שאַרפער. די מאַמע שרייט פערדומפּפען: „חיים“, נאָר פון ווינקעל הערט מען נישט מעהר ווי די ווייכע, אָבער דייטליכע קלעפּ אָן טאַטענ'ס קאָפּ: טופּ — טופּ — טופּ. דאַן כריפּעט די מאַמע: „ביי־לע־ניו!“...

אַ הייסער שטראָם קאָכט־אויף אין ביילקע'ס פּלייצע, און איהרע גליעדער ווערען ווייכער און פרייער. זי קוקט נאָך אַלץ אויף די פיס אין די גרויסע שטיוועל, און איהרע צייהנדלעך הויבען אָן זיך צו שאַרפען. זי רוקט זיך צו'ם בעט איבער דער ערד, אַ מאָל מיט איין זייט, אַ מאָל מיט דער צווייטער, און די צייהן שאַרפען און שאַרפען זיך. ווען די שטיוועל זענען שוין גאָר נאָהנט, לאָזט זי אריין איהרע צייהן אין איינעם פון זיי און מיט פערמאַכטע אויגען פערגעהט זי זיך אין ווילדען, שכור'ן פער־גניגען.

אַ קורץ געשריי. דער שטיוועל הייבט זיך צוזאַמען מיט ביילקע'ן. דערנאָך ווערט פינסטער און שטיל. פינסטער און שטיל.

יא.

דער שטורם האָט דערגרייכט זיין העכסטען גראַד.

נישט קיין ווינד האָט שוין איצטער געבלאָזען — די גאַנצע אַטמאָספערע האָט אין ווילדער משוגעת זיך געוואָרפען און גע־וויקעלט ארום דער דערשראָקענער ערד. די בוימער האָבען זיך געריסען די האָר פון די קעפּ. די נשמות האָבען זיך געוואָרפען אויף זייערע מצבות, האָבען זיי געטרייסעלט, געריסען און גע־בראָכען, גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען די טויטע שטאָדט איינגאַנצען אַבמעקען פון געזיכט פון דער ערד. עס האָט אויס־געזעהען, ווי די וועלט קעהרט זיך אום צוריק צו'ם תהו ובהו, פון וועלכען זי איז ענטשטאַנען, פון וועלכען זי איז אַזוי וועניג ווייט אַוועקגעגאַנגען.

פון דער ווערבע איבערן אבגרונד רייסט זיך און רייסט זיך א שטילער יאָמער:

— מאַמעלע — מאַמעלע — מאַמעלע!...

די מענשעלעך-שפּיעלכלעך האָבען זיך ענדליך געעפענט און בעוויזען אַלע, אַלע זייערע רעדעלעך! פּלוצים און אומגעריכט האָבען זיך די רעדעלעך ענטפּלעקט, און אַלע מיטאַמאָל, מיט זייער גאַנצער פערפּלאָנטערטקייט, מיט זייער גאַנצער פערמישעניש און פערדרעהעניש. דאָס מענשעלע פאַלט שטום און פערביטערט מיט'ן פּנים אויף די מצבות פון זיינע הארצענס-געליבטע — און קלאַפּט ווייך און פערדומפּפען מיט א האמער אָן טאַטענס' קאָפּ, און רייסט ביי דער מאַמע'ן די קליידער פון לייב. דאָס מענשעלע האָט מורא פאר וועהטאָג און שאַנד, האָט זעהר, זעהר מורא פאר וועהטאָג און שאַנד — און פּייניגט, און מאַטערט, און שענדט, און בעלעדיגט מיט טיעפער התפּעלות, מיט תאוה און זעלבסטפערגעסענהייט, מיט דער היץ פון מסירת נפש. די רעדעלעך דרעהען און דרעהען זיך, די צייהנדעלעך טשעפּען און רייסען זיך, — און דאָס מענשעלע טאַנצט! און דאָס מענשעלע טאַנצט!

הע, מענשעלעך־ליאַלקעלעך, פייגעלעך, פישעלעך —\
אהער־צו, צו'ם טענצעל זיך שטעלט!\
און הענטלעך צו הענטעלעך, פיסלעך צו פיסעלעך —\
גאָט האָט באשאַפען די וועלט!

ער שפּיעלט זיך מיט לעהם און מאַכט מאַנעלעך, ווייבעלעך,\
א קאַץ, א לבנה, א האָהן. —\
עה, וועלפעלעך, שעפּסעלעך, שלענגעלעך, טייבעלעך —\
שטעלט אַלע זיך שנעלער צו'ם קאָהן!

ער טראָגט א באַלאַטעל אין רינגלעך און שטרייפעלעך\
און הויזען — האלב געל און האלב רויט.\
ער שפּיעלט אויף א קעמעל. און פייפט ער אין פייפעלעך —\
געהט ס'לעבען א טאַנץ מיט'ן טויט.

ער קלאַפּט זיך צו׳ם טאַקט אין אַ פּייקעל מיט שטעקעלעך ....
מאַכט קונצען און קרימט זיך, און קוועלט — — —
אַ גאָט אין אַ מיצעל, אַ מיצעל מיט גלעקעלעך —
כאַ־כאַ! — האָט באַשאַפען די וועלט...

שפוך חמתך

שפוך חמתך.

א.

אמת, דאָס איז געווען א בייזער שטורם; אָבער ווען מ'איז אַלט ניין יאָהר, פערגעסט מען שנעל דעם גרעסטען שטורם. און מאיר'לען איז עטליכע וואָכען פאַר פסח געוואָרען ניין יאָהר.

אמת איז אויך דאָס, אז אין שטוב האָבען שטענדיג געצויגען אַזעלכע ווינטלעך, שאַרפע, פראָסטיגע ווינטלעך, וואָס האָבען געשטאָכען אין לייב און יעדעס מאָל דערמאָנט. אָבער מאיר'ל האָט געלעבט מעהר אין גאַס, איידער אין שטוב, — געלעבט אין די ווילדע גאַסען פון ניו־יאָרק. טאַרטילאָוו — און ניו־יאָרק! ניו־יאָרק האָט פערפלייצט טאַרטילאָוו און עס אַראָפּגעשווענקט פון זכרון. געבליבען בלויז א ערינערונג אָן א חלום. און דערצו, אז מ'איז אַלט ניין יאָהר, פערגעסט מען זעהר גיך יעדען שטורם.

נאָר אויב אפילו דאָס איז געווען א חלום, — מאַמעלע, ס'אַר א מוראַ'דיגער חלום!...

געזעסען איז מען דעמאָלט אין „חדר“ און געלערענט, — געלערענט עפּעס אַזוי, פון יוצא וועגען, ווארום תשובה־טעג, סוף „זמן“, ווערט דער רבי מילדער. איז ווי מ'זיצט אַזוי און מ'לערנט, ווערט אין גאַס א קלאַפּעריי מיט טירען, און דורך די פענסטער פון חדר זעהט מען, ווי יודען לויפען אַרום דרויסען עפּעס אַזוי ווי אָהן זינען, וואַרפען און דרעהען זיך, פּונקט ווי בלעטלעך בעת א „ווי־כער“, ווען א מכשפה הייבט זיך אויף פון דער ערד אין א זייל פון שטויב און טהוט זיך א דרעה איבער דער גאַס עפּעס אַזוי שמיידיג און אומגעריכט, אז עס געהט איבער א סקרוך איבער'ן לייב... און אַזוי ווי מ'לויפט אַזוי אין גאַס, לאָזט זיך דער רבי

אראָב אויף זיין שטוהל און ווערט ווייס, ממש ווי א טויטער, און די אונטערשטע ליפּ ציטערט זיך עפּעס אזוי ביי איהם...

מעהר האָט איהם שוין מאיר׳ל ניט געזעהען. שפּעטער האָט מען דערצעהלט, אז מ׳האָט דעם רבי׳ן דער׳הרגעט, אָבער מאיר־לען האָט די מעשה נישט קיין הנאה געטהון, כאָטש דער רבי פלעגט שלאָגען ווי א גזלן, און נישט באַנג געטהון אויך — עס האָט זיך איהם עפּעס סתם נישט געלעגט אויפן שכל: וואָס איז שייך — „דער׳הרג׳עט״?... און אָט אזוי נישט קלאָרערהייט איז די פראַ־גע ביי איהם איינגאָנצען פערשוואונדען, צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן, וועל־כען ער האָט ביסלעכווייז פערגעסען.

און נאָכדעם איז ערשט געווען א מורא. צוויי טעג זיינען זיי אבגעליעגען אין באָד, — ער און נאָך יונגלעך און עטליכע על־טערע מענשען, אָהן עסען, אָהן טרינקען און אָהן טאַטע־מאַמע... מ׳האָט איהם נישט געלאָזען געהן א היים, און אז ער האָט זיך איינמאָל צעשריגען, האָט מען איהם שיער נישט דערשטיקט, און א צייט דערנאָך האָט ער נאָך אַלץ געשלוכצט און זיך געטריי־סעלט, נישט קאָנענדיג אין זיך דערשטיקען דאָס געוויין מיט א מאָל. א פּאָר מאָל פאַר די צייט איז ער איינגעשלאָפען, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז געווען אַלץ דאָסזעלבע. און צוויי־שען אַלע שרעקען איז געווען בלויז איין וואָרט — „גוים״, — וואָס האָט ביי איהם ארויסגערופען א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען עפּעס ווירקליך שרעקליכעס. דאָס איבעריגע איז געווען זעהר נישט קלאָר, און אויסערדעם האָט ער טאַקי, איינגענטליך, גאָרנישט ניט געזעהען.

און שפּעטער, ווען דאָס אַלעס איז פאַר׳איבער, איז אַלץ נאָך איהם קיינער נישט געקומען, און א פרעמדער יוד האָט איהם אבגע־פיהרט אהיים. און נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע האָבען איהם גאָרנישט ניט געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט דאָס קומען פון „חדר״, ווי אַלע טאָג.

אַלעס אין שטוב איז געווען צעבראָכען. דעם טאַטען האָט מען אויסגעדרעהט א האַנד און צעשלאָגען דאָס פּנים. די מאַמע איז געליעגען אויפ׳ן בעט, די בלאָנדע האָר צעוואָרפען, די אויגען

ווי פערשלאָפּען, דאָס פּנים בלאָס און קויטיג, און איהר גאַנצע פיגור עפּעס אַזוי צעשויבערט און אַבגעלאָזען, ווי אַ שווער, צע־קנייטשט איבערבעט. דער טאַטע איז שווייגענדיג אַרומגעגאַנ־גען איבער דער שטוב, נישט קוקענדיג אויף קיינעם, מיט דער אי־בערגעבונדענער האַנד אויפגעהאַנגען אויף אַ ווייסען טיכעל אַרום האַלז. און אַז מאיר'ל האָט פּלוצים דערשפּירט עפּעס אַ געהיי־מען שרעק און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט אויפ'ן קול, האָט דער טאַטע בלויז געוואָרפען אויף איהם אַ חמורנעם, רויהען בליק און האָט זיך ווייטער געשפּאַנט אָהן לשון איבער'ן צימער.

אין דריי וואָכען אַרום זענען זיי אוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקא. בעת זיי זיינען געווען אויפ'ן וואַסער, האָט עס זעהר געוואָרפען, און די מאַמע איז די גאַנצע צייט געליגען אונטען אויף איהר בעטעל און האָט שרעקליך געבראָכען. מאיר'ל איז געווען געזונד, און דער טאַטע פלעגט אַרומגעהן, שטענדיג נאָר אַרומגעהן אויף און אַב, אויבען, אויפ'ן דעק, אַפילו אונטער'ן גרעסטען רעגען, ביז מ'פלעגט קומען און אַראָבטרייבען.

מאיר'ל ווייסט נישט אַקוראַט, וואָס דעמאָלט איז געשעהען אַזוינס, נאָר איינמאָל האָט אַ גוי אויפ'ן שיף עפּעס פערטשעפּעט דעם טאַטען, — האָט עפּעס אַ לאַך געטהון פון איהם, צי וואָס, — האָט זיך דער טאַטע אַ שטעל געטהון און געגעבען אויף יענעם אַ קוק — דוכט זיך, נישט מעהר ווי אַ קוק ! — האָט זיך דער גוי דערשראָקען, האָט זיך אָפּגערוקט און זיך גענומען צלמ'ן, און שפּיי־ען, און שעפּטשען עפּעס מיט די ליפּען... דעם אמת זאָגענדיג, האָט זיך מאיר'ל אַליין אויך דערשראָקען, זעהענדיג, ווי ביי'ם טאַטען האָט זיך דאָס מויל אויסגעקרימט, זיינע צייהן האָבען גע־קריצט, און די אויגען זענען ביי איהם ווי אַרויסגעקראָכען פון קאָפּ. אַזעלכען האָט איהם מאיר'ל נאָך קיינמאָל נישט געזעהען. אָבער באַלד האָט ער ווידער גענומען שפּאַנען איבער'ן דעק מיט'ן קאָפּ איינגעגראָבען אין אויפגעשטעלטען קאָלנער פון זיין ראָק, די הענד אין די האַרבעל, און דער רוקען אַביסעל איינגעהויקערט.

און אַז זיי זענען אַריינגעפאַלען אין ניו יאָרק, האָט מאיר'לען

אָנגעהויבען צו שווינדלען אין קאָפּ, און כמעט באַלד האָט זיך טאַר־טילאָוו פאַרוואַנדעלט אין א חלום.

ב.

געווען איז עס אין אָנהויב ווינטער, און אין גיכען זענען געקומען די שנייען, פרישע, ווייסע שנייען, און עס איז געווען א וועלט. מאיר'ל איז געוואָרען א „באָי"*), און באַיעס געהען אין „סקול"**), און וואַרפען שניי־קייקלעך, און פליהען אויפ'ן גליטש, און צעלעגען פייערען אין מיטען גאַס — און קיינער זאָגט נישט א וואָרט. אין שטוב כאַפּט מען אָן עס און א שלאָף — און לעבען לעבט מען אין גאַס.

קאַלטע, שטעביגע ווינטלעך ציהען אין שטוב און מאַכען זי אונהיימליך. דער טאַטע, א מאָגערער, ברייט-ביינינגער יוד, מיט א טונקעל־ברוין פּנים און א שוואַרצער באָרד, איז פון שטענ־דיג אָן געווען א שווייגער, און זעלטען ווען מ'האָט פון איהם גע־הערט: „האַרכסטו, ציפּע"... — אָבער איצט שווייגט ער — מורא'דיג. די מאַמע, פּערקעהרט, איז געווען א לעבעדיגע, א בע־רעדעווידיגע, און שטענדיג נאָר ארומגעטאַנצט, און „שלמה" אַהין, און „שלמה" אַהער, און מעשות — פון דער וועלט! און פּלוצים האָט זיך דאָס אַלעס ווי אבגעהאַקט. דער טאַטע דרעהט זיך רק איבער דער שטוב הין און צוריק, און זי דרעהט דעם קאָפּ, ווי א קינד, נאָך איהם און קוקט איהם נאָך, גלייך זי וואָלט שטענדיג וועלען און קיינמאָל זיך ניט דערוועגען עפּעס צו זאָגען. עפּעס נייעס האָט זיך בעוויזען אין איהר קוק, עפּעס אַזוינס — וואָס, א שטיינער?... — עפּעס אַזעלכעס, ווי אין די אויגען ביי „מישקע'ן" — דעם הונד, מיט וועלכען מאיר'ל פלעגט זיך ליעב האָבען צו שפּילען ד אָ ר־ט ע ן, אין דעם חלומ'דיגען שטעדטעל. עטליכע מאָל, אויפ־

*) א יונגעל.

**) שולע

כאפענדיג זיך אין מיטען דער נאכט פון שלאף, האט מאיר'ל גע־הערט ווי די מאמע כליפעט, און דערביי פלעגט דער טאטע, אויפ'ן צווייטען בעט, אזוי פיפקען זיין ציגאר, עפעס אזוי שטארק פיפקען זיין ציגאר, — און א מורא איז עם געווען צו זעהן, ווי א פייערל בלאזט זיך אויף יעדעס מאל אין דער פינסטער עפעס ווי פון זיך אליין, אין דער לופט, איבערין פלאץ, וואו עס מוז ליעגען דעם טאטענ'ס שווארצער קאפ . . . נאר די אויגען ביי מאיר־לען שליסען זיך אליין, עפעס פלאנטערט זיך ביי איהם אין קאפ, די מאמע, מיט'ן גליהענדען פייערל, מיט'ן גאנצען צימער פער־זינקען ערגעץ — און מאיר'ל שלאפט.

צוויי מאל דורכ'ן ווינטער איז די מאמע קראנק געווען. איינ־מאל האט עס געדויערט צוויי טאג, דאס צווייטע מאל — פיער אבערביידע מאל האט זי אויסגעזעהען צו זיין מסוכן. איהר פנים האט געגליהט, ווי אן אויוועו, די אונטערשטע ליפ האט געבלוטעט אונטער איהרע שארפע, ווייסע צייהן, און דאך האבען ווילדע, מורא'דיגע קרעכצען אויסגעזאגט דעם סוד וועגען ווילדע, מורא'־דיגע וועהטאגען. און אפטמאל האט זי געבראכען, ווי דארט, אויפ'ן וואסער, — געבראכען אזוי, ווי אלע איהרע גדערים וואל־טען זיך וועלען ארויסרייסען דורכ'ן האלז.

און דעמאלט — האט זי שוין נישט געקוקט אויפ'ן טאטען מיט א געבעט. ניין, דאס איז געווען עפעס אנדערש — דאס איז געוועז — דאס איז געווען — יא: מישקע האט זיך א מאל ארייג־געשטאכען א שארפען דארן טיעף אין א לאפע, האט ער געקווי־טשעט, און געברומט בייז און פערביסען, און געקייט די לאפע, ווי ער וואלט וועלען זי אויפפרעסען צוזאמען מיט דעם דארן.

אין יענע טעג איז אויך דער טאטע געווען אן אנדערער. נישט ארומגעגאנגען איז ער שוין איצט איבער'ן צימער, נאר ארומגע־לאפען; דער ציגאר צווישען זיינע צייהן האט זיך געדרייכערט און געבריפעט אהן אויפהער, און אנשטאט דעם איינעם וואלקען, וואס איז שטענדיג פערגליווערט געהאנגען איבער זיין שטערן, האבען זיך פיעלע וואלקענס געיאגט און גערעהט אין די טיעפע און בריי־

טע קנייטשען, און צווישען זיי האָבען פון צייט צו צייט ווי בליי־צען דורכגעשפּריצט און אויגענבליקליך זיך געלאָשען. נישט ער האָט געקוקט אויף די מאַמען, נישט זיי ביידע האָבען זיך אומגע־קוקט אויף איהם, מאיר׳לען, וועלכער האָט זיך דאַן געפיהלט אינ־גאַנצען עלענד און פערלאָזען.

און — אַ מאָדנע זאַך! — גראַד אין יענע טעג האָט עס מאיר׳־לען געצויגען צו דער היים. אין גאַס איז געווען ווי אַלע מאָל, און אין שטוב — עפּעס ווי ימים נוראים אין שול צו שופר־בלאָזען, ווען אַזוי פיעל גרויסע טאַטעס מיט טליתים איבער זייערע קעפּ שטעהען און האַלטען איין דעם אָטהעם, און פון ווייטען טראָגט זיך איבער׳ן גאַנצען עולם אליין און מעכטיג אַ לאַנגע, געצויגענע תקיעה: טאָ־טאָ־ו־ו־ו־ו!..

און ביידע מאָל נאָך דער מאַמע׳ס געזונד־ווערען האָט זיך אַ טונקעל־גרויער שאָטען וויעדער געלעגט אויף דאָס הויז. דער טאַ־טע איז געוואָרען פינסטערער ווי פריהער, און די מאַמע האָט איהם נאָכגעקוקט דערשלאָגענער און הינטישער ווי אַלעמאָל. און מאיר׳ל איז וויעדער געלאָפען פון שטוב אין די טומלענדע גאַס אריין.

ג.

די ווייסע שנייען זענען געוואָרען זעלטענער, דערנאָך האָבען זיי זיך אינגאַנצען אויפגעהערט צו ווייזען, ווי פייגלען וואָס האָבען פערלאָזען זייער נעסט. אין דער לופט האָט געהאַלטען אין ווע־רען עפּעס נייעס, — וואָס, אייגענטליך, וואָלט פאַר מאיר׳לען שווער געווען צו זאָגען. יעדענפאַלס, איז עס געווען עפּעס אַ גוטס, זעהר אַ גוטס, דען אַלע אין גאַס האָבען זיך געפרעהט דערמיט. דאָס האָט מען אָנגעזעהען אויף זייערע פּנים׳ער, וועלכע זענען געוואָרען ליכטיגער און פריינדליכער.

ערב פּסח אין דער פריה האָט זיך דער הימעל אין הויז אויך געהאַט אַ ביסעל אויסגעלייטערט. די גאַס און די שטוב האָבען זיך ווי דערלאַנגט די הענד דורך די צום ערשטען מאָל גע־

עפענטע פענסטער, און פון דער דאָזיגער התקרבות איז ביי מאיר־לען געוואָרען לייכטער אויפ'ן הארצען.

טאַטע־מאַמע האָבען געמאַכט הכנות צום פסח. אָרעמע הכנות זענען דאָס געווען: קיין מצה־פּאָדריאַד מיט זיין יום־טוב'דיגען טומעל, — אַ פּעקעל קאַלטע, אַלט געבאַקענע מצות האָט מען אין שטוב אריין געבראַכט; אין ווינקעל שטעהט נישט קיין פעסעל פּסח'דיגען באָרשטש, צוגעדעקט מיט אַ גראָבען טישטוך פון נישט געוויסטער לייווענד; פון בוידעם שלעפּט מען נישט דאָס פערשטויבטע געפעס, וואָס שטעהט דאָרטען מכמה יאָהרען: דער טאַטע האָט נעבראַכט פון גאַס עפּעס, וואָס ער האָט צונויפגעקויפט ביליג און נישט צו דער פּאָר. אָבער דער הויך פון אַ יום־טוב האָט זיך פּאָרט געשפּירט און געוואַרעמט די נשמה. אין דער היים, אין טאַרטילאָוו, האָט מאיר'לען אַ פּאָר מאָל געטראָפען צו ליעגען ביינאַכט אויף זיין בעטעל מיט אָפענע אויגען און זיך צוצוהערען מיט אַ הארץ פאַרשטיינערט פון שרעק צו דער פינסטערער שטילקייט, וועהרענד די גאַנצע וועלט, דאָס הייסט, די גאַנצע שטוב, איז געווען ווי אויסגעשטאָרבען; און עס האָט געניגט אַ פּלוצלינגען פּראָסטען קרעה פון אַ האָהן אין אַזאַ פאַל אויף אריינצוגיסען אין זיין הארץ אַ הייסען שטראָם פון פרייד און היימליכקייט.

דעם טאַטענ'ס פּנים איז געוואָרען עטוואָס הייטערער. ביי טאָג, ווען ער האָט געהאַלטען אין איבערווישען די כוסות, האָבען זיינע אויגען געקוקט עטוואָס צעשטרייט, אָבער זיינע ליפּען זענען געווען אזוי צוזאַמענגעלעגט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט וועט זיך אויף זיי בעווייזען אַ שמייכעל. די מאַמע האָט דאָן כמעט פרעהליך ארומגעטאַנצט אין קיך ארום די ערשטע מצה־לאַטקעס, וואָס האָבען געפּלוידערט און געגאָרגעלט אויף דער פאַן, — ווען אַ שכנה איז אריינגעקומען לייהען עפּעס אַ טעפּעל. מאיר'ל איז בשעת מעשה געווען נעבען דער מאַמען. איהר טעפּעל האָט די שכנה געקראָגען, די ווייבער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט אַ פּאָר ווערטער מכח דעם קומענדען יום־טוב, דערנאָך האָט די

שכנה געזאָגט: „װעלען מיר ביי אייך, הייסט עס, אין גיכען האָבען אַ שמחה״?... זי האָט מיט װאונק און מיט אַ שמייכעל אָנגעװיזען מיט׳ן פינגער אויף דער מאַמען, און דאָ ערשט האָט מאיר׳ל פּלוצים בעמערקט, אַז דער מאַמע׳ס פיגור איז געװאָרען קיילעכדיג און פול. ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט װעגען דעם אַ טראַכט צו טהון: פון צװייטען צימער האָט זיך דערהערט אַ בראַזג פון צעבראָכענע כוסות. די מאַמע איז געבליבען שטעהן װי אַ דערשלאָגענע, און דער טאַטע האָט זיך בעװיזען אין טיר.

— געהט! . . . — — — —

פון זיין שטימע האָבען די שויבען אין די פענסטער אַ גרילץ געטהון, גלייך אַ שװערער װאָגען װאָלט האַסטיג פאַרבייגעפאָהרען אויפ׳ן ברוק.

די דערשראָקענע שכנה האָט זיך עפּעס מאָדנע איבערגעדרעהט און איז אַרויס פון טיר.

ד.

אומגעלומפּערט האָבען אויסגעזעהען דער טאַטע און די מאַמע אין זייערע יום-טוב׳דיגע מלבושים און מיט פּנים׳ער פון אבלים. אומגעלומפּערט האָט אויסגעזעהען דער גאַנצער „סדר״ מיט אַ געמיט פון דער „סעודת הפסקה״ ערב-תשעה-באב פאַרנאַכט. און װען מאיר׳ל האָט מיט אַ פאַרבלאָזער שטים, װי אַ געדונגענער, געצויגען דעם „מה נשתנה״, האָט עס איהם פערקװעטשט ביים האַרצען: אַרום איהם איז געװעזען מאָדנע שטיל, װי אין שוהל בעת אַ יתום׳ל זאָגט זיין ערשטען קדיש...

דער מאַמעס ליפּען האָבען זיך בעװעגט אָהן אַ שום קלאַנג; פון צייט צו צייט האָט זי געגעצט אַ פינגער אויף די ליפּען און איבערגעקעהרט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, און פון צייט צו צייט האָט זיך אַ פולע, שװערע און גלענצענדע טרער לאַנגזאַם געקייקעלט איבער איהר שענעם, אָבער דערשלאָגענעם פּנים און איז געפאַלען אויפ׳ן סדור, אויף דאַס װייסע טישטוך, אויף איהרע קליידער.

דער טאטע האט אויף איהר נישט געקוקט. זעהט ער, אז זי וויינט?... און מארגנע זאגט ער די הגדה! ער זאגט א שטיקעל, זאגט מיט א נגון, מיט א געצויגענעם טאן, און פלוצים האקט זיך זיין קול, מאנכמאל מיט א כארכעל, ווי א האנד וואלט זיין האלז צוגעשטיקט... דאן קוקט ער שווייגענדיג אין די הגדה, אדער זיין בליק בלאנקעט זיך ארום איבער'ן צימער, עפעס גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. און ער נעהמט ווידער זאגען, און זיין שטים האקט זיך ווידער... ....

געגעסען האט מען כמעט גארנישט, געבענשט האט יעדערער פאר זיך, אין דער שטיל, און פלוצים האט דער טאטע געזאגט:

— מאיר, עפען די טיר...

עטוואס מיט מורא און מיט א טונקלען געדאנק וועגען אליהו הנביא האט מאיר'ל א ציה געטהון די טיר.

שפוך חמתך על הגו־ו־ים,

אשר לא ידעו־ך! . . .

א דראבנער שוידער איז פלוצים דורכגעלאפען איבער מאיר'לס פלייצע: א פרעמדע, גאנץ אונבעקאנטע שטים האט א קלונג געטהון פון איין עק צימער ביז'ן צווייטען, האט ארויפגעשאסען צו'ם באלקען, האט זיך א שליידער געטהון אראב און גענומען ארומווארפען זיך צווישען די פיר ווענד, ווי א צעווילדעטער פוי־געל אין שטייג. מאיר'ל האט שנעל אומגעדרעהט זיין געזיכט צו'ם טאטען — און פון פחד האבען איהם די האר אנגעהויבען צו שטעכען אין קאפ: גראד, ווי א שטייף אנגעצויגענע סטרו־נע, איז געשטאנען נעבען טיש עפעס א ווילדע פיגור אין א שניי־ווייסען קיטעל, מיט א טונקלער באָרד און א ברוינעם ביינעריגען פנים, און איהרע צוויי אויגען האבען געגליהט מיט א שווארצען, אונהיימליכען פייער. די צייהן האבען געקריצט, און די שטים איז צייטענווייז איבערגעגאנגען אין א ווילדע קלאג פון א חיה, וואס ברומט נאך צאפלענדיג פלייש און ווארעם מלוט. די מאמע איז אויפגעשפרונגען פון ארט, טרייסלענדיג זיך מיט אלע גליעדער, האט א סעקונדע געקוקט אויף'ן טאטען, דערנאך האט זי זיך

א וואָרף געטהון צו זיינע פיס, האָט אָנגעכאַפּט מיטביידע הענד א ברעג פון זיין קיטעל און ארויסגעלאָזען א יאָמער.

— שלמה, שלמה, דערהרג'ע מיך בעסער, שלמה! טויט מיך!... אוי־וי־וי, אומגליק....

מאיר'ל האָט דערפיהלט, אז אינוועניג אין איהם קעהרען זיך איבער אלע געדערים, גלייך א ברייטע האנד מיט לאַנגע, בענע־געלטע פינגער וואָלט זיך אין זיי איינגעגראָבען און זיי איבער־געדרעהט מיט איין ריס. זיין מויל האָט זיך ברייט און קרום געעפענט, און א קינדעריש־דערשראָקען געשריי האָט זיך ארויסגע־ריסען ביי איהם פון האלז. טארטילאָוו האָט זיך פּלוצים א וויל־דען דרעה געטהון פאר זיינע אויגען. דערשראָקענע יודען האָבען זיך געטראָגען איבער דער גאַס, ווי בלעטער אין א שטורם. דער בלאַסער רבי איז געזעסען אויף זיין שטוהל, און זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. די מאמע איז געלעגען אויפ'ן בעט א צע־קראָכענע, ווי א צעקנייטשט איבערבעט. מאיר'ל האָט דערפיהלט קלאָר און שארף, אָט ווי עס וואָלט געשטאַנען פאר זיינע אויגען, אז דאָס אלעס איז נישט פאר'איבער, אז עס פאנגט זיך ערשט אָן, און אז דאָס אומגליק, דאָס גרויסע, דאָס אמת'ע אומגליק קומט ערשט, און אָט־אָט וועט עס פאלען אויף זייער הויז, אויף זייערע קעפּ, ווי א דונער, — און צו'ם צווייטען מאָל האָט זיך א גע־שריי פון ווילדען, הילפלאָזען שרעק ארויסגעריסען פון זיין האלז...

עטליכע שכנים איטאליענער זענען געשטאַנען אין קאָרידאָרס נעבען דער טיר, האָבען געקוקט אויף די אונפערשטענדליכע סצע־נע און דערשראָקען געשעפּטשעט עפּעס צווישען זיך. און אין צימער האָט זיך נאָך אלץ ארומגעטראָגען די ווילדע קללה, איין סעקונדע אין שטארקע, שטאָהלענע טענער, א צווייטע — מיט א פערביסענעם חריפען פון א געקוויטעטן. — — —

— — — שטארקער גאָט!
.... דיין גאַנצען צאָרן אויף די פעלקער,
וואָס האָבען קיין גאָט אין הארצען!...

דיין גאַנצען צאָרן אויף די לענדער,
וואָס פרעמד איז דיין נאָמען פאַר זיי!
ער האָט מיין ליב געפרעסען, געפרעסען —
ער האָט מיין הויז פערוויסט מיר, פערוויי־סט!

דיין בייז זאָל זיי יאָגען!
זאָל יאָגען — דערגרייכען,
דערגרייכען — פערניכטען
פון אונטער די הימלען!...

דער קוש.

דער קוש.

ביי ר׳ שכנא׳ן האבען זיך געטרייסעלט הענד און פיס און אין מויל ביי איהם איז געוועז אונערטרעגליך ביטער. ער איז געזעסען אויף א שטוהל, האט געהערט די ווילדע קולות פון גאס, די פייפעריי און דאס קלינגען פון צעבראכענע שויבען, און איהם האט זיך געדאכט, אז אט דאס אלעס קנאקט, שריים און קלינגט אינוועניג ביי איהם אין קאפ.

דער פאגראם האט זיך אנגעהויבען אזוי פלוצים, אז ער האט קיין צייט נישט געהאט געהאט אפילו צוצושליסען זיין קראם און איז באלד אוועקגעלאפען אהיים. אין הויז האט ער קיינעם נישט געטראפען. שרה מיט די קינדער האבען זיך, ווייזט אויס, ערגעץ בעהאלטען, איבערלאזענדיג דאס הויז מיט׳ן ביסעל זילבער, מיט׳ן געלד אויף גאט׳ס בעראט. ער אליין האט נישט געקלערט פון בעהאלטען זיך, ער האט בכלל פון גארנישט גע־קלערט. ער האט זיך בלויז צוגעהערט צו די געוואלטען פון גאס און צו דער ביטערקייט, וואס ביי איהם אויף דער צונג.

דאס גערויש פון פאגראם האט זיך א מאל דערנעהערט, א מאל דערווייטערט, ווי א פייער אין דער נאכבארשאפט, און האט פלוצים ארומגענומען דאס הויז פון אלע פיער זייטען. די פענ־סטער האבען גענומען קנאקען, עטליכע שטיינער זענען אריינגע־פלויגען אין עס־צימער, און מיט א מאל, דורך טיר און פענסטער, האבען אנגעהויבען קריכען גוים, מייסטענס יונגע שקצים, מיט שטעקענס, מיט מעסערס, מיט שכור׳ע, רויטע פנימ׳ער. ר׳ שכנא האט דערשפירט, אז ער דארף עפעס טהון. ער האט זיך מיט גרוי־סער שווערינקייט אויפגעהויבען פון שטוהל און פאר די פאגראמ־שטשיקעס אין די אויגען האט ער גענומען קריכען אונטער׳ן דיוואן,

וואס איז אין צימער געשטאנען. חברה האט זיך פאנאנדערגע־לאכט.

וואט דוראק! *) — האט איינער געזאגט און איהם אנגעכאפט פאר א פוס. — עה, טי, וסטאוואי! **)

ער איז פלוצים צו זיינע געדאנקען געקומען און האט זיך צע־וויינט, ווי א קליין קינד.

— קינדער, — האט ער זיך געבעטען, — איך וועל אייך אליין ווייזען, וואו עס ליעגט דאס געלד, דאס זילבער און אלסדינג, אבי הרג'עט מיך ניט. צו וואס זאלט איהר מיך הרג'ענען?... איך האב א ווייב מיט קינדער...

דאס אלעס האט נישט געהאלפען. זיי האבען גענומען אלעס און איהם האבען זיי געשלאגען, געשלאגען אין די ציינער, אין די זייטען, אין בויך, מיט גרויסער רציחה. ער האט געוויינט און זיך געבעטען, און זיי האבען געשלאגען. איינעם פון די שקצים האט ער געקענט און האט זיך געווענדעט נאך רחמנות צו איהם:

— וואסילענקא, קענסט דאך מיר... דיין טאטע האט געאר־בייט ביי מיין הויז, זאג: האב איך איהם נישט בעצאהלט?... ער האט ביי מיר גוט פערדינט... וואסילענקא... וואסילענקא... גוואלט! גוואלט! ראטע— — —

א זעץ אונטער'ן הארצען האט איבערגעריסען זיין געבעט. צוויי שקצים האבען זיך אויף איהם ארויפגעזעצט און גענומען דריקען זיין בויך מיט זייערע קניע. וואסילענקא, א קליינער, מאגערער שייגעץ מיט א קרום פנים און גרויע איינלעך, האט מיט נדלות געשמייכעלט און גערעדט:

— טא שטשא?... ***) האסט געצאהלט, ווי דען?... דער באטקא ****) האט געארבייט, האסטו בעצאהלט. אהא, איך וואלט

*) אט א שוטה.
**) עה, דו, שטעה אויף!
***) איז וואס?
****) דער טאטע.

אַ בעלן זיין זעהן, ווי אַזוי דו וואָלסט נ י ש ט בעצאָהלט!..

פון דעסטוועגען איז איהם געפעלען געוואָרען, וואָס ר' שכנא האָט זיך געווענדעט צו איהם נאָך הילף, און ער האָט געזאָגט צו די איבעריגע:

— נו, רעביאַטאַ *), נענוג, לאָזט די פגירה לעבען. איהר זעהט דאָך — שוין סיי ווי קוים וואָס ער זשיפּעט...

זיי האָבען זיך ביסלעכווייז אָבגעריסען פון זייער קרבן און גע־נומען אַרויסגעהן פון הויז, ברעכענדיג אותי'ן וועג די כלים, וואָס זיי האָבען פריהער געלאָזען גאַנץ.

— נו, שכנא, האָסט מיר צו פערדאַנקען, וואָס דו ביזט לעבען געבליבען, — האָט וואַסילענקאָ געזאָגט צו ר' שכנא'ן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר איהם מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַ צע־שלאָגענעם פּנים און האָט שווער געטעהעמט. חברה וואָלט מיט דיר קיין סך שהיות נישט געמאַכט, ווען נישט איך...

ער האָט געוואָלט אַוועקגעהן, נאָר פּלוצים איז איהם עפּעס איינגעפאַלען.

— נאָ, — האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו ר' שכנא'ן, — טהו אַ קוש...

ר' שכנא האָט אויפגעהויבען זיינע בלוט־פערגאָסענע אויגען און גענעבען אויף איהם אַ צעמישטען קוק. ער האָט נישט פער־שטאַנען.

וואַסילענקאָ'ס פּנים האָט זיך פערוואָלקענט.

— דו הערסט ניט, שטאָ לי? ... קוש, זאָגט מען דיר!

צוויי פון די שקצים זענען געבליבען שטעהן אין טיר, פעראינ־טערעסירט אין דעם, וואָס דאָ קומט פאָר. ר' שכנא האָט געקוקט אויף וואַסילענקאָ'ן און געשוויגען. וואַסילענקאָ איז אַזש גרין געוואָרען.

— אַך, דו זשידאָווסקער פּרצוף, וואָס דו ביזט! — האָט ער אַ קריץ געטהון מיט די ציינער און מיט דער גאַנצער האַנד דערלאַנגט

---

*) נו, קינדער.

ר׳ שכנא׳ן א זעץ אין געזיכט. — דו קווינקעלסט זיך נאך?... עה, חברה, קומט נאר אהער!...

די צוויי שקצים זענען צוגעגאנגען נעהענטער.

— א נו, נעהמט איהם נאר צו דער ארבייט. אז ער איז יא אזא פערדדיפּעטער פּריץ, מוז ער מיך שוין א קוש טאן אין פּוס. איוב נישט...

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל. די שקצים האבען געחאפּט ר׳ שכנא׳ן און איהם א ווארף געטהון צו וואסילענקא׳ס פּיס.

— ציה אראב! — האט וואסילענקא בעפוילען, געבענדיג איהם מיט׳ן שטיוועל אין די צייהן.

ר׳ שכנא האט לאנגזאם אראבגעצויגען דעם שטיוועל פון׳ם שייגעץ׳ס פוס.

— קוש!...

איינס נעגעז צוויטען זענען געשטאנען: א רויטער, שמור־ציגער פּוס מיט א שווערען גערוך פון שוויס — און א צעשלאג־גען פּנים מיט א לאנגער, בכבוד׳יגער טונקעלער בארד. דורך א מאדנעם צופאל האבען חברה זיך ווייניג בעשעפטיגט מיט דער דאזיגער בארד, און זי איז געווען בלויז א ביסעל אבגעצופּט אין א פּאר ערטער, אבער אויף איהר איז נאך געלעגען די גאנצע הדרת־פּנים פון א דערוואקסענעם יודען און אן אנגעזעהענעם בעל־הבית. פון אויבען אראב האט געקוקט וואסילענקא׳ס גרין, קרום געזיכט מיט די גרויע אויגען.

— קוש, זאג איך דיר!...

און נאך א זעץ אין די צייהן האט בעגלייט דעם בעפעהל.

איין מאמענט זענען אלע אין צימער געווען שטום און אונ־בעוועגליך. דערנאך האט ר׳ שכנא צוגעבויגען זיין קאפּ, און וואַ־סילענקא האט ארויסגעלאזען א שארפען, שרעקליכען קוויטש. אלע פינגער פון׳ם פוס און א היבשער טייל פון׳ם טראט זענען פערשוואונדען אין ר׳ שכנא׳ס מויל, און צוויי ציילען צייהן האָ־בען זיך טיעף איינגעגראבען אין דאס שמוציגע, שוויסיגע פלייש.

דאָס, וואָס נאָכדעם איז פאָרגעקומען, איז געווען ווילד און שווער, ווי אַן אומגעלומפּערטער, בייזער חלום.

די שקצים האָבען געשלאָגען ר׳ שכנא׳ן מיט די שטיוועל אין די זייטען מיט אַזאַ קראַפט, דאָס פון יעדען קלאַפּ האָט עס אָבגעקלונגען הויך און פּוסט, ווי פון אַ פּאַס. זיי האָבען געפּליקט זיין באָרד פּאַסמעס־ווייז, זענען איהם אַריין מיט די פינגער אין די אויגען און האָבען זיי אַרויסגעריסען, האָבען אויסגעזוכט די געפּיהלפּולסטע ערטער אויפ׳ן קערפּער און געריסען שטיקער פון איהם. דער קערפּער האָט געציטערט, געפיעבערט, זיך געוואָרפען און געדרעהט, און די צוויי ציילען צייהן האָבען זיך צוזאַמענ־געדריקט אַלץ קאָנוואולסיווער און זענען נעגאַנגען אַלץ טיעפער, און עפּעס אַזוינס האָט געקנאַקט דאָרטען אינוועניג אין פּוס: די צייהן, די ביינער, אָדער ביידע זאַכען צוזאַמען. די גאַנצע צייט האָט וואַסילענקאָ געשריגען, ווילד, אָהן דעת, ווי אַ געשטאָכענער חזיר.

ווי לאַנג דאָס אַלעס האָט געדויערט, האָבען זיך די שקצים קיין רעכנונג נישט אָבגעגעבען, און זענען געקומען צו זיך ערשט ווען זיי האָבען בעמערקט, אַז ר׳ שכנא׳ס קערפּער צאַפּעלט זיך שוין נישט, און אַ קוק טהוענדיג אין זיין געזיכט, האָבען זיי ביי־דע אויפגעציטערט פון קאָפּ ביז די פיס.

די אַרויסגעריסענע אויגען האָבען זיך געבאָמבעלט נעבען די פערבלוטיגטע לעבער, גרויסע, קיילעכדיגע און קלעביגע. קיין פּנים איז נישט געווען צו זעהן. די באָרד האָט זיך צונויפגעשלאָ־גען אין נאַסע, בלוטיגע קאָלטענעס, און די טויטע צייהן מיט׳ן שטיק פּוס צווישען זיי זענען געווען אויסגעשצירעט, ווי ביי אַ גע׳הרג׳עטען וואָלף. וואַסילענקאָ האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפען, — שוין נישט אויפ׳ן שטוהל, נאָר אויף דער ערד. זיין קערפּער האָט זיך אויסגעדרעהט, ווי אַ שלאַנג, און פון האַלז ביי איהם האָבען זיך געריסען הייזעריגע, אויסגעצויגענע קולות. זיינע גרויע אייגלער זענען געוואָרען גרויס, מאַט און גלעזערן. ער איז, קענטיג, אַראָב פון זינען.

מיט א דערשראקענעם „האספאדי פאמילוי נאס!" זענען די צוויי שקצים ארויסגעלאפען פון הויז.

אין גאס האט געבושעוועט די בייזע פאגראם־מהומה, און צווישען די פערשיערענע קולות האט קיינער נישט געמערקט די אונטערגעריסענע געשרייען פון'ם לעבעדיגען, וואס האט לאנגזאם גע'גוס'עט ביי'ם טויטען אין די צייהן.

דער צלם.

דער צלם.

א.

זיין אויסזעהן:

א ריעזיגע פיגור, ברייטביינעריג, אבער נישט פעט, גיכער מאגער; שווארץ, פערברענט פון דער זון, מיט שארפע באקביינער און שווארצע אויגען. די האר פון קאפ כמעט אינגאנצען גרוי, אבער מאדנע יונג: געדיכט און רייך צעוואקסען, א ביסעל געקרייזעלט. א שמייכעל פון א קינד אויף די ליפען און קליינינקע קנייטשעלעך פון א זקן ארום די אויגען.

און דאן: אויפ'ן ברייטען שטערן א שארף־געצייכענטער ברוינער צלם. דאס איז געוועזן א שוואך־פערצויגענע וואונד — צוויי שנים מיט א מעסער איינער איבער'ן צווייטען.

מיר האבען זיך בעקענט אויפ'ן דאך פון וואגאן פון א צוג, וואס איז געלאפען איבער איינעם פון די מזרח־שטאטען אין אמעריקא. און אזוי ווי מיר האבען ביידע „געטרעמפעוועט" איבער'ן לאנד, האבען מיר אבגעמאכט צו טהון עס צוזאמען, ביז מיר'ן זיך צועסען איינער דעם אנדערן. איך האב געוואוסט, אז ער, ווי איך, איז א רוסישער יוד, און מעהר האב איך נישט געפרעגט. אין דעם לעבען, וואס אונזערע לייט פיהרען, זענען קיין פעסער נישט נויטיג.

יענעם זומער האבען מיר דורכגעזעהען כמעט די גאנצע פעראייניגטע שטאטען. בייטאג פלעגט מען געהן צו־פוס, זיך שניידען דורך וועלדער, זיך באדען אין די טייכען, וואס מיר האבען אנגעטראפען אין וועג. מיט עסען האבען אונז בעזארגט די פארמערס, דאס הייסט, מאנכע האבען געגעבען, און ביי אנדערע פלעגען מיר

גנב׳ענען — היהנער, גענז, קאטשקעס, און נאכדעם זיי בראטען אויף א פייער ערגעץ אין וואלד אדער אין דער „פרעהריע״. געווען זענען אויך טעג, ווען מען פלעגט זיך, באין ברירה, בעגניגען מיט וואלד־יאגדעס.

געשלאפען איז מען וואו די נאכט איז בעפאלען, — אויפ׳ן פרייען פעלד אדער ערגעץ אונטער א בוים אין וואלד. אין די פינסטערע נעכט האבען מיר מאנכע מאל „געחאפט א צוג״, דאס הייסט, ארויף אויפ׳ן דאך פון א וואגאן און א ביסעל אונטערגע־פאהרען. דער צוג פליהט פייל אויס׳ן בויגען. א שארפער ווינד בלאזט אונז אין געזיכט און טראגט פארביי דעם רויך פון לא־קאמאטיוו אין צעריסענע וואלקענס, בעשפרענקעלט מיט היבשע פונקען. די פרעהריע לויפט און דרעהט זיך ארום אונז, און עטהעמט טיעף, און רעדט שטיל און האסטיג מיט פערשיעדענע קלאנגען, אויף פערשיעדענסטע לשונות. איבער אונזערע קעפּ פינקלען ווייטע וועלטען — און ביי אונז אין די קעפּ קומען און שווימען גע־דאנקען, עפּעס אזעלכע מאדנע געדאנקען, ווילד און פריי ווי די קולות פון דער פרעהריע: דאכט זיך — אהן שייכות איינער צו׳ם צווייטען, דאכט זיך — געשלייפט, און גערינגעט, און געקייטעלט. — און אין דער זעלבער צייט, אונטער אונז, אין די וואגאנען, זיצען און ליעגען מענשען, א סך מענשען, וואס זייער וועג איז בעשטימט און די געדאנקען — געבונדען; זיי ווייסען, פון וואנען זיי קומען און וואוהין זיי געהען, און דערצעהלען עס איינער דעם צווייטען און געניצען דערביי, און געהען שלאפען, נישט וויסענדיג אז אין דער הויך, איבער זייערע קעפּ, האבען זיך צוויי פרייע פייגלען געזעצט רוהען א ווייל׳ע אויף זייער וועג — פון וואנען? וואוהין?... — בעגינען שפּרינגען מיר אראב אויף די ערד און געהען גנב׳ענען א הוהן אדער חאפּען פיש מיט פער־שיעדענע קונצען.

אין איינעם פון די לעצטע טעג אין אויגוסט ביז איך גע־ליעגען א נאקעטער אויפ׳ן זאמד ביי׳ם ברעג פון א טיעפען און שמאלען טייך און האב זיך געטריקענט געגען דער זון. מיין חבר

איז נאָך געווען איז טייך און האָט דאָרט אַנגעמאַכט אַזאַ האַר־מידער, ווי אַ גאַנצער „חדר“ יונגלעך וואָלט זיך געבאָדען. דער־נאָך איז ער אַרויס אויפ׳ן ברעג, פּריש און שיינענדיג פון קאָפּ ביז די פּיס; בעזונדערס דייטליך איז אַרויסגעטראָטען דער ברוי־נער צלם אויף זיין שטערן. אַ שטיק צייט זענען מיר געליגען אויפ׳ן זאַמד איינער נעבען אַנדערן, געליגען און געשוויגען. איך האָב געוואָלט און נישט געוואָלט איהם פרעגען, וואָס איז דאָס פאַר אַ צייכען אויף זיין שטערן. ענדליך האָב איך מיין פראַגע דאָך געשטעלט.

ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ פונ׳ם זאַמד און אַ קוק געטהון אויף מיר נייגעריג און מיט אַ לייכטען חוזק.

— איהר׳ט זיך נישט דערשרעקען? ...

איך בין שוין יאָהרען לאַנג געווען דער׳אויסען פון אַלעם.

—דערצעהלט, — האָב איך געזאָגט.

ב.

מיין פאָטער איז געשטאָרבען, ווען איך בין אַלט געוועזען עטליכע מאָנאַטען. פון דעם, וואָס איך האָב וועגען איהם געהערט, פערשטעה איך, אַז ער איז געוועזען „עפּעס“. אַ מענש פון אַן אַנדער וועלט, טראָג איך דאָך זיין בילד — אויסגעטראַכט פון מיר אַליין — אין מיין פאַנטאַזיע, ווייל, ווי געזאָגט, ער איז גע־ווען ע פּ ע ס. איבּריגענס, נישט וועגען איהם וויל איך דער־צעהלען.

מיין מוטער איז געווען אַ מאָגערע יודינע, הויך, ברייטביי־נעריג, טרוקען און חמורנע. זי האָט געהאַט אַ קרעמעל. מיר האָט זי געגעבען עסען, געצאָהלט פאַר מיר שכר־למוד און מיך אָפּט געשלאָגען, ווייל איך בין נישט געוואַקסען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

וואָס האָט זי געוואָלט? גאַנץ קלאָר איז עס פאַר מיר נישט. איך גלויב, זי האָט אַליין נישט קלאָר געוואוסט. מיט מיין פאָ־טער פלעגט זי זיך שטענדיג קריגען, און אַז ער איז געשטאָרבען,

האָט זי, אַ צוויי־און־דרייסיק־יעהריג ווייבעל, אויף אַלע פאַרנע־שלאַגענע שדוכים געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:

— נייז, נאָר „איהם" געהט עס נישט, כ׳דאַרף נישט קיי־נעם, און — נעהמען אַ שטיעפפאַטער פאַר מיין קינד?

און זי האָט מעהר נישט חתונה געהאַט. האָב איך עס, קענטיג, געדאַרפט זיין ווי מיין פאַטער, אַהן זיינע חסרונות, — ער האָט נישט געטויגט צו עולם־הזה, געוועז, פלעגט זי זאָגען, „צו היציג". ווי די מעשה איז — זי פלעגט מיך שלאָגען שטאַרק, אַהן רחמנות. איינמאָל — איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף — האָט זי מיך גענומען שלאָגען מיט אַן אייזערנער פרענטע וואָס האָט געדיענט צו פערשליסען פון אינוועניג דעם לאָדען פון איהר קלייטעל. איך בין געוואָרען אויפגעבראַכט און האָב זי געשלאָגען צוריק. זי איז געבליבען שטעהן בלאַס, מיט גרויסע אויגען, קוקענדיג אויף מיר. פון דאַן אָן האָט זי מיך מעהר נישט געשלאָגען.

די לופט ביי אונז אין הויז איז געוואָרען נאָך קעלטער און טרוקענער ווי פריהער. אין אַ האַלב יאָהר אַרום בין איך אַוועק „אין די וועלט".

דערצעהלען אַלעס — וואָלט געווען צו לאַנג און נישט אַלע־מאָל אינטערעסאַנט. דער עיקר — אין פופצעהן יאָהר אַרום האָב איך געוואוינט אין אַ גרויסער שטאָדט אין דרום־רוסלאַנד. איך בין געווען אַ סטודענט־מעדיקער או והאָב געלעבט פון „שטונ־דען". מיין מוטער האָב איך אַרויסגענומען צו זיך, אָבער זי האָט בלויז געוואוינט מיט מיר צוזאַמען און מפרנס געווען האָט זי זיך אַליין: זי האָט געהאַנדעלט מיט געניצטע קליידער אויפ׳ן מאַרק. מיט איהר פרנסה האָט זי זיך נישט געשעמט, אָבער אויף די אַנדערע אַלטוואַרג־הענדלער האָט זי געקוקט מיט פעראַכטונג: ווער איז זי, און ווער זענען זיי?...

צו מיר איז זי געווען קאַלט ווי פריהער, וועניגסטענס — אויסערליך. איך צו איהר — דאָסזעלבע. מר דאַכט, כ׳האָב זאָ־גאָר געשפּירט צו איהר אַ שטיקעל שנאה.

נאר טיפער א ביסעל האט זי מיך וועניג געקימערט: איך האב געלעבט אין א גאנץ אנדערער וועלט.

ג.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א קלייניגקייט: מ'האט בעדארפט איבערמאכען די וועלט. פריהער רוסלאנד, דערנאך די וועלט. דערווייל האט עס געהאלטען ביי רוסלאנד.

צו יענער צייט האט דאס לאנד שוין געפיעבערט פון אויפרעגונג. אלע גרעסערע און גרעסערע מאסען זענען אריינגעצויגען געווארען אין שטראם, און איבער זייערע קעפ האט וואס אמאל עפטער אויפגעפלאמט, ווי א ראקעטע, דאס הייסע, רויטע פייער פון איינצעלנע העלדישע טהאטען. איינער נאכ'ן צווייטען זענען געפאלען העכער און ניעדריגער געשטעלטע קעפ, און די אלטע ארדנונג האט דערויף געענטפערט, גוט געענטפערט, צווישען אנדערע זאכען אויך מיט פאגראמען אויף יודען. אויף מיר האבען די פאגראמען קיין בעזונדערן איינדרוק נישט געמאכט: מיר האבען דאן געהאט אזאווארט, „קאנטר־רעוואלוציע" האט עס געהייסען, און דאס האט שוין ערקלערט אלעס גאנץ גענוי. אמת, איך האב נאך דעמאלט קיין פאגראם נישט געהאט איבערגעלעבט: אונזער שטאדט איז געשטאנען אויף דער רייהע.

איך בין געווען א מיטגליעד אין ארטיגען קאמיטעט פון איינער פון די פארטייען. דאס איז געווען פאר מיר וועניג: א געדאנק, שארף ווי א מעסער, האט זיך לאנגזאם און זיכער געשניטען אריין אין די טיפעניש פון מיין מח. וואס איז דאס געווען? איך האב נישט געוואוסט אויף קלאר און דערווייל נישט געוואלט וויסען. איך האב בלויז געהאט אזא געפיהל, ווי מיינע מוסקלען וואלטען ווערען וואס אמאל שטייפער, אנגעצויגענער, און איינמאל האט געטראפען, אז איך האב, אליין נישט וויסענדיג צו וואס, צעבראכען מיט מיינע פינגער אז אנלעהן פון א שטוהל אין איינעם פון די הייזער וואו איך האב געגעבען שטונדען, — און בין געבליבען שטעהן גאנץ צעמישט. א צווייט מאל האט מיך מיי־

— „וואס מינא? ...“ נער א שילער פערוואונדערט געפרעגט: און איך האב פערשטאנען, אז איך האב פערטראכטערהייט ארויס־געזעצט דעם נאמען „מינא“. און אויך האב איך פערשטאנען, אז הגם מיין געדאנק איז א י ן זאך און „מינא“ איז גאר א נאמען פון א מיידעל, ווערט אבער יענער געדאנק מיינער שטענ־דיג בעגלייט פון מינא׳ס בילד, פון די קלאנגען, וואס שטעלען צוזאמען דעם נאמען „מינא“, און פון יענעם בעזונדערן געפיהל פון בעדייטונג און וויכטיגקייט, וואס שפירט זיך שטענדיג אין דער לופט אין מינא׳ס אנוועזענהייט.

אויסער מיר איז אונזער קאמיטעט בעשטאנען פון פיער מענער און איין מיידעל. כ׳וועל נישט ווייס וואסערע אויגען די מענער האבען געהאט, נאר מינא׳ס זענען געווען בלויע, העל בלויע, און אין געוויסע מאמענטען פלעגען זיי ווערען טונקעל, שווארץ און ענדליך פינסטער און טיעף, ווי א תהום. שווארצע האר, א מע־סיגע, חנ׳עוודיגע פיגור און עטוואס לאנגזאמעס און ערנסטעס אין די בעוועגונגען.

אויף אונזערע מיטינגען האט זי זעלטען־ווען פיעל דעבא־טירט. אין צוויי־דריי ענג־געבונדענע פראזען פלעגט זי מאכען א פארשלאג אדער ארויסזאגען א מיינונג וועגען א סיטואציע און דערנאך בלייבען זיצען שטום און אויפמערקזאם, עטוואס פער־שמעלערט די קורצזיכטיגע אויגען. און זעהר אפט האט געטראפ־פען, אז נאכדעם ווי מיר האבען א לאנגע צייט מיט היציגע דע־באטען געוואשען די פראגע און זי געריינינגט פון מיספערשטענד־נישען, זענען מיר, א ביסעל פערוואונדערטע, געקומען צו דעמ־זעלבען געדאנק, פארמולירט אין מינא׳ס צוויי־דריי ענג־געבונ־דענע זאצען.

זי איז געווען א טאכטער פון א הויכען רוסישען בעאמטען. דאס איז אלעס, וואס מיר האבען געוואוסט וועגען איהר. ביי דער מיר פון דער קאנספיראטיווער קווארטיר פלעגט יעדער פון אונז אראבווארפען פון זיך זיין פערזענליך לעבען, ווי אז אויבערמאנ־טעל אין פארהויז.

ד.

אויף אונזער שטאָדט האָט זיך אָנגערוקט דער וואָלקען פון א פּאָגראָם אויף יודען. מאָרגע קלאַנגען האָבען זיך ארומגעטראָ־גען אין שטאָדט, שטילע און שאַרפע קלאַנגען, ווי דאָס צישען פון א שלאַנג. מענשען זענען אַרומגעגאַנגען מיט געשפּיצטע אויערען, מיט פלינקע און קרומע בליקען, און האָבען „געשריעבען" מיט די נעזער, ווי זיי וואָלטען געשפּירט עפּעס א פערדעכטיגען גע־רוך. אבער שטיל און פערביסען.

מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין א הייסען נאָכמיטאָג צו אַן עקסטרא מיטינג אין מינאַ'ס וואוינונג, וועלכע איז געווען צו גלייכער צייט אונזער קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר. די זיצונג האָט לאַנג נישט געדויערט: קורצע בעראַטונגען, קיינע דעבאַטען, און א בעשלוס — צו אָרגאַניזירען א זעלבסטשוץ ווי מעגליך שנעלער. אין פערלויף פון מיטינג האָב איך א פּאָר מאָל בעמערקט אויף זיך מינאַ'ס אויפמערקזאַמען בליק. און ווען די מיטגליעדער פון קאָמיטעט האָבען גענומען איינציגווייז זיך פאָנאַנדערגעהן, האָט זי מיר געגעבען א וואונק, איך זאָל בלייבען.

איך בין געבליבען שטעהן שוין מיט'ן הוט אויפ'ן קאָפּ, אָנ־געשפּאַרט מיט'ן רוקען און מיט ביידע הענד אָן טיש, ווערענד מינאַ, מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ און די הענד צונויפגעלעגט אויף איהר ברוסט, איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן צי־מער. מיר האָבען געשוויגען. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זיך אָבגעשטעלט און א קוק געטהון גלייך אויף מיר. זי איז געווען בלאַס, זעהר בלאַס, און איהרע אויגען — שוואַרץ און פינסטער, ווי בלויז מינאַ'ס אויגען האָבען געקאָנט זיין.

מיר איז קאַלט געוואָרען. מאָמענטאַל, ווי בעלויכטען פון א שטאַרקען און פּלוצלינגען אויסברוך פון פייער, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרען מיין גערענק: צו ווערען איינע פון די „ראָקע־טען", וואָס בעלייכטען דעם וועג פון דער רעוואָלוציע — און בע־צאָהלען דעם פּרייז דערפאַר.

און מינא האָט עס פערשטאַנען די ערשטע! זי האָט עס געזעהען אויף מיין געזיכט, ווען עס איז פאַר מיר אַליין נאָך קלאָר נישט געווען. פאַרוואס?...

— בעשלאָסען? — האָט זי געפרעגט אין אַ ווײַלע אַרום, מיט אַ האַלב פערשטיקטער שטים.

— בעשלאָסען. — האָב איך געלאָסען און פעסט געענטפערט, פיהלענדיג אַז דער בעשלוס ווערט אַנגענומען אין דערזעלבער סעקונדע.

זי האָט אויף מיר געקוקט אַ ווײַלע און ווידער גענומען אַרומגעהן איבער'ן צימער. אין אַ פּאַר מינוט אַרום איז זי געווען רוהיג און ערנסט ווי שטענדיג.

— איבריגענס, מיר וועלען זיך דאָך נאָך זעהן, — האָט זי געזאָגט און מיר געגעבען איהר האַנד.

געהענדיג אַהיים צו זיך און צו מיין מוטער, האָב איך גע־פיהלט, אַז אַלע אברים אין מיר זינגען. דערצו האָב איך געטראַכט, ווי מאָדנע עס איז דאָס מזל פון אַ מענשען, וועמעס לעבענסוועג, וואהרשיינליך זעהר אַ קורצער, ציהט זיך פון איין פרוי, וועלכע ער האָט כמעט, צו אַ צווייטער, וואָס ער פאַנגט אַן זי צו ליע־בען. —

איידער איך בין אַריין אין טיר פון מיין וואוינונג, האָב איך געוואָרפען אַ בליק אויף די שטאָדט. די זון האָט געהאַלטען ביי'ם אונטערגאַנג, און אַ לייכטער, צאַרטער שלייער, געשפּינט פון גאָלד און פריעדליכקייט, איז געליגען אין ווייכע פאַלבען אויף גאַסען און הייזער. אונזער שטאָדט איז געווען אַ שענע שטאָדט.

ה.

מיר האָבען פערשפּעטיגט. שוין אין דערזעלבער נאַכט האָט אויסגעבראָכען דער פּאָגראָם. פּלוצים, ווי אַן עקספּלאָזיע פון אַ פּאַר'אוים אונטערגעלעגטער מינע, און גראָד אין דער געגענד וואו איך האָב געוואוינט.

די ערשטע געשרייען האָבען זיך נאָך געפּלאָנטערט צו מיי־

נעם עפּעס אַן אונקלאָרען חלום. דערנאָך האָב איך פּלוצים פאַר־שטאַנען, בין אַראָב פון בעט ,האָב אַנגעצונדען פייער און זיך גע־נומען אויף שנעל אַנטהון. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיין מו־טער אויפגעזעצט אויף איהר בעט און האָט אויף מיר אַ מאָדנעם קוק געטהון.

מיר איז געוואָרען אונהיימליך. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי קוקט אויף מיר קאַלט און איראָניש, ווי עס וואָלט זיין אַ פּאַגראָם אויף מיר און נישט אויף איהר. אַ ווײַלע בין איך גע־בליבען שטעהן, האַלב אַנגעטהון, און האָב אַ צעמישטער געקוקט אויף איהר. און אַט אין דער ווײַלע האָט דאָס הויז אַ ציטער געטהון, ווי אין די אָרעמס פון אַ שטורם.

די פענסטער האָבען געפּלאַצט מיט אַ קלינגעריי, עס האָט זיך אויפגעבראָכען איין טיר נאָך דער צווייטער, און צוזאַמען מיט אַ שוימענדער וועל פון צעריסענע געשרייען און געוויינען פון גאַס האָט זיך אַריינגעריסען צו אונז אַ באַנדע פּאָגראָמשטשי־קעס.

איך בין אַ שטאַרקער מאַן. אָבער — ביז יענער נאַכט איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען זיך צו שלאָגען, ערנסט, מיט כעס. ביז יענער נאַכט האָב איך נישט געוואוסט פון אמת'ן כעס, וועלכער פאַר'שכור'ט, ווי שטאַרקער וויין; פון כעס, וואָס קאָכט אויף מאָמענטאַל ערגעץ אין בלוט, טהוט אַ שטראָם איבער'ן גאַנצען קערפּער, אַ זעץ אין קאָפּ אַריין און פערפּלייצט אַלע רעיונות. און ווען די פּאָגראָמשטשיקעס — פערשיעדענע: יונגע, עלטערע, מיט „היימיש" געוועהר און גאָר אָהן געוועהר — זענען אויף מיר אַנגעפאַלען, האָב איך זיך תחלת געוועהרט קאַלט און אין דערזעלבער צייט אַ ביסעל צעטומעלט: איך האָב, דאַכט זיך, נישט רעכט פערשטאַנען, וואָס מ'וויל פון מיר. נאָר פּלוצים, פון עפּעס אַ קלייניגקייט — מיר דאַכט, עמיצער האָט צעבראָכען מיין שרייבגעצייג מיט אַ וואָרף אַן די ערד — האָט אַ שטאַרקע היץ אַ בריה געטהון מיין גאַנצען קערפּער, אין קאָפּ האָט אַנגעהויבען צו שווינדלען און מיין האַנד האָט זיך אויפגעהויבען פון זיך

אליין. געגענ'איבער מיר איז געשטאַנען אַ קליין־געוואַקסענער גוי, פון אונבעשטימטער עלטער, מיט אַ מאַגערן, בלוטלאָזן געזיכט, מיט האַרטע געלע וואַנסען און קליינע, שפּיציגע אייגלעך, פול מיט קאַלטער רציחה. איך געדענק, אַז אויף דעם דאָזיגן פּרצוף האָב איך עס אַראָבגעלאָזן מיין פויסט און דערביי נישט געקענט צוריקהאַלטן אַ מאָדנעם ברום, ווי אַ צעווילדעטער אָקס. דערנאָך האָט זיך אַלעס געדרעהט אַרום מיר און אין מיר, געדרעהט זיך שנעל און היים, און איך האָב געהאַט אַ משונה הנאה.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט. מיין כעס און הנאה זענען געוואַקסן אין דערזעלבער מאָס, אין וועלכער מיינע קרעפטן האָבן בענעגענט ווידערשטאַנד און איהם גובר געווען. אין דערזעלבער צייט האָט צו מיר געגרייכט פון ערגעץ זעהר ווייט אַ גרילצענדע, איינגעגעסענע שטים, ווי דאָס זשומען פון אַ מאַסקיטע, און אַבגעריסענע ווערטער אין רוסיש: „מ'דאַרף נישט... מ'דאַרף נישט... בינדען... בינדען... בינדען...״ דער ווידערשטאַנד האָט גענומען וואַקסען שנעל, — שנעלער פון מיינע קרעפטן, פון אַלע זייטן, פון אויבן, פון אונטן, דערנאָך איז ער פּלוצים פערגליווערט געוואָרן אַרום מיין גאַנצן קערפּער, ווי אַ שטיינערנע הויט. די הנאה איז פערשוואונדען, און כעס, הוילער העלישער כעס, האָט גע'שרפ'עט מיין ברוסט און געטריקענט מיין האַלז. ביסלעכווייז איז ער געוואָרן פערקיהלט, פערפרוירען און איז געבליבען ליעגן אויף מיין האַרצען, ווי אַ שווערע, שפּיציג שטיק אייז. איך בין געקומען צו זיך.

איך בין געליעגען אויף דער ערד אַ געבונדענער, כמעט אַ פערפאַקטער אין שטריק, צעוואונדעט, צעבלוטיגט, און נאָהנט אַרום מיר האָט אַרומגעטאַנצט דער קליינער גוי מיט די שטעכיגע אייגלעך, אָבער מיט אַ שרעקליך פערבלוטיגט און פערענדערט געזיכט. בלויז האָב איך בעמערקט אויך אויף די פּנימ'ער פון די אַנדערע ברואים, וואָס האָבען זיך געשטויסען אַרום מיר. מ'האָט מיך אויפגעהויבען פון דער ערד, ווי אַן אַנגעפּילטען

זאק, און צוגעבונדענע צום צופוסען־ווענטעל פון מיין מוטער׳ס בעט.

מיין מוטער! ערשט איצט האב איך זיך דערמאנט אן איהר. זי איז אראבגעשפרונגען פון בעט, קענטיג — מיר צו הילף. איצט האט מען זי געשלעפט צוריק צו׳ם בעט, וואו איך בין געשטאנען געבונדען.

איך האב זי כמעט נישט דערקענט. אין איין העמד. ברייטע, מאגערע ביינער. ווילד צעשויבערטע גרויע האר און פינקלענדע אויגען. די צייהן צוזאמענגעדריקט און — שטום. מ׳האט זי אריינגעשליידערט אין בעט, אנטקעגען מיר.

ו.

שטעלט אייך פאר:

וואס איז א האר — איין איינציגע גרויע האר — אויסגעריסען פון א קאפ? גארנישט, לחלומין גארנישט. — און צוויי האר? און א פאסמע, אויסגעריסען מיט איין מאל? און א סך פאסמעס לאנגע, גרויע האר? — פכע! גארנישט מיט גארנישט.—

געווים: אז מ׳ברעכט ביינער, קנאקען זיי. אבער אז מ׳ברעכט שטעקלעך, טרוקענע האלץ און — ווייס איך וואס נאך? — קנאקט עס אויך, דאס איז א „נאטירליכע ערשיינונג“. —

שטעלט אייך פאר:

וואס זענען צוויי אלטע, איינגעשרומפענע בריסטען? — פלייש. שטאף איז עס. עס בעשטעהט פון געוויסע „עלעמענטען“ — אט פרעגט א כעמיקער. און ווען אפילו דאס זענען די בריסטען פון אייער מוטער, — צוויי צניעות׳דיגע בריסטען, וואס האבען אייך אויסגעזויגען, און וועלכע איהר האט קיין איינציג מאל נישט געזעהען אויפגעדעקט פון אייער קינדהייט אן? און ווען אפילו מ׳רייסט זיי אויף שטיקלעך מיט שמוציגע פינגער פאר אייך אין די אויגען? —

זאגט מיר, איך בעט אייך:

וואס ווייסט די נאטור, דער ו ו ע ל ט א ל, ווענען שמוץ

און שאַנד? — נישטאָ אין וועלטאַל אַזעלכע זאַכען, ווי שמוץ און שאַנד.

א. געוויס: קיינמאָל, קיינמאָל נאָך איז אַ מענשליכער קערפּער, דער פיינער קערפּער פון מענש און פרוי, אַזוי נישט בעשפּיגען און ערניעדריגט געוואָרען! אָבער—וואָס אַרט עס מיך! וואָרים — וויסען זאָלט איהר זיין: נישטאָ אין דער נאַטור אַזאַ זאַך, ווי שמוץ און שאַנד. —

עס נעהמט אַוועק אַ יאָהר און צוויי, און צעהן, און הונדערט און צוויי הונדערט. ווי איז עס מעגליך? ווי איז עס מעגליך, איך זאָל אַזוי לאַנג לעבען? קאָן דען אַ מענש אַזוי פיעל לעבען? —

מאַמע: טהו אַ געשריי, נו — טהו אַ געשריי! אַ קלאָג אויף דיר! וואָס מיינסטו — עס זענען דיר יענע יאָהרען, ווען דו פלעגסט מיך שלאָגען מיט אַזאַ רשעות און דערביי שווייגען!... האַטש איין געשריי, האַטש אַ קרעכץ! אַ, גאָט! — — —

יאָהרען נאָך יאָהרען. — — —

איהר זעהט אַן־דאָרטען דאָס פערבלוטיגטע פּנים? דאָס איז דאָס ערשטע מענשליכע פּנים, וואָס איך האָב דערזעהען ביי'ם אויפטאָג פון מיין לעבען. אַ שטרענג, אַ פערוואָלקענט פּנים, אָבער — דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געזעהען אין מיין לעבען. די פרוי מיט אָט דעם פּנים פלעגט מיך שלאָגען, און איך האָב זי פיינד געהאַט. און נאָך איצט האָב איך זי פיינד, און נאָך מעהר ווי פריהער, און מיין שנאה שטיקט מיך צו'ם דערוואָרגען ווערען. וואָרים פאַר וואָס דען, אויב נישט אויס האַס, קוק איך צו מיט אַזאַ דאָרשט, ווי דאָס פּנים ווערט פערענדערט פון מינוט צו מינוט? פאַר וואָס פערמאַך איך נישט די אויגען, פאַר וואָס קריכען זיי פון מיין קאָפּ, מיט אַזאַ וועהטאָג, מיט אַזאַ ברענענדער נייגעריגקייט? — גוטע, ליעבע מענשען: שטעכט מיר אויס מיינע אויגען. וואָס קאָן עס אייך אַרען? איין שניט מיט אַ מעסער, רינען זיי אויס, — אָט די צוויי בלעזלעך מיט וואַסער, אָט די — אָט די — פערשאָלטענע צוויי בלעזלעך מיט וואַסער, וועלכע איך דאַרף, כ'לעבען, נישט האָבען. איהר לאַכט! איהר זענט

פרעהליכע מענשען, זעהר פרעהליכע מענשען, אבער — שטעכט זיי אוים, וואס קאן עס אייך ארען? —
יאהרען און יאהרען.

ז.

דער קליינער גוי האט געזאגט:

— די אלטע כלב'טע וויל אלץ ניט שרייען. לאזט מיך נאר צו נעהנטער צו'ן איהר.

עס האט געדויערט א ביסעל, דערנאך האב איך דערהערט א קול. דאס איז געווען א קרעכץ, א געוויין, א געשריי — אלעס צוזאמען, און ווערטער אין דעם געשריי, און הגם די שטים איז געווען הייזעריג און ווילד־פערענדערט, האבען דאך די ווערטער אבגעקלונגען אין מיינע אויערען קלאר און אויסדריקליך, ווי לאנג־זאמע, אבגעטיילטע קלעפ אין א גלאק:

— אוי, מיין זוהן!

צו'ם ערשטען מאל אין איהר לעבען.

א שוויים ווי א רעגען האט א גאס געטהון פון מיין שטערן און האט אנגעפילט מיינע אויגען. איך האב זיך א ריס געטהון מיט אלע קרעפטען, און די שטריק האבען זיך איינגעשניטען טיעפער אין מיין לייב. גאט האט זיך איבער מיר דערבארמט אויף א ווייל: דער קאפ האט זיך מיר פערדרעהט, און כ'האב פערלוירען מיינע געדאנקען. אבער איך האב נאך צייט געהאט צו הערען א געלעכטער ארום מיר.

דערנאך בין איך געקומען אויף א מינוט צו זיך, און ווידער האט דער קליינער גוי געזאגט:

— גענוג. זאל זי ביסלעכווייז אוועק'פגר'ן פאר איהם אין די אויגען. און איהם וועל איך איבער'צלמ'ן, כדי צו ראטעווען זיין זשידאוווסקע נשמה פון גיהנם.

איך האב דערפיהלט צוויי טיעפע שניט אויף מיין שטערן, איינעם איבער'ן אנדערן, און האב ווידער דערהערט א געלעכטער.

א קליינער ווארעמער שטראם איז אראבגעלאפען פון מיין שטערן איבער דער נאז און איז אריינגערונען צו מיר אין מויל.
איך האב נאכאמאל פערלוירען די געדאנקען.

ח.

אבסאלוטער חשך. אבסאלוטע שטילקייט. קיין איינציגער איינדרוק פון דרויסען, קיין פעסטער פונקט פון אינווענינ. בלויז עפעס אן אומרוהיגקייט, א שווערע אומרוהינקייט און א גרויסע אנשטרענגונג צו געפינען עפעס א וועלכען עס איז פונקט.
א ווארט האט פערבלאנדזשעט אין די דאזיגע וועלט פון תהו ובהו, א קליין ווארט: „וואס?...“ און דריי מאל: „וואס? וואס? וואס?...“ און צוואנציג מאל „וואס“, און דאס ווארט וואקסט און פערשפּרייט זיך, און פערמעהרט זיך ,און עס ווערט פון דעם: „וואס איז דא?... וואס איז ארום?... וואס איז איך און וואס איז אויסער איך?“... און פּלוצים — א שארפע ליכ־טינקייט מיט א שטארקען וועהטאג צוזאמען ביי מיר אין קאפּ. דריי ווערטער שטעקען אין מיין מח ,ווי א דינע, לאנגע נאדעל, אריינגעשטאכען פון איין אויער ביז צו'ם צווייטען: „אוי, מיין זוהן!“
מאמענטאל בין איך געקומען צו מיינע געדאנקען.
נאכט. די לאמפּ איז אויסגעגאנגען, אדער זיי האבען זי אויסגעלאשען פאר'ן אוועקגאנג. איך שטעה צוגעבונדען צו'ם בעט, און אויף מיין שטערן, פיהל איך, ברענט א וואונד, ברענט שארף און מאכט פערגעסען אן די אנדערע וואונדען. פון שטאדט גרייכען אהער פערשיעדענע קולות; די שטאדט שרייט אין מיטען דער נאכט, שרייט פערדומפּען, מיט פּלוצלינגע שארפערע אויס־בריכען פון צייט צו צייט, ווי א ווייטע שרפה. נישט ווייט פון מיר, אויפ'ן בעט, צאפּעלט זיך עפּעס אין דער פינסטער.
— מאמע!
שטיל.
— מאמע?

קיין ענטפער. מיין קול דערגרייכט נישט אהין, אין יענע וועלט פון יסורים, וואו עס שוועבט ארום איהר שטרענגער, רוי־הער נייסט. „אוי, מיין זוהן" האט זי מיך גערופען. יא, איהר זוהן, דען — יעדער טראפען בלוט, וואס זי פערלירט אצונד, פליסט ארייין דורך אומבעקאנטע וועגען אין מיינע אדערען און צינדט דארט אן א העליש פייער. „אוי, מיין זוהן!" — א שווערער האַ־מער הייבט זיך לאנגזאם און אהן אויפהער ארויף און אראב, און פאלט יעדעס מאל אויף מיין קאפ, און — גאנצע וועלטען פאַ־לען אין חורבות.

ט.

— וואס איז עס אויף דיין שטערן?

— דאס איז אום צו ראטעווען מיין נשמה פון די יסורים פון גיהנם, — ענטפער איך.

זיי שאקלען מיט די קעפ און הויבען אן זיך פאנאנדערצור־געהן. איך ווער אומרוהיג.

—ווארט, — זאג איך, — איך וועל אייך ערקלערען.

זיי שאקלען מיט די קעפ און ווערען פערשוואונדען.

— —

„איך בין דער גאט, וואס האט דיך פון מצרים ארויסגע־צויגען!"

„ק י י נ ע אנדערע געטער צוזאמען מיט מיר!"

„אן אל קנוא ונוקם בין איך — און פערלאנג פון דיר:

זיי עפעס!"

דער אטהעם פון שטורם ציהט זיך איבער דער אויפגעטרייי־סעלטער מחנה. די שקלאפישע קערפערס ציטערען, ווי אונטער דער בייטש, אבער די טונקעלע, מאגערע געזיכטער און די שוואר־צע פיעבערישע אויגען צינדען זיך אן מיט'ן רויטען פייער, וואס בעקרוינט דעם קאפ פון בארג.

— —

„אוי, מיין זוהן!" האט זי געזאגט. בזה הלשון: „אוי, מיין זוהן".

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס טאגט.

דער קאפ איז פוסט און גרויס, ווי א פאס. מ'וואלט בעראפט אוועקגעהן פון דאנען. יא, אוועקגעהן; אבער — אהא, די שטריק. מ'קאן געפינען א מיטעל. עס מוז זיין עפעס א מיטעל. אזא — אזא — מיטעל.

איך שטרענג זיך אן צו ברענגען מיינע געדאנקען האטש וויפיעל עס איז אין ארדנונג.

אט איז אן אייזערנער נאגעל. אין ווענטעל פון בעט, צו וועלכען איך בין צוגעבונדען, איז ארייגעשלאגען און האלב פער־בויגען א נאגעל מיט א ברייט קעפעל. ווי קומט אהער א נאגעל? דאס איז נישט וויכטיג, אבער מיט דעם נאגעל קאן מען — וואס קאן מען מיט דעם נאגעל?

איך האב זיך אזוי לאנג גערדעהט און געווארפען ביז מיר האט זיך איינגעגעבען צוצורוקען איינעם פון די שטריק צו'ם נאגעל. דאן האב איך גענומען רייבען מיט'ן שטריק איבער'ן שארפען אייזערנעם קעפעל.

שטונדען זענען פארביי. איך בין געווארען דול און האב קוים געוואוסט וואס איך טהו, אבער איך האב מיין ארבייט, קענ־טיג, פארטגעזעצט מיט דער פינקטליכקייט און עקשנות פון א מאשין. עס איז געקומען אזא מינוט, און די שטריק האבען עט־וואס נאכגעגעבען. נאך און נאך א ביסעל אנשטרענגונג, — און ביי מיינע פיס זענען געליגען צעריסענע, צעריבענע שטריק, ביי מיינע פיס זענען געליגען צעבראכענע שארבענס פון געטער.

י.

איך האב זיך אנגעבויגען איבער'ן בעט. דארט האט נאך אלץ געפיעבערט עפעס אזעלכעס, וואס האט ניט געהאט קיין שום עהנליכקייט צו קיין מענשען, אבער דאס קרעכצען איז שוין גע־

ווען אזוי שטיל, אז מיין אויער האט עס קוים געהאפט. איך האב שטיל ארויסגערעדט: „מאמע"..... מיין אטהעם האט געגרייכט צו דער וואונד, וואס איז אמאל געווען א געזיכט, און איך האב נאכאמאל געזאגט: „מאמע!"...

א בעוועגונג איז פארגעקומען איבער דער וואונד, און עפעס האט זיך געעפענט. איך האב זיך גוט איינגעקוקט: דאס איז געווען אן אויג. א י י ן אויג, — דאס אנדערע איז אויסגערונען. דאס אויג איז געווען ארומגעזאמטען מיט בלוט, אבער עס האט נאך אלץ געפינקעלט, ווי א טליענדע קויהל.

האט עס מיך דערקענט? — כ'ווייס נישט. מיר האט זיך געדאכט, אז יא. מיר האט זיך געדאכט, אז עס קוקט אויף מיר מאט א פראגע און א שטרענגען פערלאנג. „יא, יא, עס וועט זיין רעכט!" האב איך געזאגט הויך און ערנסט, נישט ווימענדיג אויף קלאר, וועגען וואס איך רעד.

דערנאך האב איך זיך אומגעקוקט אין צימער. צווישען די אנדערע שטיקער פונ'ם צעבראכענעם מעבעל איז געליגען א פיסעל פונ'ם טיש. עס איז געווען קיילעכדיג, דיק און געטאקט. עס האט געטויגט.

איך האב אויפגעהויבען דאס טיש־פיסעל און מיט מיין גאנצער קראפט האב איך עס אראבגעלאזען אויף דאס גליהענדע אויג. דאס פערבלוטיגטע „עפעס" האט געגעבען איין־איינציגען צוק און איז געבליבען ליעגען ווי א שטיין. נישטא מעהר דאס גליהענדע אויג.

א קורצער שלוכץ מיט עפעס א מאדנעם, באלד פערשטיקטען בריל האבען דערגרייכט צו מיין אויער. אבער דאס איז געווען אהן מיין ווילען, איך פערזיכער אייך. דערצו איז די שטים געווען אזוי פרעמד, דאס איך בין ניט זיכער, אז זי איז געווען מיינע. —

ווען איך בין ארויס אין גאס, האט די זון געהאלטען ביי'ם אונטערגעהן, — די אלטע זון, וואס האט דא געשפינט איהר גאלד מיט טויזענד יאהר צוריק. ווער האט עס געזאגט, אז טויזענד

יאהר איז מעהר פון איין מעת־לעת? — איך בין אלט געווען טוי־זענד יאהר.

יא.

עס קומען די טונקעלסטע טעג אין מיין לעבען.

די שטאדט האט איבערגעלעבט א מין קדחת. שרפות. רציחות. בלוטיגע געשלעגען און א שיסעריי אין די גאסען. עס האט זיך, קענטיג, דאך ארגאניזירט א זעלבסט־שוץ, שוין אונטער׳ן פייער פון׳ם פאגראם.

וואס האב איך געטהון דעמאלט? איך וויים נישט. אט האב איך זיך געפונען אין די רייהען פון זעלבסט־שוץ און אט — אין דער מאסע פון די פאגראמשטשיקעס. איך האב זיך געפיהלט, ווי א בלעטעל געטראגען פון שטורם. אויף מיין שטערן האט געברענט דער צלם. אין מיינע אויערען האט געקלונגען: „אוי, מיין זוהן!״

אויב איך האב נישט קיין טעות, האב איך איינמאל בעגעגענט מי י ן גוי, — דעם גוי וואס האט, לכל הדעות, געהערט צו מיר אליין. איך האב געהאט אזא געפיהל, אז אויב איך וויל, מעג איך איהם געהמען און ארויבלאזען צו מיר אין קעשענע. ער איז געווארען בלאס און איז, קענטיג, נישט אימשטאנד געווען צו ריהרען זיך פון ארט. איך האב איהם אבער נישט גענומען. ער האט גארנישט גיט געוועקט אין מיר. איך האב איהם בלויז פריינדליך א קלאפ געטהון איבער דער פלייצע און פרעהליך צוגעוואונקען צו איהם מיט איין אויג. איך האב נישט בעמערקט, אז דאס זאל איהם געווען האבען צוגענעבען מעהר מוט.

א צווייטע סצענע איז פערבליבען אין מיין זכרון.

אז אלטער יוד לויפט איבער דער גאס, און נאך איהם — א יונגער שייגעץ פון א יאהר זעכצעהן מיט א האק אין האנד. דער שייגעץ דעריאגט דעם אלטען און מיט איין קלאפ שפאלט ער איהם דעם קאפ. און אז דער אלטער פאלט, דריקט דער שייגעץ צו מיט זיין שטיוועל דעם געעפענטען קאפ.

אין דער רגע לויפט אז א יודישער יונגערמאן מיט א רע־

וואלווער אין האנר. א בלאסער יונגערמאן. א מאגער געזיכט. ברילען.

זיי לויפען, און איך — נאך זיי. דער יונגערמאן שיסט אויס און טרעפט נישט. דער שייגעץ פערלאזט די אפענע, ברייטע גאס און לאזט זיך אין א הויף אריין. איך האב זיך אן עפּעס פערטשעפּעט און בין געפאלען.

ווען איך בין אריין אין הויף, איז דער שייגעץ געשטאנען אין א ווינקעל, מיט'ן רוקען אנגעשפּארט אן פּלויט. זיין כמעט קינדערש געזיכט איז גרין געווארען, די גרויע אויגען זענען געווען גרויס און קיילעכדיג, און די צייהן זיינע האבען געקלאפּט שנעל און דראבנע.

דער יונגערמאן איז געשטאנען הארט נעבען איהם מיט'ן רעוואלווער אין דער אויפגעהויבענער האנד, אבער זיין פּנים איז געווען נאך בלאסער ווי פריהער. ער האט געקוקט אויפ'ן ווילדען שרעק פון יונגען בלום און פלייש, געקוקט א ווייל, דערנאך האט ער צוגעשטעלט דעם רעוואלווער צו זיין אייגענעם קאפּ און האט אויסגעשאסען.

אין דעם שייגעץ'ס אויגען איז פערלאשען געווארען די לעצטע שיין פון זינען. ער האט זיך צוגעזעצט צום קערפּער, וואס האט געצוקט נעבען זיינע פיס, האט זיך ווידער אויפגעהויבען און מיט א משוגענעם געשריי איז ער אריבערגעשפּרונגען איבער'ן טויטען און איז ארויסגעלאפען פון הויף.

ביי מיר האט זיך ארויסגעריסען א הויך געלעכטער. מיין פּוס האט זיך אליין אויפגעהויבען און א בריק געטהון דעם פערבלוטיגען פּגר, וואס האט זיך צוזאמענגעדרעהט אויף דער ערד, ווי א צעטראטענער ווארם.

יב.

דאס האט געדויערט טעג און נעכט. איך ווייס נישט וויפיעל, און איין אווענד בין איך געשטאנען נעבען א טיר און האב געקלאפּט אין איהר אויף א געוויסען אופן. דאס איז געווען א ציי־

כעז, אז עס געהט א היימישער. וואס איז דאס געווען פאר א סיג־נאל? צו וואס האט ער גערינט און פון וואנען האב איך איהם געוואוסט? ... איך האב זיך די דאזיגע פראגען נישט געשטעלט, ווי מ'שטעלט זיך נישט אזעלכע פראגען אין א חלום. די טיר האט זיך געעפענט, און איך האב דערזעהן מינא'ן.

א בליץ האט זיך אנגעצונדען ביי מיר אין מח, און אויף א רגע האט מיך אנגענומען אן אימה. איך האב פערשטאנען, וואו איך בין און וואס איך וועל טהון. און באלד אויף דער שטעל בין איך געווארען רוהיג.

זי האט מיך נישט גלייך דערקענט, דערנאך האט זי זיך א טרייסעל געטהון, האט מיך אנגעהאפט ביי א האנד און מיך אריינגעשלעפט אין צימער. איך האב געלאזען אוועקזעצען מיך אויף א שטוהל.

זי האט געקוקט אויף מיין קאפ און אויף מיין שטערן, וואו דער צלם האט געברענט, און האט געשוויגען. דערנאך האט זי געזאגט מיט א פערדומפפען קול:

— דערציעהלט.

איך האב איהר דערציעהלט. כ'האב דערציעהלט גערן, געלא־סען, אלעס. די יסורים פון מיין מוטער — מיט מאנכע שענדליכע איינצעלהייטען. אויף איהר געזיכט האבען זיך געביטען די קא־לירען רויט, ווייס, גרין און געל. ווען איך האב געענדיגט, האב איך זיך פערנייגט פאר איהר מיט אן אנגענעהם שמייכעלע. זי האט עס קוים בעמערקט און האט איינגעגראבען איהר געזיכט איןביידע הענד, דערנאך האט זי אבגעדעקט איהר פנים, וועל־כעס איז געווען פערוויינט, — אמת'ע טרערען, אויף מיינע נאמנות: נאסע, ווייכע און, איך געה אין געוועט, אזעלכע וואַ־רעמע! — האט זיך אראבגעלאזען פאר מיר אויף די קניע און גענומען מיין האנד. מיין שמייכעלע איז געווארען ברייטער. דאס מאל האט זי עס דערזעהען, האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון דער ערד און אנגעהויבען ארומצוגעהן היין און צוריק איבער'ן צימער, ווארפענדיג אויף מיר אומרוהיגע בליקען. איך בין מיר געזעסען

און האָב געשמייכעלט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, זעהר אַנגענעהם.

ענדליך האָט זי ביי זיך גע'פּועל'ט אַנצו־ווענדען עפּעס אַ מיטעל, וועלכעס זי האָט, קענטיג, געדעכענט פאַר זעהר שאַרף. זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטוהל געגענ'איבער מיר און האָט שטיל געפרעגט:

— און אייער בעשלום?...

מיין בעשלום? וועלכער בעשלום?... וואַרט אַ ווײַלע... יאַ, מיט יאָהרען צוריק, מיט אַ סך יאָהרען צוריק, האָב איך אָנ־גענומען עפּעס אַ בעשלוס, זעהר אַ וויכטיגען בעשלום, אָבער — ווענען וואָס?... און פּלוצים האָב איך זיך דערמאַנט.

איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט איהר אין פּנים אַריין. באַלד דערנאָך בין איך געוואָרען ערנסט און האָב איהר אַ קוק געטהון גלייך אין די אויגען. זי איז געוואָרען ווייס, ווי לייוועגד, און איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל. איך בין אויך אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט לאַנגזאַם און רוהיג.

איך האָב זי פערגוואַלטיגט.

זי האָט זיך געוועהרט, ווי מיין מוטער. אָבער וואָס האָבען געקלעקט איהרע קרעפטען געגען דעם מאַן מיט'ן צלם אויפ'ן שטערן? אויף איהר פּנים איז אַנגעגאַנגען אַ מורא'דיג שפּיעל פון פלאַמענדער רויטקייט און בלייכקייט פון אַ מת. געשריגען האָט זי נישט; זי האָט צעביסען איהר אונטערשטע ליפּ. זי האָט זי צעקייט און געשלונגען דאָס בלוט. און איך האָב געטהון מיין אַרבייט. מיט אַלע ערניעדריגענדע איינצעלהייטען. דאָס האָט גע־דויערט לאַנג.

דערנאָך האָב איך זי דערשטיקט. דאָס האָב איך געמאַכט קורץ און שטירמיש. איך האָב אַריינגעגראָבען מיינע פינגער, לאַנ־גע, ביינערינע פינגער, אין איהר ווייסען האַלז. זי איז געוואָ־רען רויט, בלוי און באַלד דערויף שוואַרץ. עס האָט גיך גענומען אַן ענד.

איך האָב זיך אַ וואַרף געטהון אויף אַ שטוהל און במעט

אין דערזעלבער רגע בין איך אנטשלאפען געווארען, ווי איך וואלט מיט א מאל פערזונקען אין א טיפע וואסער. קיינע חלומות.

יג.

אז איך האב ערוואכט, האב איך בעמערקט, אז דאס סמעטערין־ליכט אויפ׳ן טיש איז כמעט נישט קלענער געווארען. איך בין געשלאפען, וואהרשיינליך, נישט מעהר ווי פופצעהן מינוט. אבער איך בין געווען פריש, מונטער און רוהיג. דער אויסגעשריי: „אוי, מיין זוהן!" האט מיך ביז היינטיגען טאג נישט פערלאזען, אבער פון דאן אן איז ער געווארען ווייכער, מיטרליכער. מיין מאמע׳ס נשמה האט געפונען א תקון.

אונזער קאנספיראטיווע קווארטיר איז געווען איינגעארדענט בעקוועם, כמעט עלעגאנט, אום אויסצומיידען יעדען חשד. איך בין אריין אין טואלעט־צימער און האב זיך גוט אבגעוואשען דעם קאפ און די הענד. דער שפיגעל האט מיר געוויזען, אז איך בין גרוי. איך האב ענדליך דערזעהען אט דעם צלם, וועלכען איך האב די גאנצע צייט בלויז געפיהלט. די וואונד האט מעהר נישט וועה געטהון, זי האט בלויז א ביסעל געביסען.

תחלת האב איך געוואלט נעהמען א מעסער, אבשניידען א פאס פון שמערן און — אבמעקען דעם צלם. דערנאך האב איך זיך בעקלערט — זאל ער בלייבען. „לטוטפות בין עיניך"... הא! אזעלכע „טוטפות" האט עס אונזער אלטער, ליעבער גאט גע־מיינט?

יד.

איך בין קיינעם גארנישט שולדיג געווען און האב פאר קיין זאך נישט געוואלט צאהלען.

שוין דיזעלבע נאכט האב איך פערלאזען אונזער שטאדט. אין צוויי טאג ארום בין איך אריבער די דייטשע גרעניץ און האב זיך אוועקגעלאזען קיין אמעריקא.

דער ים האט מיך אויפגענומען מיט ענדלאזער ברייטקייט,

מיט רויהע ווינטען, מיט שארפען, נעזאלצענעם אטהעם. און גע־רעדט האט ער צו מיר פון וואונדערבארע זאכען, גערערט־גערעדט און געשווינגען־גערעדט. מיט פרייד און שטוינען האב איך איהם צוגעהערט, און נישט אין ווערטער וועל איך איבערגעבען, וואס ער האט מיר דערצעהלט.

במעט באלד נאך מיין קומען קיין אמעריקא האב איך זיך אוועקגעלאזען וואנדערן איבער׳ן לאנד. און די פרעהריע האט גענומען מיר פערטיימשען אויף איהר לשון, וואס דער ים האט געמיינט מיט זיינע רעד. א, די פרעהריע! איהרע נעכט, איהרע טעג! . . .

שוין באלד דריי יאהר זינט איך וואנדער ארום. און איך, ביי־נעבוירען קינד, שפיר, אז איך בין שוין גענוג קרעפטיג. אין גיכען וועל איך געהן צוריק צו׳ם ישוב.

און דעמאלט — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האב א קוק געטהון אין זיין זייט, אבער ער האט מעהר גארנישט געזאגט. אז מיר האט ער, קענטיג, פערגעסען.

און איך, א מענש וואס איז שוין יאהרען לאנג געווען דער׳־אויסען פון אלעם, האב געטראכט:

עס וועט אויפשטעהן א דור פון אייזערנע מענשען. און זיי וועלען אויפבויען דאס, וואס מיר האבען דערלאזען חרוב צו ווערען.

הויך.

רויך.

(געווידמעט דעם אָנדענק פון י. ל. פּרץ).

א.

פון ערשטען ציה איז ער געוואָרען טונקעל־רויט, ווי ער וואָלט אויפגעהויבען א משא, און איז זיך פערגאַנגען אין א שווערען הוסט. אָבער „גרויסע" האָבען ד א ד נערויכערט: עפּעס מוז זיין דערין. ער האָט זיך פער'עקשנ'ט — און זיך צוגעוועהנט.

דער פאָטער איז געווען אַן אָרעמער מלמד, און דערצו טאָרען יונגלעך נים רויכערן — האָט ער געקליבען „שטיקלעך".

שפּעטער, לערנענדיג אין קלויז, האָט ער שוין עפּטער געהאַט א פּעקעל טאַבאַק. ער האָט קיינעם קיינמאָל נישט אָבגעזאָגט א ציגאַר־טיטון ווען ער האָט געהאַט, און זיך נישט געשעמט צו בעטען ווען ער האָט נישט געהאַט.

ער האָט געהייסען מנשה.

פון קלויז האָט מען איהם גענומען פאַר אַן איידעם צו ר' שואל מאַראַוואַנער. ר' שואל איז פּערזענליך געקומען מיט'ן שדכן אין קלויז אריין. דער גרויסער יוד מיט די אָראָבגעהאַנגענע ברעמען האָט א ווײַלע בעקוקט מנשה'ן שווייגענדיג. דער בחור איז הויך, ברייטליך און קרעפטיג. דער חסידיש־סוחר'ישער האַלב־לאַנגער סורדוט וועט איהם פּאַסען אויסגעצייכענט. ר' שואל האָט א קוק געטהון צו'ן איהם אין ספר, געשטעלט א פּאָר פראַ־גען, פערפיהרט א שמועס סתם אין דער וועלט אריין, און גע־האָרכט מיט געשפּיצטע אויערען און קוקענדיג אַן א זייט דעם בחור'ס בעשיידענע, א ביסעל קירצליכע בעמערקונגען. דעם

שמועס האָט ער אָבגעבראָכען אינמיטען, אויפשטעהענדיג פון דער לאַנגער באַנק:

— נעהם דיינע תפלין. —

ב.

אין איינער פון די אינטימסטע מינוטען האָט איהם דאָס ווייבעל געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ טעם, אשטיינער, פיהלסטו אין דיין טיטון? גיב מיר אַ ציה טהון — לאָמיך אויך וויסען.

ער האָט ארויסגענומען פון זיין מויל דעם ברענענדיגען צונויפ־געדרעהטען ציגאַר־טיטון און איהם צוגעטראָגען צו איטע׳ס ליפּען. זי האָט אַ פּיפּקע געטהון, רעש׳דיג, אונגעשיקט, ווי מיט קי־שעלעך.

— פּ־פּע! — האָט זי זיך אָבגעהוסט. — רויך, און מעהר גאָר־נישט.

ער האָט געשמייכעלט.

— רויך, אָבער ס׳איז גוט.

— וואָס איז דאָ די גוטקייט? ביטער, און פערגעהט אין די אויגען.

ער האָט צוריקגעלאַכט.

— אָבער גוט, — האָט ער ווייטערהאָלט.

און אַ וויכער פון ברענענדער בושה און ברענענדער חוצה האָט פערדרעהט די צוויי יונגע מענשען אין זייגע פעלדען. —

ג.

דעם איבערגאַנג צו דער שפּע פון שוועהר׳ס הויז האָט ער אנגענומען אָהן קבצנ׳ישער זשעדנעקייט. בלויז אין איין־איינ־ציגער זאַך האָט ער זיך נאַכגעגעבען: ער האָט געברויכט דעם בעסטען טאַבאַק וואָס ער האָט נאָר געקענט קריגען. יונגעלייטלעך אין קלויז האָבען געוואוסט דערפון און האָבען זיך אָפט און גערן בענוצט מיט זיין טאַבאַק־פּושקע.

ר׳ שואל׳ס עלטערער איידעם, נחמיה, האט איהם אמאל אב־גערופען אין קלויז אן א זייט:

— וואס לאזסטו זיי אויסרויכערן דיין טיטון, די חזירים? ניש׳קשה, אליין קויפען זיי מאחארקע.

מנשה האט איהם רוהיג אנגעקוקט.

— ווי קאן מען אבזאגען יענעם א ציגאר־טיטון?

נחמיה האט געווארפען א פארזיכטיגען בליק ארום. איין איינעל האט זיך ביי איהם פערמאכט און דאס צווייטע האט אויפגעשיינט מיט חכמה.

— שוטה, וואס פערשטעהסטו דא נישט? טהו אזוי ווי איך: צוויי סארטען.

ער האט זיך פערחלינעט מיט א געלעכטערל.

מנשה האט דערויף גארנישט געזאגט, נאר קיין צוויי סאר־טען טאבאק האט ער נישט איינגעפיהרט.

ער האט פערבראכט אין קלויז, געלערנט אין דער היים און שפאצירט מיט׳ן שטעקען אין האנד. צייטענווייז פלעגט ער זיצען און שווייגענדיג זיך צוהערען צו געשפרעכען וועגען מסחר, וואס ר׳ שואל האט געפיהרט מיט יודען סוחרים. אין יענע יאהרען פלעגט מען „פאהרען קיין דאנציג“, אדער קיין לייפציג, אדער קיין קעניגסבערג. ר׳ שואל איז געווען פון די דאזיגע פאהרער קיין דאנציג. דעם עלטערען איידעם, נחמיה׳ן, האט ער געעפענט א שניטקראם: „זעץ זיך אוועק און מעסט לייוועגד“. נחמיה האט געוועז געפרובט א רעד טהון וועגען „דאנציג“, האט איהם דער שוועהר מיט בטול אוועקגעמאכט מיט דער האנד. מיט מנשה׳ן האט ער וועגען מסחר קיין ווארט נישט גערעדט. מנשה האט אויך געשוויגען. ביז איטע איז גע׳ליעגען געווארען און געבוירש א צווילינג — צוויי יונגלעך.

דעם אווענד נאכ׳ן דאפעלטען ברית האט דער שוועהר ארייג־גערופען מנשה׳ן אין א בעזונדערן חדר, האט איהם דערלאנגט א פעקעל אסיגנאציעס און געזאגט:

— פאהר.

מנשה האָט זיך אַביסעל געשראָקען.

— איך ווייס דאָך גאָרנישט וואָס און ווען...

— וועסט שוין וויסען. אז דו'סט פּטר'ן דאָס ביסעל געלד, וועסטו וויסען.

דאָס איז געווען חנוכה־צייט. ערב פּסח איז מנשה געקומען צוריק. מ'האָט פרעהליך פערבראַכט די ערשטע צוויי טעג יום־טוב און „דאַנציג" אפילו נישט דערמאָנט. ערשט אין אָוועגד פון צווייטען טאָג, מיט'ן אריינטריט פון חול־המועד, האָט ר' שואל איינגעלאַדען מנשה'ן צו זיך אין צימער.

— וואָס הערט זיך?

— איך ווייס שוין אַ ביסעל, — האָט מנשה געענטפערט און געוואָרען רויטליך.

ר' שואל האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

און נאָך פּסח האָט מנשה ווידער געקראָגען אַ פּעקעל אסיג־נאַציעס און איז אָוועקגעפאָהרען קיין דאַנציג. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער פאָהרען רעגעלמעסיג אויף צוויי־דריי חדשים יעדעס יאָהר, און מאַנכמאָל צוויי מאָל אַ יאָהר. —

ד.

מיט'ן גאַנג פון די יאָהרען זענען קינדער געווען פול אין אַלע ווינקעלער פון הויז. אייניגע האָבען געהאַלטען אין אונטערוואַקסען. אַנדערע האָבען אַרומגעפּויזעט, נייע זענען געבוירען געוואָרען. ר' מנשה — ער איז געוואָרען „רב" מנשה אונטער דער צייט — האָט צוגעקוקט און רוהיג געלאַכט. ר' שואל איז שוין נישט געווען, זיינע געשעפטען זענען איבערגעגאַנגען צו ר' מנשה'ן, ווי אויך דאָס אַלטע הויז מיט די ברייטע חדרים.

אין די חדשים פון יאָהר וואָס ר' מנשה האָט פערבראַכט אין מאַראַוואַן האָט ער געלעבט ווי פריהער: בעזוכט צוויי מאָל טעג־ליך די קלויז, בייטאָג געלערנט, אין אָוועגד געשמועסט פון געשעפט. איין ענדערונג האָט אויסלאַנד געמאַכט אין זיינע געוועהנהייטען: ער האָט גערויכערט ציגאַרען.

— אַ ציגאַר־טיטון איז אַ יונגעלשער עסק, — האָט ער שמייכ־לענדיג ערקלערט. — אַ יוד מיט אַ באָרד, אַ טאַטע פון קינדער, דאַרף רויכערן אַ ציגאַר. די דייטשען זענען נישט קיין נאַראָנים.

ציגאַרען זענען נישט געווען דאָס איינציגע וואָס אויסלאַנד האָט מיטגעבראַכט, נאָר דערפון האָט געוואוסט נאָר איטע אַליין. דאָס הייסט, ניט געוואוסט—געשפּירט. ווי אַזוי האָט ער דאָרט געלעבט אין דעם אויסלאַנד? וואָס איז דאָס אַזוינס איבער־הויפּט, דאָס דאָזיגע אויסלאַנד? — וועגען דעם האָט זי ניט גע־טראַכט, נאָר איהר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז דער יוד ווערט וואָס אַמאָל ברייטער און העכער, און ס'האָט זי געוואונדערט, וואָס די מאָס פון זיינע מלבושים ענדערט זיך נישט. ער האָט געהאַט אַזאַ טבע צו שמייכלען מיט די אויגען אַליין, און דער דאָזיגער שמייכלענדיגער בליק האָט זי אַריינגענומען אין זיך און זי מיט־געטראָגען ערגעץ אַהין, וואוהין ער האָט געפלאָסען רוהיג, טיעף, אַהן אָבשטעל, ווי דער גרויסער טייך וואָס איז יאָהר־איין יאָהר־אויס געגאַנגען פאַרביי דער שטאָדט אין די וויטע וועלט אַריין. דאָס האָט זי נישט געשראָקען; פערקעהרט, זי האָט זיך געפיהלט זעהר געזיכערט אין דעם דאָזיגען ברייטען שטראָם ערגעץ אַהין. און מאַנכמאָל האָט זי זיך געטוליעט צו'ם מאַן און אפילו פּראָבירט צו נעהמען אַ ציה פון זיינע ציגאַרען. דאָס האָט געפיהרט צו טרע־רען אין די אויגען און ספּאַזמען פון הוסט, און ער האָט זי לייכט געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געלאַכט. —

ה.

אין שטוב האָבען זיך שוין אַרומגעדרעהט אַ פּאָר היבשע בחורים, און אַ גאַנצע מחנה קליינוואַרג און האַלבוואוקס האָבען זיך געשטויסען און געשטופּט נאָך זיי.

דאַנציג איז שוין נישט געווען דאָס דאַנציג וואָס אַמאָל. איטע האָט געדריקט און געדריקט די הוצאה אַרונטער; בלויז אויף ר' מנשה'ס ציגאַרען האָט זי צו קאַרגען נישט ערלויבט, און ער האָט איהר דעריין נישט געשטעלט זיך דערגעגנען. לסוף איז עס

געקומען אזוי ווייט, אז די פאמיליע האט געמוזט פערלאזען דאס אלטע הויז מיט די ברייטע חדרים און געהן אין שכנות. דעמאלט האט ר' מנשה זיך אוועקגעזעצט אויף א טאג ביי זיך אין צימער און א שטארקען טראכט געטהון וועגען דעם, וואס איז דער מעהר מיט דאנציג. ער איז געזעסען, געקוקט אין פענסטער, גערויכערט ציגארען און געטראכט. און צומארגענס איז ער אוועקגעפאהרען אויפ'ן דאן.

ער האט זיך ארומגעשטויסען אין קאכיגען ראיאן צווישען אונטערשטען דאן און קאספישען ים עטליכע וואכען נאכאנאנד, האט געקוקט, געטראכט, געצעהלט און גערעכענט — און לסוף האט ער מיט דער רעכטער האנד פערבויגען א פינגער אויף דער לינקער און געזאגט: „קאוויאר". און האט זיך גענומען פערבינדען דעם דאן מיט דאנציג.

דאס פערבינדען האט געדויערט צוויי יאהר, וואס זענען געווען די שווערסטע פאר די פאמיליע אין דער היים. נאר אז ער האט נאך די צוויי יאהר פערלאזען דעם דאן אויף עטליכע חדשים אברוה, האט מען אין דער געגענד אנגעהויבען צו דערמאנען פערגאנגענע פאסירונגען לויט א נייעם לוח: די און די מעשה איז געשעהען אין דער צייט, „ווען ר' מנשה מאראוואנער האט אנגעהויבען צו פאהרען אויפ'ן דאן". און אז ער איז געקומען אהיים, האט ער צוריק אבגעקויפט דעם אלטען ר' שואל'ס הויז, און דאס לעבען איז אוועק ווי אין די פריהעריגע יאהרען.

קיין דאנציג איז ער איצט געפאהרען איינמאל אין צוויי־דריי יאהר, דערפאר אבער האט ער צוויי דריטעל פון זיין צייט פערבראכט אויפן דאן. נאכ'ן קאוויאר האט ער געלאזען אין גאנג גערויכערטע „וואבלא", און נאך דער וואבלא — א לאקאלען סארט סארדינען וואס ער אליין האט זיי ענטדעקט. ער האט פערדיענט פיעל און פיעל פערלעבט: איין קינד נאכ'ן צווייטען איז געוואקסען, האט געלעבט און געלערנט און איז לסוף געשטעלט געוואָרען מיט'ן פאטער'ס הילף אויף אייגענע פיס. צו דער חתונה פון דער מיזינקע האט ער צונויפגערופען אלע קינדער. מ'האט

זיך משמח געווען נאָר אויפ'ן גרויסען, פאַרצייטיגען שטייגער, און צו'ם סוף פון שלייער־וואַרמעס האָט ר' מנשה זיך אויפגע־שטעלט פון זיין שטוהל אויבענאַן ביי'ם טיש.

— קינדער — מעהר פאַהר איך נישט אויפ'ן דאָן. איך האָב געלאָזען פאַר מיר מיט דער אַלטער צו דערלעבען אונזער פאַר יאָהר — דאָס איבריגע נאָט אייך אוועק. פאַהרט געזונדערהייט, און זאָל דער אויבערשטער געבען, איהר זאָלט אַבלעבען אייערע יאָהרען נישט ערגער ווי איך האָב אַבגעלעבט מיינע. פאַר אונז דאַרפט איהר נישט דאַגה'ן — מיר וועלען צו'ן אייך נישט אנקומען.

ו.

דאָס לעבען האָט געפלאָסען ווי אַ טייך נאָהנט פון זיין אויס־גוס: וואָס ברייטער און טיעפער, אַלץ געלאַסענער און רוהיגער. דעם יודענ'ס הויכער, גלאַטער שטערן האָט געוויזען בלויז איין דינעם, לאַנגען קנייטש פון שלייף צו שלייף, און די שוואַרצע האָר האָבען ערטערווייז שוואַך געווייסעלט. אין די זומעריגע פריהע פאַרנאַכטען, אינ'ם אַראַנזשענ־גליה פון דער פערגעהענדער זון, פלעגט ער, ווי פריהער, שפּאַצירען מיט'ן שטעקען אין האַנד, און זיין טראָט איז געווען געמאָסטען און זיכער, און דער רוקען איז געשטאַנען גלייך אונטער'ן נאַקען, נאָר די אויגען האָבען געקוקט פערטראַכט, שטאַרק פערטראַכט.

אין די מיטעל־יאָהרען פלעגט ער לערנען מייסטענס מיט די אויגען. איצט האָט זיין שטימע עפּטער געקלונגען אין דער אַל־טער קלויז אין די שטילע בייטאָגען, האָט געצויגען דעם מילדען און אומעטיגען ניגון פון זיין יוגענד, געצויגען איהם דין און דינער, שטיל און שטילער, ביז ער האָט געזונקען אין דער אַרומיגער שטיל־קייט ווי דער נאַכציטער פון אַ סטרונע — און ווידער זיך געהוי־בען און געשטיגען ביז צו זיין פולען קלאַנג. דאָס איז געווען זיס און ביטער, ווי קינדערשע טרערען.

ער האָט גערן פערבראַכט אין קלויז מיט די יונגערע לערנער

אין שמועסען וועגען תורה און דרך־ארץ. וועגען אויסלאַנד און זיין לעבען ווייט פון דער היים האָט ער זיך נישט אריינגעלאָזען אין צופיעל פּרטים.

— מענשען לעבען און שטאַרבען דאָרט אַזוי ווי ביי אונז, — האָט ער קורץ געענטפערט און געשמייכעלט מיט זיינע אויגען. — אַ סלאַוויטער ש״ס אָדער אַ לייפּציגער — וואָס איז די נפקא מינה? נישטמעהר, דער דפוס און די טאַוולען. דער תוכן, ווידער —

און פערקוקט זיך אויפ׳ן שנירעלע רויך, און געהיט, אַז דאָס ווייסליכע אַש, וואָס איז ווי אַ טשערקעסישע „פּאַפּאַכע״ געזעסען אויפ׳ן קעפּעל פון זיין ציגאַר, זאָל נישט אַרונטערפאַלען און זיך האַלטען אַזוי לאַנג ווי מעגליך.

קומענדיג איינמאָל נאָך שחרית פון קלויז מיט׳ן טלית און תפלין אונטער׳ן אָרם, האָט ר׳ מנשה געטראָפען אין הויז זיסלען, דעם יונגסטען פון זיינע זיהן.

— אהא! כ׳האָב אָבער געוואוסט, אַז דוס׳ט קומען.

דעם יונגענמאַן האָבען זיך געביטען די קאָלירען אין פּנים.

— נו־נו, — האָט איהם דער פאָטער בערוהיגט, — איך האָב נישט געמיינט דיך מבייש צו שטעלען. עס געהט דיר נישט גוט, אה? אָבער פריהער גיה וואַש זיך, וועלען מיר עסען וואַרמעס.

ר׳ מנשה האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויסהערענדיג דעם זוהנ׳ס געשיכטע: געווען זעהר אַ גוטער פּלאַן... ווער זאָל זיך ריכטען, אַז...

— כ׳האָב געוואוסט, אַז דו׳סט קומען: ביזט אַ דיזיקאַנט און אַביסעל איבעראיילט, — אָבער סט׳זיך אויסלערנען. פאַר דיר טאַקי האָב איך אָבגעלעגט אַ קליינע סומע געלד. ס׳איז נישט קיין סך, אָבער — וועסט קאָנען אָנהויבען פון דער התחלה, און האַלט דיינע אויגען אָפען. נאַ, אָט האָסטו דאָס, און — קום נישט מעהר נאָך קיין געלד: ס׳איז נישטאָ. מיר זענען אַלטע לייט, און טאָמער שטאַרב איך פריהער, זאָל דיין מאַמע נישט בלייבען ווי אויפ׳ן וואַסער. צו׳ן אייך, קינדער, וועט זי נישט פאָהרען.

— יאָ, נאָך אַ זאַך, — האָט ער דעם זוהן צוריקגערופען פון דער

טיר: — היינט זענען נישט אמאָליגע יאָהרען. אין מיינע צייטען, אז א יוד איז געקומען קיין דאַנציג מיט א ברייטער באָרד און א הויכען שטערן, איז דאָס געווען גענוג; אז דער קאָרן אָדער ווייץ אויף דער האַנד איז געווען גרויס און שען, האָט מען פערקויפט מיט ריוח, אז נישט, האָט מען געהאַט היזק. מיר האָבען אונזערע מסחרים נישט געפיהרט, זיי זענען אַליין געגאַנגען. אז די וועלט איז היינט אַן אַנדערע דאַרף איך דיר נישט דערצעהלען, ביזט יונגער פון מיר. דעריבער, פערשטעהסטו מיך, איז דאַנציג נישט דאַנציג, און די באָרד מיט'ן שטערן זענען קיין סחורה נישט. היינטיגע מסחרים דאַרף מען פ י ה ר ע ן, פערשטעהסט? נו, פאָהר געזונדערהייט, און זיי מצליח. —

ז.

א זומער און א ווינטער און א זומער זענען אוועק, און ווידער איז געקומען דער ווינטער, פריהצייטיג און ביטער, מיט שנייען און פרעסט, און ווילדע, פערביסענע ווינטען. אין טבת האָט ר. מנשה זיך צוגעקיהלט, א הוסט געטהון און געלאָזען בלוט פון האַלז: דאָס האָט זיך אָבגערופען אַן אַלטע לונגענענטצינדונג, נאָך פון די ערשטע דאַנציגער צייטען, וואָס מ'האָט געמיינט, אז זי האָט קיין שפּורען נאָך זיך נישט געלאָזען. עס איז צוגעגאַנגען שנעל, און אין א גרויען פריהמאָרגען, ווען די שיטערע שניי־קאָשע אויף די גאַסען האָט זיך פּאָר מענשען אין די אויגען גע־שמאָלצען אין וואַסער און די לופט האָט געשמעקט א נ ד ע ר ש אָהן א פּאַרוואָס, זענען כמעט אַלע קינדער, צונויפגעלאָפענע פון דער וועלט, געשטאַנען אַרום טאַטענ'ס קראַנקען בעט. א פּאָר חשוב'ע בעלי־בתים און דער רב פון שטאָדט זענען דאָ געבליבען נאָך פון ביינאַכט.

שוין פון א פּאָר שטונדען האָט דער הוסט דעם חולה אָבגע־לאָזען, די היץ איז אויך געפאַלען. נאָר דער יונגער דאָקטאָר איז נישט אוועקגעגאַנגען. ער איז געזעסען נישט ווייט ביי א טישעל,

האָט נערוועז געדרעהט זיין בלייַשטיפט צווישען די פינגער און געשווינגען.

ר' מנשה האָט געעפענט די אויגען. ס'איז שווער געווען איהם צו דערקענען, נאָר די אויגען זענען געבליבען דיזעלבע — מיט'ן פערבאָרגענעם שמייכעל אין זיי. ער האָט געבעטען רויכערן.

— סטייטש, טאַטע —

נאָר דעם דאָקטאָר'ס אַ קוועטש מיט די אַקסלען האָט מבטל געווען זיסעל'ס פּראָטעסט. ער איז בלאַס געוואָרען און דער־לאַנגט דעם פאָטער אַ ציגאַר.

— נישט דאָס, — האָט דער קראַנקער געזאָגט. — האָט נישט וועהר אַ ציגאַר־טיטון?

און זיינע אויגען האָבען געשמייכעלט.

ער האָט אַ ציה געטהון דאָס דינע פּאַפּיראָסעל און אַ רוף געטהון:

— איטע...

זי האָט אוועקגענומען די הענד פון די אויגען און זיך אַרויס־געריקט פון איהר ווינקעל. די לעצטע צייט האָט זי געקראָגען אַ נייגונג צו פעטקייט און אַביסעל אַ קורצען אָטהעם. איצט איז איהר קליין קייל־עכדיג געזיכט געווען צונויפגענומען, ווי אַ פער־דריקט קינדערש פויסטעל, און איהר בליק הילפלאָז און פערלוירען: דער טייך, שוין נאָר ביי'ם סוף, האָט זי אַרויסגעוואָרפען אויף אַ פרעמדען ברעג, און אַליין איז ער אוועק אין ים־אוקינוס, וואוהין אַלע טייכען פאַלען אַריין.

— מנשה, מנשה! — האָט זי שטיל געזאָגט.

— ווילסט אַ ציה? — זיינע אויגען האָבען געלאַכט. — ס'איז רויך, אָבער ס'איז גוט.

אַ וויכער האָט אַ דרעה געטהון אין זיינע פאַלדען דאָס אַלטע ווייבעל. זי האָט אַרויסגעלאָזען גלייכצייטיג אַ וויין, אַ לאַך און אַ הוסט, ווי רויך וואָלט זי געשטיקט. ר' מנשה האָט אוועקגעלעגט דאָס פּאַפּיראָסעל און אַ וואונק געטהון צו'ם רב. יענער איז צוגעגאַנגען צו'ם בעט און אָנגעהויבען זאָגען מיט איהם ודוי.

נאָד די ערשטע עטליכע ווערטער איז דער חולה זיך פערגאַנגען
אין אַ הוסט. דער הוסט האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט: ער
איז פערגליווערט געוואָרען, און איז אַזוי פערבליבען — אַ פער־
גליווערטער הוסט.

דער נס.

דער נס.

מיט דריי הונדערט יאהר צוריק האט געוואוינט אין פראג א יוד אן ארעמאן, צלי וואסערטרעגער. עס האט זעלטען פאסירט, אז א יוד זאל זיך בעשעפטיגען מיט וואסער־טראגען, און צלי איז געווען נישט בלויז א גרויסער אביון, נאר אויך זעהר א פשוט'ער מענש, קוים געקענט דאווענען. ער איז נישט געווען קיין גראבער בעל־תאוה, און אויך נישט קיין צו־גרויסער ירא־שמים.

די ימים־נוראים האבען איהם א ביסעל געשראקען, שבועות האט ער עפעס נישט בענומען, נאר פסח האט ער ליעב געהאט מיט דער ליעבשאפט פון א קינד און מיט דער בלינדער פרומקייט פון א יודינע. דאס וואסער אויף פסח פלעגט ער טראגען מיט ערנסט און מיט כונה, און צום סדר אלע מאל געהאט אן אורח. און ווי ארעם ער איז געווען, האט ער יעדען פאר פסח אריינגעטראגען אין די קאסע פון מעות־חטין זיין חלק.

איך ווייס נישט ווי אזוי, מסתמא האט אזוי געפיהרט, נאר אויף די עלטערע יאהרען איז דעם יודען געגאנגען בעסער. קיין וואסער האט ער שוין נישט געטראגען, און אז ער האט, שטיל און צופריעדען, אבגעלעבט וויפיעל איהם איז בעשערט געווען צו לע־בען, האט ער געלאזען זיין פאמיליע א שטיקעל ירושה. פאר'ן טויט האט ער די קינדער זיינע אנגעזאגט, זיי זאלען אבהיטען „די מצוה פון מעות־חטין". מיר ווייסען שוין, אז קיין צו־גרויסער למדן איז דער יוד נישט געווען.

אין צלי'ס צייטען האט פראג נישט גע'חלומ'ט, אז פון צלי'ן וועט ארויסוואקסען א גרויסע משפחה, וואס וועט האבען א שם איבער דער וועלט מיט איהר עשירות, מיט איהר תורה און דרך־ארץ און מיט איהר צדקה. צום דריטען דור איז שוין די פאמיליע

וואסערטרעגער געווען בעריהמט אין ענגלאנד, אין פראוואנס, אין פוילען, און — שפעטער — אין וואהלין.

די ערשטע דריי צווייגען פון דער משפחה האבען געגעבען באנקירען און פאליטיקער, מאנכע פון זיי האבען געקראגען טיט־לען פון זייערע הערשער, און האבען זיך שטארק דערנעהנטערט צו די פעלקער צווישען וועלכע זיי האבען געוואוינט, — נאר זיי געהען אונז דא נישט אן. דער וואהלינער צווייג פאנגט זיך אן פון ר׳ ליפמאן וואסערטרעגער, וואס האט אבגעדונגען די פאסעסיע נעבען דעם שטעדטעל זארניצי, אדער — יודיש — זשארניץ. מיט אמאל האבען זיך פאר יודען אן עפען געטהון קוואלען פון פרנסה. דער האנדעל מיט תבואה אין דער גובערניע איז געגאנגען דורך די וואסערטרעגערס הענד. אין די לאנגע און הייסע זומערטעג האט עס פון פריהמארגען ביז נאכט געהילכט אין די וועלדער, וואו טויזענדער בוימער זענען געפאלען אונטער דער האק. איבער די ברייטע, שטויביגע שליאכען פון זאלאטקאוווער אויעזד — דעם „צוקער״־אויעזד — האבען אהן אויפהער געסקריפעט לאנגע שורות פוהרען מיט בוריקעס, פון די פלאנטאציעס צו די זאוואדען. — אומעטום האט מען נויטיג געהאט „מענשען״: אויפזעהער, עקאנאמען, אויס־און אנלאדער, בוכהאלטערס און פערמיטלער פון כל המינים. זשארניץ האט פערזוכט דעם טעם פון שפע.

יודישע שפע — קיין ארעמעלייט האבען נישט געפעהלט. זענען אבער די וואסערטרעגערס געווען גרויסע בעלי־צדקה: אן אפען הויז, אפענע הענד, אפענע הערצער. ווער שמועסט, אז עס איז געקומען פסח האט ביי קיין יודען אין דער סביבה נישט גע־פעהלט קיין מצות, וויין און ליכט — לויט דער טראדיציע פון צלי׳ס ציימען. אין דער מיט פון פאריגען יאהרהונדערט האט געקעניגט חיה־אסתר וואסערטרעגער — „חיה־אסתר קאפמענש״ — וואס איז געבליבען אן אלמנה א פאר יאהר נאך איהר חתונה. דעמאלט פלעגט, אין אן ערב פסח, דער גרויסער הויף פאר׳ן הויז אויסזעהן ווי אן עכטער יאריד: קערב מיט מצות, שטייגען מיט היהנער,

קאסטענס מיט אייער, פעסער מיט ווײַן און צעהנדליגער טעפּ מיט שמאלץ. און ביז שפּעט פאַרנאַכט, כמעט ביז'ן סדר, פלעגן ווייבער און מענער גײן אויף און אַב, קומען מיט לעדיגע כּלים און אַוועקגעהן מיט פולע. אַלע „מענשען" האָבען געהאָלפען אין'ם טיילען, און חיה־אסתר אַליין, אַ פערשוויצטע און אַ שײַנענדיגע, איז געווען פול אומעטום.

יאהרען זענען געגאַנגען נאָך יאהרען און דורות האָבען גע־ביטען איינער דעם צווייטען, און מיט זיי האָבען די ערב־פּסח'ען געביטען זייערע קאָלירען. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זענען פער־שוואונדען די שטייגען מיט היהנער, די פעסער מיט ווײַן, די קערב מיט מצות פונ'ם ברייטען, געראַומיגען הויף פאַר'ן אַלטען הויז אויפ'ן מאַרק. די וואַסערטרעגערס האָבען חלילה נישט אויפגע־הערט צו זײַן בעלי־צדקה, און דעם מנהג פון טיילען מעות־חטין האָבען זיי נישט פערוואָרפען. אדרבה, ריעזיגע סומען, פיעל גרעסערע ווי ביי די פריהעריגע דורות, ווערען פערטיילט אין דעם איינעם טאָג פון ערב־פּסח, — ווי דאָס בעווייזען בעשײַנפּערליך די ביכער.

דען — עס זענען שוין דאָ ביכער. די צייטען זענען קלוגע, די צייטען זענען ניכטערע, אויך מעות־חטין דאַרף פערטיילט ווע־רען מיט אַ טאַלק, מיט אַ סדר. די גאַנצע קאָנטאָר בעשעפּטיגט זיך דערמיט. פאַרהאַן אַזאַ גראַטע מיט פענסטערלעך, ביי וועלכע עס שטעהען נויטבעדערפטיגע און וואַרטען אין דער רייהע. אויף יע־נערזייט, ביי יעדען פענסטערל, זיצט אַ מענש מיט אַ בוך און מאַכט אוים קוויטען. קיינער ווערט נים פערטיילט: יעדער אָרע־מאַן קריגט אַזאַ מין קוויטעל — און רוקט זיך שטיל, שנעל און מיט אַ זייט אַרוים פון קאָנטאָר.

און דערנאָך האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס, צוליעב וואָס איך דערצעהל די גאַנצע מעשה, — און ווי אַזוי זאָלען מיר, פּשוט'ע מענשען, פערשטעהן דעם רבונו של עולם'ס דרכים?

אין אָנפאַנג פון אונזער יאהרהונדערט איז ביי די דעמאָלט־דיגע וואַסערטרעגערס געבוירען געוואָרען אַ יונגעל דן. און איהם

איז בעשערט געווען צו זיין דער לעצטער פון די וואסערטרעגערס, פון די וואהלינער וואסערטרעגערס.

געבוירען געווארען איז ער מיט שוועריגקייטען, מיט א שאר־פען געשריי, און מיט א קאפּ רויטע האר, און די מוטער איז גע־שטארבען אין קינדבעט. געוואקסען איז ער א פּרא אדם, האט נישט געוואלט לערנען, זיך געהאלטען נישט ווי א גביר׳יש קינד, און זיך ארומגעשלעפּט מיט אלערליי שלעפּערישע, אפּטמאל פער־דארבענע קינדער. צו דער בר־מצוה האט ער זיך פּלוצים איבער־געקעהרט, האט זיך אוועקגעזעצט אין קלויז און איז אבגעזעסען בייםם ספר ניין יאהר נאכאנאנד. דאן האט מען איהם חתונה גע־מאכט, האט ער אוועקגעווארפען דאס לערנען — אינגאנצען, לחלוטין — און זיך א נעהם געטהון צו מסחר. איצט האט ער זיך ארויסגעצייגט פאר א ווילדען בעסן און א געוואלטיגען בעל־גאוה, אזוי אז אפילו זיין אייגענע פרוי, א שטילע נשמה, האט פאר איהם אביסעל מורא געהאט. אז ער איז אלט געווארען ארום צוויי און דרייסיג יאהר, איז זיין פאטער געשטארבען, און באלד דער־נאך איז געקומען דער ערשטער קלאפּ: מ׳האט אוועקגענומען ביי יודען דאס רעכט צו ארענדירען ערד.

און אז דער פאר־פסח איז אונטערגעקומען האט דן וואסער־טרעגער׳ס קאנטאר צעטיילט מעות־חטין צוויי מאל אזוי פיעל ווי יעדעס יאהר.

אויפ׳ן קומענדען יאהר האבען אויסגעבראכען אין דער גובער־ניע שרעקליכע וואלד־שרפות. לאנגע וואכען נאכאנאנד האט זיך דער רויך געקנוילט איבער צעהנדליגער מיילען וואלד. דערצו האר־בען זשוקלער אויפגעפרעסען די בוריקעס אויף די פּלאנטאציעס, כמעט אינגאנצען: די וואס זענען פערבליבען זענען געווען דין ווי ווערצלער חריין, און ווייך און טרוקען, ווי געבאקענע.

אין דעמזעלבען יאהר האט אויך גענומען וואקסען חיים משרת, וואס האט אמאל געדיענט ביי דן׳ס פאטער: ער האט אבגעקויפט די קויהלען פון די פערברענטע וועלדער פאר א דבר שבוש.

אויף פסח האט דן געגעבען א גרויסע סומע אויף מעות חטין.

אין מיטען זומער האט ער באַנקראָטירט. סוחרים פון ווייטע מקומות זענען זיך צונויפגעלאָפען צו איהם אין הויז, האבען דאָרט אבגעהאַלטען אן אסיפה ביז שפּעט אין דער נאַכט, און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען הייזעריגע און פערשוויצטע. אָבער די ביכער האבען קלאָר געוויזען, אז די פירמע וואסערטרעגער איז עהרליך, און זיי האבען בעשלאָסען זי צו שטיצען נאָך אַ פּאָר יאהר צייט.

אומזיסט. עס איז געגאַנגען באַרג־אַראָב, און קיין זאַך האט עס נישט געקאָנט אבשטעלען. אין אַ פּאָר יאהר ארום האט שוין חיים משרת, איצט „ר׳ חיים קאַץ“, געוואוינט אינ׳ם אַלטען הויז אויפ׳ן מאַרק, און די וואסערטרעגערס זענען געגאַנגען אין שכנות.

פאַר אַ צייט איז דן נאָך געווען גבאי פון די צדקות, און, צווישען אַנדערע, פון מעות־חטין, הגם זיין אייגענע נדבה איז געווען קליין. איינמאָל איז צו איהם דערגאַנגען אַ שלעכט וואָרט פון חיים משרת. חיים׳ן האט דן געמאַכט אין קלויז, שבת צום אויסכעהמען, אַ סקאַנדאַל, נאָר פון גבאות האט ער זיך אַבגעזאָגט, און „ר׳ חיים קאַץ“ האט מיט דער צייט פערנומען זיין שטעל.

אַ העלפט פון דער סומע וואס דן פלעגט פערדיענען אויף פּסח פלעגט ער אריינשיקען אין די קאַסע פון מעות־חטין. די אַנשטרענגונג איז געווארען וואס אַ יאהר גרעסער, און די סומע וואס אַ מאָל קלענער. ערהאַלטענדיג די דאָזיגע נדבה, פלעגט ר׳ חיים קאַץ קריצען מיט די צייהנער. זיין שנאה איז נישט פערקלענערט געווארען דערפון, וואס דן פלעגט איהם שטענדיג זאָגען „דו“, וועהרענד ער האט ביי זיך באין אופן נישט געקאָנט פועל׳ן צו אַדרעסירען יענעם אַנדערש ווי „ר׳ דן“. איינמאָל איז ער געפאַלען אויף אַ שכל און אונטערגעשיקט צו דנ׳ען אַ מענשען איהם אַנצובאָטען אַ גוטע שטעלע ביי איהם, ביי חיים׳ן, אין אַ וואַלד. עס פערשטעהט זיך, אז דער שליח איז געקומען צוריק אַ בעלעדיגטער.

די יאהרען פון גלאַנץ פונ׳ם נאָמען וואסערטרעגער זענען נאָך געווען פריש ביי אַלעמען אין זכרון, און די שטאָדט האט דנ׳ען געשאַנעוועט אזוי ווייט ווי מעגליך. אָבער דער יוד איז געווען

א ביטערע, און וואס אַרעמער ער איז געוואָרען, אַלץ מעהר איז געוואַקסען זיין גאוה און די שווערקייט פון זיין כאַראַקטער. פאַר די מינדסטע קלייניגקייט פלעגט ער מאַכען אַ מענשען מיט דער בלאָטע צוגלייך. אַ קבצן אַ גדלן! — דאָס איז פון די זאַכען וואָס גאָט האָט פיינד. אויס מורא פאַר זיין שאַרפע צונג האָט מען איהם געמיעדען ווייכען, און פרנסה איז געוואָרען געשלאָגענער און געשלאָגענער. אויף שפרה'ן, דער שטילער טויב אינ'ם זיידענעם טיכעל, האָבען אַלע רחמנות געהאַט, נאָר מיט וואָס האָט מען איהר געקאָנט העלפען, אַז זי האָט אַ מאַן וואָס בעפאַלט מענשען אין גאַס? ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זענען די צוויי עלטערע איינזאַמע מענשען — געוועזען אַ קינד אין דער יוגענד, איז עס גע־שטאָרבען — פערזונקען געוואָרען אַז אַ זייט פון שטאָדטישען לע־בען. לסוף, כדי צו פערבעהאַלטען פון מענשען די ביטערע נויט, האָבען זיי זיך אַרויסגעצויגען אין די גוי'אישע גאַס, צו נאַסטיאַ דער אַלמנה אין די קלענערע האַטע.

נאַסטיאַ האָט אַמאָל געדיענט ביי די וואַסערטרעגערס, שוין זעהר לאַנג צוריק, אַז זי איז נאָך געווען אַ יונגע שיקסע מיט אַ בלאָנדען צאָפּ. פאַר דנ'ען האָט זי געציטערט, נאָר ס'איז געווען אַ מורא אָהן שנאה, און פאַר שפרה'ן וואָלט זי זיך געלאָזען „אָי־בערשניידען דעם האַלז". איצט איז זי געווען אַן אַלמנה און גע־וואוינט ביי איהר פערהייראַטען זוהן. די פּאָר דעסיאַטינעס ערד, דער גאָרטען, די צוויי אַלטע צעליאַפּעטע הייזלעך אין הויף — דאָס אַלעס האָט געהערט צום זוהן, אָבער נאַסטיאַ, אַ הויכע, אַ מאָ־גערע און אַ ברייטביינעריגע, האָט געהאַלטען די לייצעס פעסט אין די הענד, און די יונגע מענשען האָבען געטהון איהר ווילען.

אַז די וואַסערטרעגער האָבען פערנומען ביי איהר די צוויי־טע האַטע, האָט נאַסטיאַ גלייך בעמערקט, ווי ווייט עס האַלט מיט איהרע געוועזענע בעלי־בתים. זי האָט זיך גענומען דרעהען אַרום הייזעל און זיך בעמיהען אַ מאָל גרינגער מאַכען מיט עפּעס, נאָר דן האָט זי איינמאָל געפּאַקט ביי זיך אין הויז מיט אַ טעפּעל קאַרטאָפעל. די אַלטע האָט קוים געטראָפען צו דער טיר, און

האט זיך נאכדעם לאנג גע'צלמ'ט און געדריקט מיט די אקס־לען.

אז דער פסח איז אונטערגעקומען גאר נאהנט איז נאסטיא גע־ווארען זעהר אומרוהיג. זי איז געווען א ביסעל בעקאנט מיט'ן יודישען לעבען און מנהגים, און האט קלאר געזעהען, אז עס האלט שמאל דאס יאהר. וואו איז עס דאס פעסעל בארשטש אויבענאן, וואס ס'איז געווען א מורא דערצו צוצוטרעטען? ווער בארשטש, אז מ'זעהט גאר קיין מצות נישט! און וואס האט זי דא געקאנט העלפען, אז אליין איז זי זעהר ארעם, און דערצו לאזט דאך דער דאזיגער משוגע'נער צו זיך קיין מענשען נישט צו!

דער פריהלינג איז געקומען פריה. די זון האט געבאקען פון ראש חודש ניסן אן. ציגגלער גראז האבען זיך געשפארט פון דער ערד פון אונטער יעדען שטיינדעל, און די בוימער, נאך איינגאנצען נאקעט, האבען דאך געגומען אויסקוקען אנדערש, ס'איז שווער געווען צו זאגען מיט וואס. צו בעור־חמץ איז דן געקומען א היים א מיעדער און א חמורנער. שפרה האט אויף איהם שווייגענדיג געקוקט פון צייט צו צייט, און איינמאל האט ער צו איהר מיט בעס געזאגט:

— וואס קוקסטו מיך אן? האסט מיך נאך קיינמאל נישט געזעהן? אויב נישט מיט'ן דרך־הטבע, וועט דער אויבערשטער מוזען בעווייזען א נס.

נאסטיא האט זיך געווען אריינגערוקט אין חויז, האט זיך א דרעה געטהון און זיך ארויסגערוקט צוריק. שפרה האט א גאנצע נאכט געהערט, ווי דן ווארפט זיך ארום אויף זיין געלעגער, און נאך עפעס האט זי געהערט.

דאס חיזעל האט זיך געוויעגט און געסקריפעט אהן אויפ־הער. א שטארקער ווינד האט געצויגען און געצויגען, און מ'האט בעשפירט, אז ער קומט פון זעהר ווייט און צו געהן האט ער נאך ווייטער. טיעפער אין דער נאכט האט ער אנגעהויבען צו פייפען: תחלת — שטיל, צעריסען, פעדימווייז, שפעטער — לאנג, יאמער־

ליד, פערביסען און ביטער. אין די פויזען האָט מען געהערט, ווי עס שיט און שמייסט אין די פענסטער אריין.

דן איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און אַרויס אויף דרויסען. דער ווינטער האָט חרטה געהאַט, איז געקומען צוריק פון מיטען וועג און האָט גענומען נקמה פאַר די פריידער איבער זיין אוועקגעהן. ביז א העלפט פון די פענסטער איז דאָס הייזעל געשטאַנען אין שניי, און דער שטורם איז געווען אין סאַמע ברען. די קרירה איז געווען א ביטערע.

ער האָט גענומען דעם טלית־און־תפלין, איז אַנטעק אין קלויז און אבגעדאַוונט מיט׳ן ערשטען מנין.

נאָכ׳ן דאַוונען איז ער ארויס אויפ׳ן מאַרק. עס איז געווען ממש סכנת־נפשות. די קראַמען האָבען זיך געעפענט איינציגווייז. שיטער, און נישט אַלע. דער מאַרקפּלאַץ גופא איז געווען פּוסט. דער שניי האָט געדרעהט און געדרעהט, און געפּייפט, און געקלאַגט אהן אויפהער, אהן אויפהער. קיין איינציג גוי׳איש פוהרל האָט זיך נישט געוויזען. ארום ניין א זייגער איז עס געוואָרען קלאָר: קיין מאַרק וועט נישט זיין.

דן האָט געברומט מיט כעס:

— אַזוי גאָר, אַזוי גאָר!

א האַלב־פערפרוירענער, מיט א פערשנייטער שפּיצינער באָרד, האָט ער געוואָרפען איבער׳ן מאַרק צערייצטע בליקען, ווי ער וואָלט געזוכט אויף וועמען אַנצופאַלען. אָבער דער פּלאַץ איז געווען א מדבר. בלויז א י י ן פיגור האָט זיך שווער און וואַקעלדיג געשלעפּט אינ׳ם שניי און געשניטען א קרומע ליניע אין א ווינקעל פון מאַרקפּלאַץ: דאָס האָט א גוי׳ע געטראָגען אויף די אַקסלען א שטאַנג מיט צוויי עמער וואַסער פון ברונען אויפ׳ן מאַרק צו׳ן א יודיש הויז — אויף פּסח.

דן האָט שטומפּיג געקוקט א ווײַלע אויף די דאָזיגע ווייטע פיגור, פּלוצים האָט ער זיך א ריס געטהון און איז אוועקגעלאָפען אהיים. ער איז אַריינגעפאַלען צו נאַסטיאַ׳ן אין הויז.

— האָסט א פּאָר נייע עמער?

די אַלטע האָט זיך דערשראָקען און פֿערלוירען דאָס לשון.

— עמער, נייע עמער, הילצערנע, האָסטו? — האָט דן זיך געקאָכט.

— איך האָב, איך האָב, — האָט זי ענדליך אַרויסגערעדט, — אין קאַמער ביי מיר האָב איך אַ פּאָר...

דן איז שוין געווען אין קאַמער און געשלעפּט פֿון דאָרטען די עמער און אַ לאַנגע, געבויגענע שטאַנג, אַ „קאָראָמיסלע".

— כ'וועל זיי ברענגען צוריק און בעצאָהלען פֿאַר'ן טאָג, — האָט ער איהר אַ וואָרף געטהון — און איז שוין געווען דרויסען, אין דער סאַמע מיט פֿון וויכער.

אינ'ם ערשטען יודישען הויז האָט מען זיך פֿערלוירען און געזאָגט, אַז ס'איז שוין פֿאַרהאַן וואַסער אויף פּסח. אין צווייטען הויז האָט געוואוינט אַבאַ לאַטוטע, אַ קאַליקע אַ שניידער, נאָר אַ גוטער שכור, אַ יוד וואָס האָט זומער און ווינטער געטראָגען אַ וואַטאָווע לייבעל. ער האָט בלויז איין קוק געטהון אויף דנ'ען און געזאָגט ברוגז, אַז אודאי דאַרף ער וואַסער, וואָס דען, אָהן וואַסער וועט ער אויסקומען דעם פּסח, וואָס? און אַז דן איז אַוועק צום ברונען, האָט אַבאַ שנעל אויף שנעל אַרויסגעשלעפּט די פֿולע דייזשע מיט וואַסער אין הויף אַריין און אַרויסגעגאָסען ביז אַ טראָפּען. — דערנאָך האָבען זיך געפֿונען נאָך הייזער וואָס זענען נאָך ניט גע־ווען פֿערזאָרגט מיט וואַסער.

אָרום מאַרקפּלאַץ האָבען יודען געקוקט דורך די פֿענסטער און געשאָקעלט מיט די קעפּ: משוגע געוואָרען דן וואַסערטרעגער. עס האָט טאַקע אַזוי אויסגעזעהען: מיט דער שטאַנג און די צוויי עמער אויפ'ן אַקסעל, האָט ער געשפּאַנט אויף און אָב איבער'ן מאַרק, פֿונ'ם ברונען און צום ברונען, געפּלאָנטערט מיט די פֿיס אין טיעפֿען שניי, נאָר זיין נאָז איז געווען פֿעררייסען אין דער לופֿטען, דאָס פֿערפֿרוירענע שפּיציגע בערדעל האָט לעכערליך גע־שטאַרצט אַרויף און עפּעס אַז אַ זייט, ווי אַ שלעכט פֿערבונדענער קראַוואַט, און זיינע אויגען האָבען געקוקט מיט גאוה און נצחון.

דער ווינד האָט ענדליך פֿאַנאַנדערגעיאָגט די וואָלקענס, און

אַ פּאָר שטונדען פּאַרנאַכט האָט ער אַליין זיך אויך איינגעשטילט. אַ שטומער, קרעפטיגער פראָסט האָט גענומען פערפעסטיגען די נצחונות פון צוריקגעקומענעם ווינטער.

דן האָט שוין קוים געפלאָנטערט מיט די פיס. איינמאָל איז ער געפאַלען און אויסגעגאָסען די צוויי עמער וואַסער. ער איז אויפגעשפרונגען מיט כעס, זיך אומגעקעהרט צום ברונען, אָנגעשעפּט וואַסער און אַוועקגעטראָגען וואוהין מ'האָט בעדאַרפט. נאָר באַלד נאָכדעם איז ער אַוועק אַהיים און צוריקגעגעבען נאַסטיאַ'ן איהרע עמער.

שפרה האָט אָנגעהויבען וויינען, אַז זי האָט איהם דערזעהען.

— וואָס וויינסטו, נאַר, — האָט דן געזאָגט. — נעהם אָט דאָס געלד, טראָג אַוועק אַ העלפט צו חיים משרת און זאָג, דאָס האָט דן וואַסערטרעגער געשיקט זיין חלק מעות־חטין. פאַר דאָס איבעריגע קויף מצות און — ער האָט געהאַלטען די האַנד אין קעשענע און איז פלוצים אַנטשוויגען געוואָרען.

ער האָט אויסגעקעהרט איין קעשענע, אַ צווייטע, אַ דריטע, נישטאָ קיין געלד. פערלוירען ביז אַ פּרוטה. שפרה האָט פון שרעק אויפגעהערט צו וויינען. דן האָט זיך געפּוצט דאָס בערדעל און געטראַכט. ער איז געווען איבערראַשט — איבערראַשט.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער, געקוקט אויף דרויסען און געטראַכט, זעהר לאַנג. די זון איז אונטערגעגאַנגען. מיט שטילע טריט איז די ערשטע נאַכט פון פּסח צוגעטראָטען צום פענסטער.

דן האָט זיך אומגעקוקט צו שפרה'ן. זיינע אויגען זענען געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפענט, און ער האָט אַ ביסעל געשמייכעלט.

— שפרה, מיר דאַכט, אַז איך פערשטעה.

— האַ? — האָט שפרה דערשראָקען געפרעגט.

צוגעקומען צום הויז וואו ר' חיים קאַץ האָט געוואוינט, האָט דן עס אַ ווייל בעטראַכט מיט אַ קליינעם שמייכעל. אַ סך דורות פון דער פאַמיליע וואַסערטרעגער זענען איז אָט דעם אַלטען הויז

געבוירען געווארען און דא טאקע געשטארבען. נו, מילא. ער איז אריין אינגוועניג.

ביי חיים'ן האט זיך דאס פנים פערקרימט פון שנאה. דער אלטער מטורף און בעל־גאוה האט שוין ווידער געבראכט זיין חלק מעות־חטין. חיים איז שווייגענדיג געקומען אנטקעגען.

— חיים, — האט דן וואסערטרעגער געלאסען געזאגט, — היינטיגען פסח מוז איך אנקומען צו מעות־חטין.

חיים האט נישט פערשטאנען און געשוויגען.

— איך דארף האבען מצות, א פלעשעל וויין און עטליכע ליכט, — האט דן צוגעגעבען, און זיך געגלעט דאס בערדעל.

פאר יענעם איז פלוצים קלאר געווארען דער ענין. ער האט זיך אינגאנצען פערלוירען און אנגעהויבען ארומטאנצען אהן טאלס איבער'ן הויז.

— אודאי אודאי — אייער און היהנער, און וויין, און — איך געה שוין — זיצט, ר' דן, איך לויף שוין אין קאמער.

— מצות, ליכט און וויין, — האט דן ווידערהאלט מיט א הארטליכען קלונג אין טאן, וואס האט חיים'ן ווידער איבערגע־שראקען. — מעהר דארף איך גארנישט.

קומענדיג אהיים מיט'ן פעקעל, איז ער געווען א ביסעל בלאס, נאר זיינע אויגען האבען געשמייכעלט.

— נו, שפרה, מקיים געווען „די מצוה פון מעות־חטין". נעהם זיך גרייטען צום סדר.

אין אווענד האט זיך די אלטע נאסטיא ארויסגעכאפט דרויסען צו זעהן ווי עס האלט מיט'ן וועטער און וואס מאכט די קוה אין שטאל. עס איז געווען פראסטיג, אויסגעשטערנט און נאכטליך אויף דער וועלט. ארום און ארום האבען זיך געצויגען לאנגע און ניעדריגע געפלאכטענע פלויטען און צווישען זיי זענען געווען שיטער צעווארפען פויערשע חאטעס, צעשוואומען און ווי צעשווי־בערט אין דער טונקעל. אומעטום איז געווען פינסטער, די גאס איז שוין געשלאפען. נאר פונ'ם הייזעל אויפ'ן אנדערן ברעג פון

איהר הויף, דורך דאָס פערהאַנגענע פענסטערל, האָט געפּלאַסען אַ שוואַך ליכט. נאַסטיא האָט זיך צוגערוקט צום פענסטערל און פערקוקט דורך אַ לעכעל אין פאַרהאַנג.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ אַלטען, אָבער ווייסען טישטוך מיט רויטע ברעגען און פראַנזען. זיעבען ליכט האָבען ציכטיג געברענט אין אַ מעשענער מנורה. אַ פלעשעל וויין, מצות, און אַ טשיקאַווע גלעזערן זאַלצמעסטעל, פערבליבען פון אַמאָליגע צייטען — און שוין. ביי איין זייט טיש איז געזעסען שפרה, אין אַ זיידענעם טיכעל, געקוקט אין איהר סדור, און איהרע ליפּען האָבען זיך שטיל בעוועגט. דן איז געזעסען אַנטקעגען, אָנגעלעהנט אויף אַ קישען. זיין שטים האָט דערגרייכט צום פענסטער אַלס שוואַכער זינג־זאַנג. זיין קיטעל איז געווען ציכטיג, דאָס פּנים פריידליך און לויטער. זאָגענדיג, האָט ער זיך אַ ביסעל געשאָקעלט.

נאַסטיא האָט אָבגעזיפצט און זיך — אַ גוי'ע, וואָס ווייסט זי? — פרום און דאַנקבאַר איבערגע'צלמ'ט.

אויפ'ן ים:

נאכט.

שווימט אַ שיף אין מיטען ים,
שווימט און וויעגט זיך הער און הין.
שיף, פון וואַנען? שיף, וואוהין?... —
געהט אַ שיף אין ברייטען ים...

חמורנע, אומעטיג אויפ'ן ים... עס דוכט זיך — נאך האָט גאָט די וועלט ניט בעשאַפען. צווישען דעם קויטיגען הימעל און דער וויסטער אויבערפלאַך פונ'ם וואַסער, אויף דער גאַנצער בריים פונ'ם וועלטליכען תהו ובהו, שוועבט ארום דער גייסט פון אַלמעכטיגען גאָט — אַ שטרענגער, אונפריינדליכער און שווער־פערזאָרגטער גייסט. אומרוהיג שליידערען זיך איינע אויף די צוויי־טע די טונקעל־נעדיכטע וועלען מיט די גרויע שוים־קעפּ. שווער איז דער אומעט פון פערטרויערטען ים און גרוים איז זיין אויפ־רעגונג. מענשעל, וואוהין קריכסטו! מענשעל, וואוהין דוכסטו זיך! אויף אַ שאָל פון אַ ניסעל האָסטו זיך געלאָזען איבער די מעכטיגע וואַסערען. אַך, דו נעבעך־נעבעכעל!...

פון אַלע מעגליכע זייטען: פון טונקלען אויבען, פון קאַלט־פייכטען אונטען, פון אונקלאַרען, אונבעשטימטען האָריזאָנט־רינג — רוקט זיך אויף דאָס שיף אַ געהיימניספולע, שטאָק־בלינדע נאכט. און ווי דאָס קרעכצען פון שיף אין דעם אהן־אויפהער־גע־רויש פון די וועלען, אַזוי ווערט פערשלונגען די אונדרייסטע שיין פון די פענסטער — אין צוזאַמענגעגאָסענעם נעבעל פון הימעל, וואַסער און נאכט. און בלויז איבער דער „נאָז" פון שיף און איבער זיין הינטערטייל ציטערען קינדעריש־הילפלאָז צוויי עלענ־דע, פערלוירענע וואנדער־פייערלעך...

קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! זענען מיר ווייט פון לאַנד?... איז גאָר איבערהויפּט פאַרהאַן ערגעץ פעסט לאַנד אויף דער דאָזיגער וואַסער־מדבר? איז אפשמאָל די ערד נישט אַ חלום?...

ווייט, אַ, ווייט! זעהסטו אַנדאַרטען הינטער אונז, וואו דו זעהסט גאָרנישט?... קאַנסטו איבערלויפען אין דיין געדאַנק צו־ריק איבער דעם לאַנגען, לאַנגען פליִען, וואו מיר האָבען געלאָזען הינטער זיך אַזוי פיעל העלע און פערצאַנטע טעג, אַזוי פיעל בלאַ־סע און שוואַרצע נעכט?... דאָרטען — דאָרט גליהט די ערד אין זונענשיין און שטעהט, ווי געשמיעדט. און אָהער וואַרף אַ בליק, אין די צווייטע זייט, שפּירסטו די טעג און נעכט, וואָס קומען אונז אַנטקעגען? אויך הינטער ז י י ע ר ע פליִיצעס צייכענט זיך שאַרף אַ לאַנגער, צעגליִעדערטער ערדפּאַס. דערוויי־ל אָבער... עה. גיעב אַכט! אַ וואַסערבאַרג געהט אויף אונז...

——— אופּ!... פאַרביי...

— —

ליעדער.

פערשיעדענע ליעדער הויבען זיך פון שיפדעק און ווערען פערשטאַרבען אינ׳ם פּיפּען פונ׳ם ווינד צווישען די מאַסטען און אינ׳ם קאָך פון די וואַסערען אַרום. שאַטלענדישע ליעדער מיט אַ ווילדליכען אָבקלאַנג פון שטרענגע בערג, פינסטערע וועלדער און נאַציאָנאַלע „זאַק־פּייפּלער“. איטאַליענישע גראַציעזע מעלאָ־דיען, אַנגעזאַפּט מיט זונענשטראַהלען און הייסע בליקען פון נאַכט־שוואַרצע פרויען־אויגען. „גאָד בלעס דהי שיפּ!“ *) איז מתפּלל דער געזאָלצענער, מיט ים־וואַסער דורכגעווייקטער בריט מיט אַ שטאַרקער, ניעדריגער שטים. און פּלוצים... אַ דין יונגעלש קול׳כעל פּלעכט זיך אַריין אין די מיט און פּלייסט זיך צו זינגען דוקא גראָב, ווי עס זינגט אַ געזונדע ברוסט: „סמיעלאַ, דרוזיאַ! ניע טעריאַיטיע סילי וו׳ ניעראַוונאָם באָיו“. און נאָך, און נאָך. און ביסלעכוויִז ווערט די שטים ווייכער, די טענער — ניעדריגער און

---

*) גאָט, בענטש דאָס שיף.

בעהארצטער, און א טיעפער, פערבארגענער ציטער שווינדעלט אונטער די ווערטער: „איך בעט דיך, קלער־אויף מיינע ארעמע ברידער”... א, מיין ליעבער „איכה” — איך דערקען דיך! אין פרעמדע ווערטער, אין פערשיעדענסטע מעלאדיען שניידסטו זיך א וועג, דו אייביגער, אונשטערבליכער ליטמאטיוו... און וואס פאר א קליידער דו זאלסט אויף זיך ניט ארויפציהען — דיינע שמערץ־טענער פערראטען דיך באלד... זינג, זינג, — דו בלאס, אבגעצעהרט יונגעל מיט די גרויסע, ליכטיגע אויגען: דיין געזאנג פאסט זיך צו׳ם שווערען אומעט פון פערטרויערטען ים...

— —

טיעפער און טיעפער זעצט זיך אויף אונז די ארומיגע נאכט. שטיל און דערשראקען קרעכצט אונזער שיף און ציטערנווייז חליפעט עס, ווי א קינד פון שלאף. און געהט. מ׳זעהט נישט קיין פריהער. געטריבען פון קרעפטען געהיימע, ווי א נאכטוואנדלער לויפט עס אין שלאף.

געזאלצענער, שארפער ווערט דער אטהעם פון שווארצען, צערודערטען ים. קיין מענש אויסער מיר אויפ׳ן דעק. און פנים אל פנים פערברענגען מירביידע, איך און דער ים, א לאנגע, א לאנגע, און שלאפלאזע נאכט.

אהער, גוטער־ברודער! גיעב מיר דיין מעכטיגע אייז־קאלטע האנד. ווי גרויס און שטארק דו ביזט, אזוי קליין און נישטיג בין איך. ווי אונבעגרענצט עס איז דיין מאכט, בין איך נישט ווענינער שוואך און הילפלאז. אבער ווי שרעקליך דיין אויפרעגונג זאל נישט זיין, בין איך טויזענדער, טויזענדער מאל צערודערטער און אומרוהיגער...

גרויס איז די אומרוה פון קלייניקען מענשעלע.

זעה! זעלטען־ווען רייסט דו זיך אריין אין מאנכע פון מיינע שטערט און דערפער. און איך דיך — האב אין די לענג און אין די ברייט נישט איינמאל דורכגעשפרייזט, דיינע טיעפענישען גע־פארשט, און — צו קליין ביזט דו פאר מיר... ווען דו צעביי־זערסט זיך, דאן — א, געוויס! — קוקט דער טויט פון דיינע

אויגען. אָבער ווען איך, ו ו ע ן א י ך ווער צעווילדעט, דאַן בליצט פון מיינע — שנעון!... חאַ־חאַ.

— —

מו־אָו־אָו־אָו! — האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסען ביי׳ם שלאָפענדען שיף פון דער ברוסט.

א ווייסער נעבעל האָט אַרומגערינגעלט אונזער שיף, קריכט אויפ׳ן דעק, אין פּנים, אין די ביינער. דער טרייב־שרויף הויבט אַן צו אַרבייטען לאַנגזאַמער און שווערער. א רויהער, הייזעריגער פּייף שפּרינגט פון דעק אין נעבעל אַריין. נאָך איהם א צווייטער, א דריטער, א צעהנטער און מעהר. יעדער פון זיי לאָזט זיך זוכען זיינע פערשוואונדענע ברידער און ווערט פערלוירען, אַזוי ווי זיי... א שווייגענדע, פערביסענע אימה. דאָס אויער שפּיצט זיך פון זיך זעלבסט. דאָס אויג דרינגט אומזיסט אין די נאָהענטע ווייטקייט...

...שטיל און אונקלאָר, ווי אַן אַלטער, לאַנגפאַרגעסענער חלום, קומט אַן פון ערגעץ עפּעס א קלאַנג. מעגליך — א קרעכץ, מעגליך, — א לאַנגער, אויסגעצויגענער געניץ פון א ברייטען האַלז־און־מויל. אונזער שיף טהוט א דערשראָקענעם צאַפּעל און ענטפערט הייזעריג און פערצווייפעלט. א צווייטער קלאַנג, א ביסעל דייט־ליכער, דערגרייכט צו מיין אויער, און אויפ׳ן ווייסטען וואַסער־פּליין פאַנגט זיך דאַן אַן א מאָדנער דועט צווישען צוויי וועלטען, וואָס זעהען נישט איינע די צווייטע. עס איז שווער צו זאָגען, פון וואַנען עס קומט די פרעמדע שטים: פון גאַנץ ווייט, אָדער פון גאָר נאָהענט, פיליכט פון פאַרענט, און אפשר ערגעץ פון א זייט. און מיר דוכט — איך זעה, ווי אויפ׳ן דעק פון יענעם פערבאָרגענעם שיף שטעהט אויך אַזא עלענדער, ווי איך, אין א לאַנגען, שוואַרצען מאַנטעל, מיט א בלאַס געזיכט און פינקלענדע אויגען, און קוקט שאַרף און ניעריג אין ווייסען, בלינדען נעבעל אַריין, און איהם דוכט זיך — ער זעהט אויפ׳ן דעק פון א פער־באָרגענעם שיף מיך, און אונזערע בליקען בעגעגענען זיך...

...דער פּייף פון ווייטען געהט פאַרביי אין א זייט און

לאזט זיך הערען שוואכער. דערנאך ווערט ער אינגאנצען דער־טרונקען אין דער נאכט.

אדיע, מיין אונבעקאנטער חבר! גריס אין מיין נאמען דעם אייביג־וואנדערענדען „פליהענדען האלענדער"...

אונזער שיף האט זיך ארויסגעשלאגען פון שלאף און לויפט שטארקער און מונטערער זיין וועגס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאכט איז ווי וואסעריג געווארען. א בלאסע, שיטערע פליסיגקייט דרינגט פון ערגעץ אין די פינסטערניש אריין, מישט זיך לאנגזאם מיט איהר און פארבט זי אלץ גרויער און גרויער. דער גרויער אבגרונד שווינדעלט אין די אויגען, און פון איהם איז נאך שווערער ארויסצובעקומען חאטש א וועלכען עס איז בע־שטימטען שטריך. עס חלום'ט זיך, אז די לופט איז פול און פול מיט עפעס אזעלכע נישט־געשטויגען־נישט־געפלויגענע, ציטערנ־דע און פלאטערנדע, בעשעפענישען, אז אט־אט חאפט דאס אויג עפעס ווייכע, פערקיילעכדיגע פארמען, וואס צעגעהען, איידער זיי קומען צו שטאנד, שטארבען־אב, איידער זיי ווערען געבוירען. עס איז אנגעקומען יענער אונפערגעסליכער מאמענט, דאס „בעגי־נען", ווען דער צייטשטראם בלייבט שטעהן צווישען דער געוועזענער נאכט און דעם מעגליכען טאג; ווען דער מלאך פון שלאף ניסט אוים אויף די ערד זיין גאנצע צויבערקראפט; ווען פער־שלאפענע יודען אין מיין שטעדטעל וואנדערען — סליחות־צייט — איבער די פינסטערע גאסען צו דער שול, ווי נאכט־גייסטער, און חלומ'ען נעהענדיג... צו מיין אויער דערגרייכען עטליכע קלעפ פון אונזער אלטען שמש'ם הילצערנעם העמערל. — קלאנ־גען, וואס זענען געבוירען געווארען, ווען איך בין נאך א קינד געוועזען, האבען מיך יאהרען לאנג ארומגעזוכט איבער דער וועלט און יעצט האבען זיי מיך אנגעיאגט אין מיטען ברויזענדען ים, — און מיין הארץ הויבט אן האסטיגער צו קלאפען זיי אנטקעגען... די לאנגע, לאנגע פערגאנגענהייט און די קורצע, מאמענטאלע געגענווארט גיסען זיך צוזאמען. די רעאלע וועלט פערוואנדעלט

זיך אין אַ חלום, חלומות ווערן ווירקליכקייט. אַרום אונזער שיף דרעהען און וויעגען זיך די דרימלענדע הייזלעך פון מיין ליעב־הארציגען שטעדטעל, עס שווימט פאַרביי די אַלטע שול מיט דער אַלטער מאַגערער „קאַלינע" נעבען איהר... מיין קינדערש הער־צעל צאַפּעלט, עס רוישען וואַסער־וועלען, עס קלאַגען זיך די גאַל־ביטערע און מאַמע־ווייכע טענער פון „שמע קולנו", ערגעץ גאַר נאָהנט קלינגט מען פיער מאָל „וואַד־שטונדען" — און איך ער־וואַך, ווי פון אַ טיפען שלאָף.

דער טאָג געהט.

די וואָלקענס ווערען דורכזיכטיגער, שיטערער, רייסען זיך ערטערווייז און ענטפּלעקען דעם מאַט־אויסגעבלייכטען הימעל. דאָס גערויש פון די וואַסערען פערלירט זיין שרעקענדען כאַראַק־טער: די וועלען שפּיעלען זיך פערשיים און לוסטיג, אַ ביסעל ווילד, ווי צעלאָזענע קינדער. גרויס און שטראַהלענד שטייגט עמיצער אַרויף דאָרט וויים, ביים ברעג פון דער פערשטאָר־בענער נאַכט. שען וועט זיין דער טאָג, וואָס קומט אָן אויף אונז!

איך קוש דיין קאַלטע, טויטע האַנד, מיין ליעבע, ליעבע מו־טער נאַכט! שען וועט זיין דער טאָג, וואָס געהט געבוירען ווע־רען, אָבער אויך דיך, מיט דיין טיפען, האַרציגען אָטעם, וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען.

אַ מאַטראָז מיט אַ בעזים אין האַנד שפּרינגט פּלוצים פון ערגעץ אַרוים אויפ'ן דעק, שוואַרץ ווי אַ טייוועל. איך האָב גע־גלויבט — אָט באַלד זעצט ער זיך רייטענדיג אויף זיין בעזים און הייבט זיך אויף אין די לופט, אָדער ער שפּרינגט אַרונטער אין ס'וואַסער און פערוואַנדעלט זיך אין אַ פערקריפּעלטען זקן, האַלב מענש, האַלב פיש. אין דער ווירקליכקייט האָט עס נישט פּאַסירט. ער לויפט פאַרביי מיר און פערזינקט אין עפּעס אַ לאָך אַזוי געשווינד, ווי ער האָט זיך בעוויזען.

דער טאָג איז געקומען.

שוויגען.

איבער׳ן ים האט געברענט דער טאג אין זיין גאנצער הער־ליכקייט. די מעכטיגע בלויע ברוסט האט זיך נאך געוויעגט ארויף און אראב נאך דער שווערע, אומרוהיגער פערבראכטער נאכט, אבער מיט יעדען מערקליכען טריט, וואס די זון האט געמאכט איבער׳ן הימעל, האט זיך דאס וואסער געשטילט אלץ מעהר און מעהר. א ברייטער שניי־ווייסער שוים־וועג, געפלעקט מיט גרין און בלוי, האט זיך געצויגען פון הינטער אונזער שיף און איז פערלוירען געגאנגען אין דער העלער גאלדענער ווייטקייט, און פון פארענט איז געליגען פונקט אזא העלע גאלרענע ווייטקייט, און פון אלע זייטען האט זי אויף אונז געקוקט, און אונזער שיף איז געוועזען דער מיטעלפונקט פון דער וועלט.

צווישען די פאסאזשירען האט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועבט א נעץ פון בעשטימטע פערבינדונגען און פערהעלטנישען. מענ־שען, וואס דאס צוזאמענלעבען אויפ׳ן שיף האט זיי צונויפגע־פיהרט צו׳ם ערשטען און, פיליכט, צו׳ם לעצטען מאל, האבען געשלאסען פריינדשאפט, זיך געיאגט נאך כבוד און געפיהרט רכילות; א יונג פארל האט געזוכט איינזאמקייט. די וועלט־געשיכ־טע האט זיך אנגעפאנגען אויפסניי פון סאמע אנהויב.

דער טאג דערוויילע איז געווארען עלטער. פון א פערשייטען יונגלינג האט ער זיך פערוואנדעלט אין א דערוואקסענעם, ערנס־טען מאן, וואס ווייסט וואס ער וויל, דערנאך אין א בעיאהרטען מענשען, וועלכער פערשטעהט וואס איהם ערווארטעט, און איז גרייט רוהיג צו בעגעגנען דאס אונפערמיידליכע... די זון האט דורכגעמאכט דריי פערטעל פון איהר טעגליכען וועג, און איהר

פנים איז געווארען עטוואס רויטער און מיעדער. די וואסערען האַ־
בען זיך כמעט אינגאנצען בערוהיגט.

און דאַן איז עפּעס געשעהען.

א פּאסאזשיר האט זיך אריבערגעבויגען איבער'ן „באָרד",
איז געשטאנען א ווײלע אין דער דאזיגער פּאזע און נאכדעם איז
ער לאנגזאם ארונטערגעפאלען אין וואסער אריין. אהן ווערטער,
אהן דעם מינדעסטען געשריי. געשעהען איז עס אזוי אונגעאײלט,
אזוי נאטירליך, אז אין ערשטען מאמענט האבען די ארומיגע
נים פערשטאנען, וואס, אייגענטליך, איז דא פארגעקומען.

א גאנצע שטונדע האבען די מאטראזען אויף א שיפעל ארומ־
געזוכט דעם דערטרונקענעם. אומגעקעהרט האבען זיי זיך מיט
גארנישט, מיעדע און פערצארנטע.

ווער איז ער?... אלע האבען בעמערקט, נאר קיינער —
געזעהען. די פּאסאזשירען זענען זיך צונויפגעלאפען אויף'ן דעק
אין א געדיכטע, שווייגענדע מאסע, ווי דערשראקענע שאף. דער
שיפס־אינטענדאנט, א הויכער, שענער יונגערמאן מיט גרויסע,
פייכט־שווארצע אויגען, איז געשטאנען פאר זיי א צעטראגענער,
מיט דער ליסטע פון די פּאסאזשירען אין דער האנד, און האט
אויף'ן קול אויסגערופען פערשיעדענע נעמען, אויף וועלכע מען
האט געענטפערט פון דער מאסע נערוועז און אײלענדיג. „דזשאהן
קליפפארד!"... „פּאאלא בערנארדיני!"... משה וויינשטיין!"... —
מיט יעדען נייעם בעענטפערטען נאמען איז די אלגעמיינע אנ־
שטרענגונג געוואקסען און געוואקסען.

— יאנקא ראוויטש!...

שטיל.

— יאנקא ראוויטש!...

קיין ענטפער. דער אינטענדאנט איז בלאס געווארען. א פּאר
קאלטע פליגעל האבען א פאך געטהון איבער'ן דעק פון שיף...

— יאנ־קא רא־א־וויטש!... — האט דער אינטערנאנט נאך
א מאל אויסגערופען הייזעריג און פערשטיקט. מיר האבען אונ־
טערגעהאפּט דעם נאמען, און די צוויי ווערטער „יאנקא ראוויטש"

האבען זיך געטראגען איבער אונזערע קעפּ, זענען אריינגעדרונגען אין אלע קארידארען, אין אלע קאיוטעס, האבען א היבשע צייט ארומגעשוועבט איבער'ן גאנצען שיף, אבער אלץ פערדומפּפּענער, שוואכער און האפנונגסלאזער... און לאנג האבען מיר געקוקט ארונטער, אויף דעם בערוהיגטען ים.

אלזא, פון דער וועלט איז אוועקגעגאנגען „יאנקא ראוויטש"... און מעהר גארנישט. פון די שיפסביכער האט מען זיך נאך דער־וואוסט, אז אלט איז ער געווען זיעבען און פערציג יאהר און קומט פון בעלגראד, סערביען.

וואס פאר א מענש איז ער געווען? ווי אזוי האט ער אויס־געזעהען? קיינער ווייסט נישט. זיינע שכנים אין קאיוטע האבען זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, ווייל ער האט שטענדיג גע־שוויגען. קיינער האט אפילו רעכט זיין פנים נישט געזעהען. דוכט זיך — א מאגערער, א ברייטביינעריגער, און אפשר נישט... אלע האבען געמערקט — קיינער האט נישט געזעהען. איצט איז ער געשטאנען פאר אונז, ווי א שרעקליכער סוד, וווי א פיינליכע רעטעניש, יאנקא ראוויטש... יאנקא ראוויטש... וואס איז געווען יאנקא ראוויטש?...

— —

די זון האט בעריהרט דעם ים מיט איהר אונטערשטען ראנד און איז געבליבען שטעהן אויף א ווייל. רויט, גרויס, מיט שארף געצייכענטע קאנטורען און טיעף פערקלערט, האט זי, קענטיג, גע־טרוימט פון איהר יוגענד, ווען זי האט צוריק מיט מיליאנען, מי־ליאנען אויפגעגנג און אונטערגענג געבוירען דעם ערשטען טאג אויף דער ערד. וואס פאר א וואונדערבארע צייט דאס איז גע־ווען! ווי גוט עס איז צו זיין א יונגער גאט, און ווי גרויס עס איז דער עלענד פון אן אלטען!...

און שטיל איז זי פערשוואונדען אונטער'ן ים.

פרעמדע, אונבעקאנטע שטערען זענען ארויסגעטראטען אויפ'ן פרעמדען הימעל. א שטילער אוונד האט זיך צעגאסען איבער דער וועלט. גאנצע מחנות שאטענס זענען זיך צונויפגעלאפען פון

אַלע עקען פון הימעל און האָבען זיך גערוקט געלעגט אויף דאָס וואַסער. אַ שטומע שווייגעניש איז אַרויסגעשוואומען פון די טיע־פענישען פון ים, האָט זיך אויפגעהויבען, איז זיך צעוואַקסען און האָט פערפילט די וועלט. און גרויס איז געווען דאָס שווייגען פונ׳ם ים, ווי ער אַליין.

— איך האָב געהאַט אַ בעקאַנטען, אַ מאָלער, — דערצעהלט מיר מיינער אַ שכן אויף דער באַנק, אַ גרויליכער, פעסט גע־בויטער מענש, מיט בלויע, פערטראַכטע אויגען, — פלעגט ער מאָלען דעם ים, איז ער פון זינען אַראָב...

— פאַר וואָס ?... — פרעג איך איהם.

— ער פלעגט זאָגען, אַז ווען דער ים רעדט, קאָן ער איהם מאָלען. מעהר אָדער וועניגער פאַרבען, אַ ווייכערער אָדער אַ שאַר־פערער שטריך — דאָס אַלעס איז מענשליך. נאָר ווען דער ים שווייגט... דערצעהלט ער איהם אַזוי פיעל, אַזעלכע זאַכען, וועל־כע ער איז ניט אימשטאַנד איבערצוגעבען אויף די לייוונד. ער האָט זיך מיר בעקלאָגט, אַז דער שווייגענדער ים נאָגט איהם אויס דעם מאַרך פון די ביינער, און דער רעדענדער — עסט זיך איהם צו מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר.און זיין רעדען קלינגט איהם ווי אַ גאַנץ געוועהנליכע „קלוגע“ פּלוידעריי...

איך האָב אַ קוק געטהון אויף מיין שכן אויפמערקזאַמער. ער האָט גערעדט געלאַסען, מאַנאָטאָן, ווי אַ פערשלאָפענער. און געקוקט האָט ער, דאַכט זיך, אויפ׳ן ים און אפשר אין ערגעץ ניט. אָבגעשוויגען אַ שטיקעל צייט, האָט ער ווידער אָנגעהויבען:

— דערזעלבער קינסטלער האָט געהאַט אַ געליעבטע, — דאָס הייסט, ע ר האָט ליעב געהאַט אַ מיידעל, וועלכע האָט איהם נ י ש ט ליעב געהאַט, זי האָט גערעדט, געזונגען, געלאַכט און האָט נישט געקאַנט פערטראָגען זיין שווייגען. נאָר ווען דער קינסטלער איז משוגע געוואָרען, האָט איהם דאָס מיידעל ליעב בעקומען. פון דאַן אַז האָט זי אויך אויפגעהערט צו רעדען, לאַכען און זינגען. זי האָט איהם גענומען צו זיך אין הויז, און אין די שטורמישע טעג, ווען דער ים רעדט, האָט מען זיי

נישט געזעהען דרויסען. נאר אין די שטילע, גאר שטילע טעג און נעכט פלעגט זי ארויספאהרען מיט איהר קראנקען געליעבטען אויף א שיפעל ווייט אין ים אריין און פערברענגען דארטען שטונדען לאנג. וואס זיי האבען דארטען געטהון, ווייס איך נישט, נאר יעדעס מאל האט זי צוריקגעקעהרט בלאסער און בלאסער. דעם סוף פון דער מעשה ווייס איך אויך נישט: כ'האב איהם נאך נישט צוגעקלערט...

מיין שכן האט זיך אויפגעהויבען פון דער באנק און איז אריבערגעגאנגען אויף די צווייטע זייט פון שיפדעק.

— נו, און די מאראל דערפון? ... — האב איך איהם נאכגעשריגען.

ער האט א מאך געטהון מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „אט לאז מיך געמאך".

א מאדנער מענש! ...

— —

דאס שיף האט זיך געוויעגט, איך האב געדרימעלט, און עמיצער האט מיר גערעדט שטיל אין אויער אריין:

— איך האב געקענט א מאלער, פלעגט ער מאלען דעם ים, איז ער משוגע געווארען... גערופען האט מען איהם יאנקא ראַווימש...

דער אייזבארג.

העלע, ווארעמע טעג האבען געבלאנדזשעט איבער'ן ים.
אויף דער יבשה האט מען איצטער ספירה געצעהלט, און וואו קיין פוס האט נישט געטראטען, זענען שארפע גראזענע צינגלער געקראכען פון דער וויכער, שמעקענדיגער ערד, האבען געשטיגען און געשאסען ארויף, צו דער וויטער, וויטער זון, דערווייל נאך שיטער און דורכזיכטיג, ווי די ערשטע וויכע הער־לעך אויף א פרישען יונגעלשען פנים. אויף דער ערד האט מען איצטער ספירה געצעהלט. און אויף די האלב הוילע צווייגען פון די בוימער האבען, ווי פערגליווערטע טראפענס טוי, געשפראצט גרינע, פולע קנאפען, שטיף פערפאקטע און פערוויקעלטע, טרא־גענדיג אין זיך די טונקעלע שאטענס, וואס די בוימער וועלען שפעטער ארום זיך פערשפרייטען. — און דא, אויף דער גלאטער וואסערפלאך — קיין בערגעל, קיין בוימעל, קיין גרעזעל, קיין איינציגער געגענשטאנד, אויסער אונזער שיף, דאס אויג זאל הא־בען אויף וואס זיך אבצושטעלען. און דאך זענען פארבען און קלאנ־גען, טויזענדער פארבען און טויזענדער קלאנגען, געשאפען גע־ווארען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע, און אזעלכע פארבען און קלאנגען, וואס די יבשה האט קיינמאל געהערט און געזעהען. די בלויע לייוועגד פון ים אויסגעשפרייט אונטען, דאס זיידענס פון הימעל פערצווינגען אויבען, און דער טאג, מיט זיין גאלדענעם פינזעל אין האנד, האט ארומגעשוועבט אין דער לופט, צווישען זיי ביידען, האט געפארבט און געמאלט, קאלירט, קאמבינירט אהן א סוף, אהן אן עק... ביי די נעכט האט עס פון דער בלוי־בלינדער וויטקייט עפעס געמורמעלט, גערעדט צי געקלונגען, וואס — האט קיינער פון אונז נישט געוואוסט, נאר סטרו־

נעם האבען געציטערט ביי יעדען איז הארצען, אין קאפ האט עס, דוכט זיך, געזונגען, צי מעשיות דערצעהלט, צי דינע חלומות גע־שפינט און געוועבט...

און ווארעם איז געווען די לופט און ווייך, ווי בוימעל.

און פלוצים, איז א ווארעמען, גאלדענעם פריהמארגען, האט ערגעץ פון א זייט א ציה געטהון א דינער, שארפער און קאלטער שטראם.

— —

שוין פון די ערשטע טעג פון אונזער רייזע האב איך גע־ווארפען אן אויג אויף צוויי פאסאזשירען פון אונזער שיף. דאס איז געווען א יונג פארל.

זי האט געהאט א שטרוי־בלאנדען קאפ. איהר פנים איז גע־ווען ניט זעהר שען, אבער... מ ע נ ש ל י ך, פערשטענדיג און אפען. א מעסיגע, פעסטע פיגור מיט קרעפטיגע, פערקייַלעכדיגטע פארמען, און א עטוואס שעלמישער שמייכעל אויף די ליפען. אלעס אין איהר האט דערצעהלט וועגען עולם הזה, וועגען א ביי־סעל צעלאזענער, נאר געזונדער, זאפטיגער, מענשליכער עולם הזה.

ער — איז געווען שען. דאס פנים איידעל און בלאס, די נאז לענגליך, און די אויגען שארף און וויטזיכטיג. די דינע, נערוועזע פינגער האבען שטענדיג געדרעהט און געצווינגען די קליינע טונקע־לע וואנסען. דעם אויבער־ראק האטער געטראגען פאנאנדערגע־שפיעלעט און דעם קאלנער פון איהם — אויפגעשטעלט.

אז זיי האבען ארומגעשפאצירט איבער׳ן דעק, איז זי גע־האנגען אויף זיין ארם; זענען זיי געזעסען אין א ווינקעל און האבען געקוקט אויפ׳ן ים, האט זי זיך שטייף געטוליעט צו׳ן איהם, — און אין איהרע אויגען האבען אימער געטאנצט פרעהליכע פינקלעך, און די ווינקלען פון איהרע ליפען האבען געציטערט פון איינגעהאלטענעם, פערשייטען, לעבענסלוסטיגען געלעכטער, ער פון זיין זייט האט מיט פערגעניגען געקוקט אויף איהר אפען, שטיפעריש פנימ׳על און אפטמאל האט ער איהר געמורמעלט

אין אויער אריין עפּעס אזעלכע זאכען, און זי פלעגט פערבייסען איהר אונטערשטע ליפּ, בייסען, בייסען און שליסליך אויסשיסען מיט אזא געלעכטער, פון וועלכען אונז אלע, זייטיגע מענשען, איז געווארען פרעהליך אויפ׳ן הארצען.

פארנאכט האבען זיי געהאט א רגילות צו זיצען א לאנגע צייט אויפ׳ן הינטערטייל פון שיף, אויף די דיקע שטריק, וואס זענען דארט געליעגען צונויפגעדרעהט אין דער פארם פון א בייגעל. און כמעט שטענדיג ווען די ויידענע פאלבען פונ׳ם אווענד׳ס מאנטעל האבען זיך געלעגט אויפ׳ן ים און פון אלע זייטען זענען זיך צו־נויפגעפלויגען אונבעשטימטע קלאנגען און האבען זיך געדרעהט הויך איבער׳ן שיף, אמאל צעוועט און צעשיטערט, אמאל פער־קניפּט און פערפלאכטען אין א שטילען, אבער שטרענגען און פייערליכען קאהר, — פלעגט ער אויסברעכען אין א געזאנג, און זיינע ליעדער האבען ווי טראפּענס געטריפט, ווי שטראמען גע־זאטען, ווי גלעקער געקלונגען. מאדנע ליעדער זענען דאס געווען! ווילד און רויה זענען זיי געשפּרונגען פון שיף און האבען זיך גע־שניטען ווייט אין אווענד אריין. אמאל האבען זיי געקלונגען ווי בייז געשעפּט און עזות׳דיג געלעכטער, אמאל — געצערטעלט און געקיצעלט, ווי א מוטער שפּיעלט זיך מיט איהר פּיצעלע און מאכט עם צו לאכען. די פּאסאזשירען זענען געווארען ווי שטום. איינער, א דיקער סוחר, וואס האט געהאט אן אויסערגעוועהנליכע תאוה צו עפּעל און האט זיי געגעסען שטענדיג, ווען ער איז נאך ניט געשלאפען, — פלעגט בלייבען זיצען מיט׳ן ביסען אין מויל, מיט דערשראקענע, אויסגעגלאצטע אויגען, קענטיג, נישט וויסענ־דיג וואס צו טהון מיט׳ן אנגעביסענעם עפּעל אין האנד. מיר פלעגט ווערען פון די דאזיגע ליעדער זעהר אונהיימליך. זיי זענען מיר געווען שרעקליך פרעמד און הארציג נאהענט אין איין און דערזעלבער צייט.

און דאן פלעגט דאס שטרוי־האריגע מיידעל בלייבען שטיל. זיך צונויפקנייטשען, ווערען קלענער, לאנגזאם אברוקען זיך א ביסעל פון איהם, און אויף איהר פּנים האבען זיך געמאלט עלענד

און פערלוירענהייט. איינמאל האט זי אויסגעשריענע מיט אנגסט:
— וואלט איך האבען האטש איין איינציג ליעד מיינס אן איי־
נענס! . . .

— —

די זון האט געברענט אין הימעל, ווי פריהער, די לופט האט
זיך בעוועגט ווייך און שוואך, ווי דער אטהעם פון א קינד אין
שלאף, און דאך איז אויפ'ן ים געווארען קעלטער און קעלטער.
געשפירט האט זיך, אז ע מ י צ ע ר געפינט זיך אט דא, ערגעץ
נאר נאהענט, אז עמיצער קומט, און זיין נאהענטקייט האט ארויס־
גערופען אין אלעמען א פערבארגענעם שרעק. מיט אנגסט האבען
מיר אלע געקוקט אויפ'ן ים, אויפ'ן הימעל, איינער אויפ'ן אנ־
דערן און ווידער אויפ'ן ים, און געווארט, און געציטערט...
דער גרויליכער פאסאזשיר, מיט די בלוטיגע, פערטראכטע
אויגען, האט דערצעהלט:
...לאנגע מאנאטען נאכאנאנד האט גאט געוויזען זיין
שטארקע האנד אין דעם ווייטען צפון. שווער האט דער ים זיך
געראנגעלט מיט דער קאלטער, אייזערנער האנד, וואס האט גע־
דריקט זיין מעכטיגע ברוסט. ער האט זיך געווארפען, געדרעהט
און געשליידערט און שרעקליך אנגעשטרענגט זיינע אומרוהיגע
ביינער און מוסקלען, — און אזוי איז ער פערגליווערט געווארען
אין זיין גרויסער אנשטרענגונג, מיט אומגעלומפערט אויסגעבוי־
גענע און צעווארפענע גליעדער, מיט'ן שטעמפעל פון טויטשרעק
און מורא'דיגער גסיסה אויף זיין געזיכט. אונטער'ן טויטען אבשיין
פון פערפרוירענעם הימעל האבען זיך געצויגען אין אלע זייטען
פון דער וועלט צעבראכענע, שארף־געשניטענע בערג און טיעפע
טאלען, און בייזע ווינטען האבען געפייפט צווישען זיי זייערע
טייוועלשע ליעדער און געשמיסען איבער זיי מיט וואלקענס שטע־
כיגע שניי־נאדלען. ביי די נעכט האט א פייערדיגע האנד זיך גע־
הויבען פון צפון־זייט, געשטיגען ביז'ן זעניט, פערדעקט א האל־
בען הימעל מיט איהר פאנטאסטישען גלאנץ, און איהרע ריעזיגע
פינגער האבען זיך שטום און לאנגזאם בעוועגט און ווי „גע'דוכנ'ט"

איבער דער פערשטארבענער וועלט... צייטענווייז האבען די ווינטען און שטורמען זיך פערשטעקט צווישען די אייזבערג און זענען פערשטומט געווארען אויף א ווייל, און דאן איז די שוויי־געניש געווען גרויס, שרעקליך גרויס, די לופט שארף און אונבע־וועגליך, ווי שטיין, און נאר גאט אליין האט אין שמאלצער איינ־זאמקיים געקוקט און געקוקט אויף די וועלט־מדבר.

שען און מורא׳דיג האט גאט געוויזען זיין האנד איבער׳ן ווייטען צפון.

דער אלטער, פעראומערטער ווייסער בער, א מעכטיגער עק־זעמפליאר פון זיין מעכטיגען מין, וועלכער האט שוין געזעהען א ביסעל גאט׳ס גרימצארן אויף זיין וועלט, האט דעם דאזיגען ווינ־טער כמעט איינגאנצען פערבראכט אין זיין העהל פון שניי און אייז. מיט יעדען טאג זענען די פאסען שמאלץ אונטער זיין פעל געווא־רען דינער און דינער. א שווערער דרימעל האט געלעהמט זיינע גליעדער און אנגעגאסען זיין קאפ מיט בליי. ער האט אונקלאר געהערט, ווי דער ווינד מיט׳ן שניי פייפען און קלאגען צווישען די הויכע אייזבערג, און צייטענווייז האט די פייפעריי דערגרייכט צו אזא פערביטערטער שארפקייט, אז דער שלאפענדער בער האט נים געקאנט איינהאלטען זיינע געפיהלען און האט ארויסגעלאזען דורכ׳ן שלאף עפעס א מין שנארכענדען ברום, און נאכדעם איז ער ווידער שווער זיך פערגאנגען אין זיין ווי פער׳שכור׳טען דריי־מעל. ענדליך, האט ער זיך דערפיהלט אזוי שוואך, אז ער האט שוין אפילו דרימלען נישט געקאנט, און זיינע אויגען האבען זיך געעפענט פון זיך זעלבסט, און א לאנגע צייט האבען זיי שטומפיג געקוקט דורך די עפענונג פון זיין העהל אויף די אונגעהייערע הויר־פענם שניי, וואס זענען צעזעעט געווען ארום, ווי קברים פון ריע־זען. דערנאך האט ער פארזיכטיג אויפגעהויבען דעם קאפ און א ריהר געטהון מיט איינעם פון זיינע פערדרשטע פיס. דאן האט ער זיך לאנגזאם אנגעהויבען צו רוקען און איז ארויסגעקראכען פון זיין העהל, אן אבגעקראכענער און צעשויבערטער, א בעווענ־ליכער זאק מיט ביינער.

עפּעס אַזוינס האָט זיך געטהון, נאָר וואָס — האָט ער ניט פערשטאַנען. עס איז געווען ליכטיג, צו ליכטיג, עס האָבען געוועהט ווינטען, ערגעץ האָט עפּעס אונטערגעקנאַקט, און אונטער די פּיס האָט עס געציטערט. ער האָט זיך געמאַכט פון דעם אַלעם גאַנץ ווענִיג און האָט גענומען בלאַנקען זיך איבער'ן אייז, האָט געגראַבעלט ערטערוויין אין שניי און עפּעס געזוכט. ער האָט גאַרנישט געפונען, און אַז עס איז געוואָרען פינסטער, האָט ער ווידער איינגעדרימעלט. ווען ער האָט ערוואַכט, איז ווידער געווען ליכטיג, ער האָט ווידער עפּעס געזוכט און, ווי פריהער, גאַרנישט געפונען. דאָס מאָל איז ער געוואָרען בייז און האָט גאַנץ לאַנג געברומט, סתם אין די וועלט אַריין. די צווייטע נאַכט האָט עס שטאַרק געקנאַקט, אַלעס האָט זיך ווי געשאָקעלט און געדרעהט, און דער בער איז אין שלאָף געווען זעהר אומרוהיג. צו'ם טאָג איז געוואָרען רוהיגער. ער איז אַרויס פון דער העהל און האָט זיך אַוועקגעלאָזען זוכען עסען, נאָר אַבגעהענדיג אַ קורצע שטרעקע, איז ער געקומען צו אַ וואַסער. ער האָט אַ שמעק געטהון מיט דער נאָז, האָט זיך אַבגעקעהרט אין אַ זייט און איז ווידער געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו אַ וואַסער. פיעל מאָל האָט ער גענומען אין אַנדער ריכטונג, אָבער וואוהין ער האָט זיך געווענדעט, האָט ער ווידער און ווידער בעגעגענט וואַסער. זיין העהל האָט זיך געפונען ביי'ם פוס פון אַ גאַנץ הויכען שניי־באַרג. אויף דעם דאָזיגען באַרג האָט דער בער אַרויפגעקלעטערט און זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס, דול און צעטומעלט. פון דאָנען האָט ער געזעהען, אַז זיין מלוכה איז גענוג קליין און אַרום איהם בלויעט וואַסער און וואַסער. אין דער ווייטענס זענען געשוואומען נאַקעטע, ווייסע אייזבערג און האָבען בלענד און שטענדיג געברענט געגען דער זון. דער בער האָט ניט פערשטאַנען, לחלוטין גאַרנישט פערשטאַנען. ער האָט אויפגעהויבען אַ לאַפּע און אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען, דערשראָקענעם און קלאַגענדיגען ברום, ברייט און פערדומפּפען, ווי פון אַ פוסטער פאַס...

...טעג און וואָכען איז דער אייזבאַרג געשוואומען אַלץ

ווייטער און ווייטער, פון ים צו ים וואנדערט ער, פון וואסער צו וואסער, און מיט יעדען טריט דערנעהערט ער זיך לאנגזאם און זיכער — צו זיין אייגענעם טויט. נישט איינמאל פערלירט ער פּלוצים זיין גלייכגעוויכט און קעהרט זיך איבער, און דאן ענט־פּלעקען זיך אין זיין ריעזיגען קערפּער טיעפע, צעגעסענע וואונ־דען. דער שניי איז שוין לאנג פון איהם אראב. יעצט בעשטעהט ער פון ריינעם, לויטערן, דורכזיכטיגען אייז, ערטערווייז פער־וואשען און פערקיילעבדיגט, ערטערווייז — שפּיציג און שארף, ווי א גאלמעסער. ער געהט, און זיין קאלטער אטהעם געהט פאר׳־אויס און דערצעהלט וועגען זיין קומען... ער געהט — און דער־צעהלט אויף שטום־לשון, וואס פאר א שרעקליכער ווינטער עס איז געוועז אין ווייטען צפון, ווי שווער געשמיעדט דער ים איז געוועזן און ווי עלענד גאט איז אין יענע מקומות...

— —

אלע זענען געווען אויפ׳ן דעק. אלע האבען זיך צונויפגעש־שלאגען אויפ׳ן דעק און האבען געשיקט זייערע אנגעשטרענגטע בליקען אין ים אריין, אויף וועלכען מ׳האט נאך דערוויילע גארנישט געזעהען. פון ווייטען האב איך בעמערקט מיין יונג פּארל און האב זיך צוגערוקט נעהענטער צו זיי. ער איז געשטאנען אין זיין פאַ־נאנדערגעשפּיליעטען ראק מיט׳ן אויפגעשטעלטען קאלנער, זעהר בלאס, בלאסער ווי שטענדיג. זי — נעבען איהם. אויף איהרע אקס־לען איז געליגען א ווארעמע שאל, און אויף איהר נישט גרויסען שטערן האט געהויערט א וואלקען, ווי א פארגעפיהל פון עפּעס בייזעס, וואס רוקט זיך אן אויף איהר קאפּ. ער האט געקוקט אויפ׳ן ים, און זי — אויף איהם.

רעכטס ביי׳ם האריזאנט האט זיך פּלוצים ארויסגעשטעקט פון וואסער א גליהענדער גאלדענער שטרייף, ווי א בלאנקער שווערד, האט זיך אריינגעשטאכען אין הימעל, האט זיך איבער־געדרעהט און איז מאמענטאל פערלאשען געווארען. עטליכע סע־קונדען זענען פארביי; דער עולם אויפ׳ן שיף האט נישט גע־עטהעמט. און ווידער האט עס א פינקעל געטהון אין דער וויי־

טען. דאָס מאָל איז אַ שאַרפער שפּיץ געשליידערט געוואָרען אַרויף, און באַלד נאָך איהם אַ צווייטער און אַ דריטער. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער גאַנצער אייזבאַרג שאַרף אָבגעצייכענט אויפ׳ן ים, ברענענדיג אין איין העלישען פייער. די זון האָט גע־מאַכט אויף איהם אַ שטירמישען אָנפאַל און האָט איהם בעשאָ־סען מיט דינע, לאַנגע און הייסע פיילען. ער האָט זיי געצויגען פון זיינע וואונדען, געבראָכען זיי אויף שטיקלעך און שוין אָבגע־קיהלטע, הגם פינקלענדע, געשמיסען זיי צוריק איהר אין פּנים אַריין. שטום און פערביסען איז אָנגעגאַנגען די שלאַכט אויף לע־בען און טויט. דער באַרג האָט זיך לאַנגזאַם געדרעהט אַרום זיך און געוויזען אַלע זיינע באַטאַרעען. ער איז געגאַנגען געגען זיין טויט אין קאַלטען, שטאָלצען און שטראַהלענדען עלענד, אין וועל־כען ער איז געבוירען געוואָרען דאָרט, אין ווייטען צפון.

ער איז פאַרבייגעשוואומען ביי אַ זייט און האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערשווינדען. און דאַן איז מיין בליק ווידער גע־פאַלען אויף דאָס יונגע פּאָר. זי איז געשטאַנען אַליין, מיט אויס־געשטרעקטע הענד און ציטערנדע ליפּען, און מיט טרערענפולע אויגען האָט זי געקוקט צו איהם. ער איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהר, מיט פינקלענדע אויגען, וועלכע ער האָט דאָרשטיג און אונענטשלאָסען געווענדעט — אַמאָל צו׳ם פערשוואונדענעם באַרג, אַמאָל צו׳ם הימליכען, נאָהענטען געזיכט פון זיין געליעבטער.

העלשטערן.

מיר האָט זיך געדאַכט — יאָהרען זענען פערביי, זינט מיר האָבען דעם ברעג פערלאָזען, און אונזער שיף איז נאָך אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, און ווי עס האָט נאָך זיך ניט געלאָזען קיין שפּור, אַזוי האָט עס, דוכט זיך, ניט געהאַט קיין צוועק. יעדען טאָג מיטאָגס־צייט האָט מען ארויסגעהאָנגען אַ קאַרטע, וואָס האָט געוויזען, וויפיעל מיר זענען אָבגעפאָהרען און וויפיעל עס איז נאָך געבליבען צו פאָהרען, אָבער ביסלעכווייז האָבען מיר אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט דער קאַרטע: אַרום און אַרום איז געוועזען וואַסער און וואַסער, וואַסער און וואַסער, טאָג איין, טאָג אויס, און עס האָט זיך פיעל בעסער געלעגט אויפ'ן געדאַנק, אַז אונזער שיף דרעהט זיך אַרום זיך זעלבסט, געהט נישט וועניגער און געהט־איין נישט מעהר ווי אַ זייגער. פּראָזאַאיקער, וועמען דער עסק האָט זיך צוגעגעסען, האָבען געטרונקען ביער און געשאָלטען די ענדלאָזע רייזע אויף וואָס די וועלט שטעהט. דאָס וועטער אַפילו האָט זיך איינגעשטעלט: קיין שטורם, קיין נעבעל, העלע טעג, בלויע נעכט, אַ פריש ווינטעל — און קיינע ענדערונגען.

און דאַן האָבען מיר אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז ערשט איצט בעקענען מיר זיך מיט'ן ים. פון אונטער דער דאָזיגער איינאַרטיגקייט האָט אונז די אייביגקייט פּלוצים צוגעוואָרפען אַ בליק מיט איין אויג, און אַ חשד האָט ביי אונז ערוואַכט, אַז אַזעלכער, פונקט אַזעלכער, איז דער ים געוועזען מיט טויזענדער און מיליאָנען יאָהרען צוריק, טאָג נאָך טאָג, יאָהר נאָך יאָהר און יאָהרהונדערט נאָך יאָהרהונדערט. און אַז אומעט האָט אָנגעפילט אונזערע הערצער, און קיינער פון אונז האָט ניט געוואוסט, וואָס איז די אורזאַך

דערפון: די אייביגקייט פון ים אדער די קורצקייט פון אונזער לעבען.

איך ווייס נישט, ווי אזוי קינדער פון אנדערע פעלקער טרוי־מען וועגען דעם ים. מעגליך, אז זיי חלומ'ען זיך שרעקליכע גייס־טער, ים־שלאנגען, וואסער־מיידלעך — די רעכטע נקבות, וואס גאט זאל אבהיטען פון זיי יעדען טרייען גלויביגען. צווישען אונז גערעדט, זענען זיי אלע — גאנץ אונשולדיגע בעשעפענישען. אין ערגסטען פאל, קאן מען פון זיי ערווארטען, זיי זאלען אמאל אריינחאפען אין זייערע קריסטאלענע פאלאצען אויפ'ן גרונד פון ים עפעס א שענעם, בלאנדען פישער, וואס האט א שוואכהייט צו פרויען־געזאנג, און זיין יונג ווייבעל זאל זיך נעבעך אויסוויינען די אויגען, זיצענדיג ביי'ם שפינדעל און אויסקוקענדיג אויף איהר הארצענס־געליעבטען. — ביי מיר אבער געהט פון געדאנק נישט ארויס יענע האק, וואס איז אריינגעפאלען אין ים מיט טויזענד יאהר פאר רבה בר בר חנה'ס צייטען און איז אין זיין צייט נאך אלץ צו גרונד נישט געקומען. פארהאן א סברא, אז דאס איז נישט געשעהען נאך ביז היינטיגען טאג, און ווען איך שטעל מיר פאר, אז די האק „פאלט" נאך ערגעץ פייל אוים'ן בויגען און קאן נישט דערפאלען, — געהט מיר איבער א קעלט איבער'ן לייב...

וואויל איז דעם געלעהרטען! ערשטענס ,ווייסט ער אלעס און, צווייטענס, ווייסט ער, וואס דער ים איז. דער ים איז — וואסער. וואסער, און מעהר גארנישט. אז מיר האבען א גלאז, וואס ענטהאלט אזויפיעל און אזויפיעל קובישע סאנטימעטער וואַ־סער, „קאן מען מאכען" אן אקעאן. ביז איך אבער נישט קיין געַ־לעהרטער, און מיר חלומ'ט זיך אלץ, אז ווען דער רבונו של עולם בלייבט איבער אליין, פנים אל פנים, מיט זיין גרויסער בעשעפעַ־ניש; ווען קיין איינציג מענשליך אויג, א פשוטא שוין קיין אויג פון א געלעהרטען, שוועבט נישט איבער די ברייטע וואסער־פעלדער, — פאלט ער, כביכול, ביי זיך אראפ פון דעם, וואס ער אליין האט בעשאפען. און אזוי קוקען זיי ביידע, דער בעשעפער און זיין בעשעפעניש, איינער אויפ'ן אנדערן און שווייגען, און

דאס קול פון זייער שווייגען געהט פון איין עק וועלט ביזן צווייטען. אזוי ציהט זיך עס ביז — ביז עס קומט א שטארקערער פון זיי ביידען: דער געלעהרטער מיט זיין כלי פון אזויפיעל און אזויפיעל סאנטימעטער אומפאנג. — — —

— — — און אזוי איז נאך א מאל, צווישען אלע אנדערע מאל, געווארען נאכט, און דער ים האט שימערירט אונטער דער שיין פון די שטערען.

אויפ'ן אויבערדעק פון שיף, אין א ווינקעל, האב איך דערזעהען מיין שכן, דעם פאסאזשיר מיט די ברייטע אקסלען, גרויליכע האר און בלויע אויגען. ער איז געליגען אויף א זעגעל, וואס איז געווען אויסגעשפרייט איבער'ן דעק, און האט געקוקט אין הימעל אריין. צוגעלעגט זיך צו איהם, האב איך בעמערקט אויף זיין פנים א שמייכעל. אויף מיין פראגע, האט ער א ווײלע געשוויגען, דערנאך גלייכגילטיג געזאגט:

— אויב איהר ווילט, וועל איך דערצעהלען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...דאס שארפע שרייענדע ליכט האט ענדליך אבגעפלאסען פון דער ערד. ערטערווייז, ערגעץ אויף א שפיץ פון א בארג אדער אויף א געקרייזעלטען קאפ פון א בוים, האט זיך נאך פערהאלטען א קורצע צייט א שוואכער, רויטליכער גלאנץ, נאר ביסלעכווייז האט ער זיך געטונקעלט, זיך געלאשען און איז ווי אויסגעהויכט געווארען אין די לופט אריין. די אונענדליכקייט איז צוגעטראטען נעהנטער און האט שטיל אריינגענומען די ערד אין איהר שוים. עס איז געבוירען געווארען דער מאמענט, ווען מענשען זאגען: די נאכט איז געקומען.

אין דער ווירקליכקייט איז קיין זאך נישט געקומען; עס איז בלויז עפעס אוועקגעגאנגען. די אויגען־רייסענדע זון, מיט איהר שטראהלען־טאראראם און פארבען־געפילדער, פערטויבט און פערבלענדעט די ערד און פערשטעלט פון איהר די אונענדליכקייט. ביי דער שיין פון טאג קריכט יעדע קליינינקייט אויף דער ערד ברייטליך פאר'אויס, שפרינגט מיט דער חוצפה פון א הדיוט אין פנים

אריין, און איך דאכט זיך — עפּעס אַן אַנשיקעניש טאַנצט פאַר אייערע אויגען, קלאַפּט זיך אין האַרצען, שלעפּט אייך פאַר די לאַ־צען, און אַן איינגעגעסענע שטים גרילצט אייך אין די אויערען מיט שבועות און חרמות: „איך... הערט איהר?... ווי איהר זעהט מיר לעבען!... איך... לאָזט זיך דיענען!...” מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג יאָגט זיך דער געדאַנק נאָך עפּעס אַזוינס זעהר וויכטיגעס, זעהר נאָהענטעס, וואָס דאָס איז גאָר דער עיקר, און וועלבעס גליטשט זיך פאָרט אַוועק יעדעס מאָל, פערטריבען פון דער שיין און געפּילדער וואָס אַרום. ווי אַן אומגעריכטער שטורם פאַלט דער טאָג אַרויף אויף די ערד, טרייסעלט זיך דורך, צעדולט זי, צעמישט זי — און ווערט פערשוואונדען. דאַן פליהען זיך צוזאַ־מען פון אַלע עקען פון דער וועלט שאָטענס, שטילע, טונקעלע שאָטענס, און לעגען זיך אויף די ערד געדיכט און געדיכטער. די לצים און קליפּות פונ׳ם טאָג ווערען נעלם, די ערד קומט ביסלעכ־ווייז צו זיך און צו איהר נאָרמאַלע צושטאַנד, און פערנעהמט איהר פּלאַץ אינ׳ם וועלטרוים, אין דער בלויער אונענדליכקייט. און מען־שען זאָגען: די נאַכט איז געקומען.

און ווידער — צו׳ם וויפיעלטען מאָל?... — זענען אויפ׳ן הימעל אַרויסגעטראָטען די שטערען און האָבען זיך גענומען צו זייער עובדא: צו קוקען, בלויז קוקען... מאַנכע האָבען געקוקט גלייך אויף די ערד, ווי זי וואָלטווירקליך זיין דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט, אַנדערע — איינער אויפ׳ן צווייטען, און די דריי־טע — פאַרביי און פאַרביי, אַהין, וואוהין מיין און אייער אויג וועלען קיינמאָל נישט גרייכען, וואו דער עלענד איז אַם גרעסטען און וואו אַלעס איז אַנדערש ווי איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען. און בלויז איין שטערן איז געווען אַזעלכער, וואָס האָט געשיקט זיינע בליקען איבעראַל אין איין און דערזעלבער צייט: צו דער ערד, צו זיינע ברידער די שטערען און אויך ווייט אַהין, וואוהין מיין און אייער אויג וועלען קיינמאָל, קיינמאָל נישט דערגרייכען. און דער איינער איז געווען „העלשטערן”.

זיין נאָמען האָט ער געקראָגען פאַר זיין לויטערן גרין־בלויי־

כען בליק. געווען איז ער ניט פון די גרעסטע, ווי אויך ניט פון די קלענסטע, אבער קיינער פון זיינע ברידער האט ניט פערמאגט אזא טיעפען בליק, וועלכער האט, דוכט זיך, געזאגט: „א שען ביסעל זאכען האב איך עס געזעהען, זינט איך שטעה אט דא און קוק!“ ער האט געזעהען, ווען די ערד איז נאך נישט געווען, ווען זי איז געווארען, און ווי אזוי זי איז געווארען. ער האט געזעהען, ווען אויף דער ערד איז נאך ניט געווען ניט ווער עס זאל זעהן, ניט וואס צו זעהן. זיין גרינער בליק איז געזונקען אין ס'פייער פון דעם נאר וואס געבוירענעם פלאנעט, האט זיך שפעטער געבראכען אין מיליאנען פונקען אויף די אונגעהייערע אייזפעלדער פון דער ערד'ס אבגעקיהלטער שאל, האט איין יאהרטויזענד נאכ'ן צווייטען נאכגעפאלגט די אלע ענדערונגען, וואס זי איז אויסגעשטאנען, איידער אויף איהר האט זיך בעוויזען „לעבען“, ווי אויך דאן, ווען דאס האט זיך בעוויזען און זיך גענומען ענטוויקלען. און ווען דער ערשטער מענש אויף דער ערד אין זיין ערשטער נאכט האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו'ם הימעל, האט ער גלייך בעגעגענט דעם טיעפען בליק פון אן אלטען, אלטען שטערן — און איז געבליבען שטעהן דערשראקען און פערשטיינערט. דורך דעם בליק האט דער שטערן דערצעהלט, וואס ער האט געזעהען אויף דער ערד, פאר דער ערד און אויסער דער ערד...

דער דאזיגער ערשטער בליק האט א בריה געטהון דעם מענ־שענ'ס נשמה און האט אנגעצונדען א פייער אין איהר, א געפיהל פון שארפער בענגשאפט אהין, וואו דער עלענד איז אם גרעסטען און וואו אלעס איז זעהר, זעהר אנדערש. א רויהער, ווילדער און דאך הארמאנישער אויסגעשריי האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט. העלשטערן'ס בליק האט געפונען א תקון: ער האט זיך פערוואנדעלט אין א שירה, וועלכער עס איז בעשערט פערשטומט צו ווערען און צו פערשווינדען פון דער ערד ערשט צוזאמען מיט'ן מענשען.

און אזוי האט העלשטערן'ס שטראהלענדער בליק גענומען

בעגלייטען דעם מענשען, וועהרענד דער לעצטער האט געבויט זיין לעבען אויף דער ערד. מוטיגע ים־דרייזענדע, פיהרענדיג זייערע שיפען איבער די טיפע וואסערען, האבען געזוכט און געפונען זייער וועג מיט דער הילף פון די שטערען בכלל און פון חעלשטערן בפרט. פערליעבטע האבען געשיקט צו איהם זייערע זיפצען און דעם ארמאט פון זייער יוגענד, פאעטען האבען איהם געשאנקען יעדען ציטער פון זייער נשמה אין טענער, פארבען און שטריכען. און דער שטערן האט דאס אלעס איינגעזאפט אין זיך און צוריס־געגעבען עס די נאכקומענדע דורות, און פאר יעדען נייעם דור איז אלץ רייכער און טיפער געווארען דער אינהאלט פון זיין בליק. און פיעלע שטערנזעהער פון פיעלע דורות האבען פערבראכט זייערע נעכט קוקענדיג אויף העלשטערן דורך זייערע גלעזער און שטודירענדיג זיין פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט. און אויסגעפונען האבען זיי וואונדערליכע זאכען: ער איז דער גרעס־טער פון אלע שטערען און דער וויטסטער פון דער ערד, און דאס האבען זיי בעוויזען ווי צוויי מאל צוויי, מיט דער הילף פון א לאנגער רייהע פערפלאנטערטע אויסרעכנונגען. זיי האבען אוים־גערעכענט זיין וואג, זיין גרוים, זיין וועג אין דעם וועלטרוים, די שטאפען, פון וועלכע ער איז צוזאמענגעשטעלט, און זיין וויים־קייט פון אונזער ערד. און דאס לעצטע איז געוועזען דאס וואונדער־בארסטע: ער איז געוועזען אזוי וויים, דאס זיינער א שטראהל האט פערבראכט אין וועג פונקט 9,347,657,000 יאהר, 52 טעג, 18 שטונדען, 49 מינוטען און 22½ סעקונדע, איידער ער האט גע־גרייכט די ערד. אזוי האבען די געלעהרטע בעוויזען, און א פראס־טער בשר־ודם האט געשטוינט — פאר זייער חכמה און פון גאט'ס וואונדער. — — — —

— — — און אט אין יענעם אווענד, פון וועלכען איך דער־צעהל אייך דא, זענען געזעסען — אין א לאנד, אין א שטאדט, אין א גארטען, אויף א באנק — א יונגער בחור מיט א שען מיידעל און האבען געקוקט אויף העלשטערן. און אלע האבען געוואוסט — און פאר וואס זאלען מיר אויך ניט וויסען? — וואס עס בעטייט, ווען

א בחור מיט א מיידעל קוקען אויף העלשטערן. ערשט דעם אווענד האבען זיי זיך בעקענט, און האבען גערעדט וועגען קליידער און בי־כער, וועגען גאָט און דער וועלט, און ווען זיי האבען אלעם אבגע־רעדט, זענען זיי אנטשוויגען געוואָרען. און דא האבען זיי דער־פיהלט, אז עס זויגט ביי׳ם הארצען, און זייערע אויגען האבען זיך געווענדעט צו העלשטערן, און א לאנגע צייט האבען זיי שוויי־גענדיג געטרונקען זיין טיעפען גריןגאָלדענעם בליק.

און פּלוצים האט דער בחור א ריב געטהון מיט דער האנד זיינע אויגען, האט איבערגעפיהרט זיין בליק אויף דאס מיידעל און צוריק אויפ׳ן הימעל. און דאס מיידעל האט דורכגעריבען איהרע אויגען און האט א קוק געטהון אויפ׳ן בחור און צוריק אויפ׳ן הימעל. דערנאָך זענען זיי ביידע אויפגעשטאנען פון דער באנק, פערוואונדערטע און א ביסעל דערשראָקענע.

פאר זיי אין די אויגען איז העלשטערן פּלוצים פערשוואונדען געוואָרען. ער האט זיך אויסגעלאשען, ווי א ליכט.

ווען דער בחור מיט׳ן מיידעל האבען זיך געזעגענט ביי דער טיר פון איהר וואוינונג, האט זי א געניץ געטהון, טראכטענדיג, אז בעת׳ן רעדען שפּריצט ער פון מויל, און דער בחור האט אין הארצען געלעסטערט גאָט, דערפאר וואס איהר פעהלט איין אויי־בערשטער צאהן, דערצו נאך גאנץ פון פאָרענט.

אויף מאָרגען האט מען געשריעבען אין אלע צייטונגען איבער דער גאנצער וועלט וועגען העלשטערן׳ס פערשווינדען. דערנאך האבען עס די געלעהרטע גענומען אין זייערע הענד.

די ערשטע השערה, וואס א בעריהמטהייט האט ארויסגעזאָגט, איז בעשטאנען דעריין, אז העלשטערן איז געשטאָרבען א נאטיר־ליכען טויט: ער האט זיך אבגעקיהלט און איז פערלאשען געוואָ־רען, „אט ווי עס וועט אמאל פערלאשען ווערען די זון פון אונזער סיסטעם"... און איהר וואלט זיך געמעגט פערגינען זעהן, מיט וואס פאר א גיפט און שארפזין א קאלעגע פון אן אנדער לאנד, אויך א בערימטהייט, האט בעוויזען דעם ערשטענ׳ס עם הארצות: אפילו א קינד קאן פערשטעהן, אז א נאטירליכער טויט

קומט נישט פאר אט אזוי פלוצים, אז ווען די השערה וואלט גע־
האט אין זיך חאטש א שאטען פון וואהרשיינליכקייט, וואלט מען
שוין לאנג בעדארפט מערקען, אז העלשטערן ווערט טונקעלער
און טונקעלער. צום סוף האט דער קאלעגע ארויסגעשטעלט זיין
אייגענע היפאטעזע: א גראנדיעזע קאטאסטראפע אינ'ם וועלט־
רוים, א צוזאמענשטויס פון צוויי סיסטעמען, און אלס רעזולטאט
— די פערניכטונג פון איינעם אדער פון ביידען.

קומט צו געהן א דריטער וויסענשאפטסמאן און גיט צו פער־
שטעהן קלאר, ווי דער טאג, אז אזא סארט קאטאסטראפע וואלט
ארויסגערופען א גאנצע רייהע ערשיינונגען אויפ'ן הימעל: פא־
לענדע שטערען, וואנדערנדע קאמעטען, צעזעעטע און פערוואַ־
געלטע שטיקער פון די חרוב געווארענע וועלטען. ניין. די זאך
מוז און קאן ערקלערט ווערען וויסענשאפטליך גאנץ אנדערש...

דער ענין איז געווארען הארבער און פערפלאנטערטער. עס
האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אונטער געוויסע וויסענשאפטליכע
טעאריעס וואקעלט זיך דער באדען, און זייערע געגנער און אנ־
הענגער זענען ארויס איינע געגען די צווייטע מיט אנגענורטע
לענדען. דער וכוח איז ביסלעכווייז אבגעצויגען געווארען פון העל־
שטערן גאר אן א זייט. אמת, דעם פראסטען בשר־ודם, וואס איז
ווייט פון וויסענשאפט, איז די מעשה געווען נאך א ביסעל פריק־
רע: מתו מוטל לפניו, א מת, וואס האט אזוי פיעל גענומען און
אזוי פיעל געגעבען, — האט דאס הארץ טאקע וועה געטהון. אבער
— עס זענען פארהאן נאך אנדערע שטערען, נישט וועניגער
אלט, נישט וועניגער בכבוד'יג, און, כ'מיין — וואס זאל מען
טהון?

מ'האט אנגעהויבען פערגעסען.

דארף זיך מאכען, אז ערגעץ איז א מיטעלער פראווינציעלער
שטאדט זאל זיך געפינען א גימנאזיסט, וואס איז שוין פון דער
התחלה אוועקגעגאנגען אויף א שלעכטען וועג; דהיינו: דער
חברה'מאן לערנט נית, טהוט אב שפיצלעך די לעהרער פון דער
גימנאזיע, טרינקט ביער ווי א דייטש, און די דערוואקסענע גימ־

נאַזיסטקעס האָבען פון איהם, ווי זיי פערזיכערען, „אבגעשניטענע יאָהרען". געהט זיך דער בחור איינמאָל בייננאַכט איבער דער גאַס, געהט און שאַקעלט זיך, און מאַכט מיט די הענד, און רעדט צו זיך אַליין, אויסזעצענדיג אין שענער, ריהרענדער מליצה אַ פּראָטעסט פון אַ פערוואונדעטען הארצען געגען דער האַרצלאָזער קעלנעריין פונ'ם שענקעל, וועלכעס ער האָט נאָר וואָס פערלאָזען. דערמאָנט ער זיך פּלוצים — גאָט ווייסט ווי אַרום — אַז העלשטערן, אַז זיין אונערוואַרטעטען סוף, זיין לאַנגע, רייכע קאַריערע, זיין גרוים, זיין ווייטקייט פון דער ערד... „9,347,657,000 יאָהר, 52 טעג, 18 שטונדען, 49 מינוטען און 22 מיט אַ האַלבער סעקונדען!..." מורמעלט ער פאַר זיך מיט ענטציקונג און צערטליכקייט, הגם איך בין נישט זיכער, אַז אין זיין שכור'ן מח זענען די ציפערען נישט אַרויסגעקומען אַ ביסעל פערפּלאָנטערט. „העכער ניין מיל־יאַרד יאָהרען פלעגט דויערן, ביז זיינער אַ שטראַהל איז אָנגעקומען צו דער ערד... אַ שטראַהל... ניין מיל..."

דער גימנאַזיסט איז פּלוצים געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס. אין איין רגע איז ער געוואָרען ניכטער, און וועהרענד זיין קערפּער האָט געפיעבערט פון קעלט, האָט ער מיט זיין האַנד געווישט דעם שווייס פון שטערן. דערנאָך איז ער צוגעלאָפען צו אַ גאַסען־לאַמטערן, האָט אַרויסגעכאַפּט אַ נאָטיץ־ביכעל און אַ בליישטיפט און האָט גענומען שרייבען, און זיינע הענד האָבען זיך דערביי געטרייסעלט, ווי אין אַ קדחת.

אויף מאָרגען האָט זיך בעוויזען אין דער שטאָדטישער צייטונג אַ קליינע בעמערקונג, געדרוקט אָנשטאָט אַ לייטאַרטיקעל און מיט שוואַרצער שריפט:

„די וויסענשאַפט איז יעצט שטאַרק בעשעפטיגט מיט ער־קלערען די אורזאַך פון העלשטערן'ס פערשווינדען פון אונזער הי־מעל. מיר ווילען דאָ מאַכען דעם עולם אויפמערקזאַם אויף אַן אַנ־דער זייט פון דער דאָזיגער וועלט־פּאַסירונג. דיזעלבע וויסענשאַפט האָט אויסגערעכענט און בעוויזען, אַז די שטראַהלען פון העלשטערן פערברענגען אין וועג צו דער ערד 9,347,657,000 יאָהר, 52 טעג,

18 שטונדען 49 מינוטען 22 מיט א האלבער סעקונדע. דאס הייסט, אז דער לעצטער שטראהל זיינער האט פערלאזען דעם שטערן צו־ריק מיט העכער ניין מיליארד יאהרען. דאס הייסט, אז העלשטערן איז טויט שוין העכער ניין מיליארד יאהרען, נאך איידער דער מענש האט זיך בעוויזען אויף דער ערד, נאך איידער, פיעלייכט די ערד האט עקזיסטירט. דאס הייסט, וויטער... אבער די וויטע־רע בעדייטונג פון דעם דאזיגען פאקט איז שוין קלאר פאר אלע־מען...“

די דאזיגע בעמערקונג איז איבערגעלאפען די גאנצע וועלט.—

— — — אין יענעם יאהר האבען פאסירט א סך אומגליקען אויפ׳ן ים.

איין קאפיטאן, פיהרענדיג זיין שיף ביי דער שיין פון אויסגע־שטערנטען הימעל, האט זיך פלוצים א חאפ געטהון פאר׳ן קאפ, האט א קוק געטהון ארויף, צו די רוהיגע שימערירענדע שטערען, מיט אונצוטרוי און פערבארגענעם שרעק — און האט אנגעהויבען צו געבען פערשיעדענע און ווידער־שפרעכענדע בעפעהלען צו די מאטראזען, וואס זענען געשטאנען ביי׳ם רעדעל. ביז היינטיגען טאג ווייסט מען ניט, וואו דאס שיף איז אהינגעקומען. א צווייטער האט געמאכט דיזעלבע העויות און האט מיט פערצווייפלונג צעבראָ־כען און ארויסגעווארפען דעם קאמפאס פון׳ם שיף. אזוינס אדער עהנליכעס האט געטראפען מיט פיעלע קאפיטאנען, פון פערשיע־דענע שיפען, אויף אלע ימים. דער סוף איז געווען — מאנכע שי־פען זענען ארויף אויף שטיינער, אנדערע האבען געליטען פון צוזאמענשטוסים, און פיעלע זענען סתם פערשוואונדען געווארען אויף אייביג.

אין יענעם יאהר זענען קיין חתונות ניט געווען, — גארנישט, קיין איינציגע נישט. אזוי לאנג א בחור מיט א מיידעל זענען געזע־סען אין די אווענדען און האבען געשמועסט — האבען זיי גע־שמועסט. קוים אבער זענען זיי אנטשוויגען געווארען און האבען,

ווי זייער שטייגער איז, געהויבען די אויגען צו די שטערען, האבען זיי פלוצים געשפּירט א שוידער: זיי האט זיך גערעכט, אז טויטע אוינגעלעבער פון לאנג פערטריקענטע פּגרים קוקען אויף זיי, אז געלע צייהן קנאקען, און שצירען זיך, און לאכען מיט א ביינער־נעם געלעכטער.

פון די אנדערטהאלבען מיליארד מענשען, וואס זענען פאר־האן אויף דער וועלט, האבען זיך געפונען 347, וואס האבען אנגע־נומען די מעשה פאר זייערע א פערזענליכע קריוודע. וואס זשע האבען זיי געטהון, — זענען זיי געגאנגען און האבען זיך גענומען דאס לעבען. 99 פון זיי האבען זיך געשאסען, 68 גע'סמ'ט, 64 האבען זיך געהאנגען, און די איבעריגע האבען זיך אנגעטהון אנ־דערע מיתות משונות. זיי אלע האבען איבערגעלאזען בריעף, גע־שריעבען מעהר אדער ווייניגער ליטעראריש, אין וועלכע עס האבען זיך געפונען די ווערטער „שאפענהויער“, „העלשטערן“, נישט שטענדיג לאגיש צוזאמענגעקניפּט, און כמעט אלע האבען זיך גע־ענדיגט מיט א ווארעמער, פריינדליכער עצה צו דער גאנצער וועלט נאכצוגעהן זיי אויף דעמזעלבען וועג. דערפאר אבער האט זיך אין יענעם יאהר קיינער ניט גענומען דאס לעבען צוליעב געוועהנליכע סבות, ווי אומגליקליכע ליעבעס, קארטען־שפּיעל, באנקראטען, — אזוי אז צו אלעמענ'ס וואונדער איז די צאהל פון זעלבסט־מארדען אין יענעם יאהר געווען בעדייטענד קלענער ווי אלע יאהר.

און אזוי האבען די שטערען געלויכטען, ווי פריהער, נאר די מענשען — די מענשען האבען זיך ארומגעבלאנקעט איבער דער ערד פערלוירען, צעטומעלט, ווי שאף אין א שרפה...

מיין שכן איז שוין לאנג אנטשוויגען געווארען. דאס שיף אונטער אונז האט זיך לייכט געוויעגט, און מיר זענען געליעגען און האבען געקוקט אויף די שטערען. אונבעשטימטע מחשבות הא־בען ארומגעבלאנדזשעט ביי מיר אין קאפּ.

ערשט אויף מארגען, אין א העלען נאכמיטאג, האב איך גע־

פרעגט מיין שכן וועגן דעם סוף פון דער מעשה. ער האט זיך צעלאכט.

— א, איהר נעהמט עס אז צו ערנסט!... — האט ער שפאַטיש געזאגט. — נאטירליך, די וויסענשאפט האט געזיעגט. „מעגליך, — האבען די געלעהרטע ערקלערט, — אז מיר לעבען אונטער דער שיין פון טויטע, שוין לאנג פערלאשענע וועלטען. מעגליך, אז שוין דער ערשטער מענש אויף דער וועלט איז געפיהרט געווארען פון בליק פון א מת. אבער, טויטע אדער לעבעדיגע, זענען די שטערען געגוג, אום צו דיענען צו פראקטישע צוועקען פאר אונז. א שיף קאן מען פיהרען אפילו מיט דער הילף פון א קאמפאס, א פשיטא שוין נאך די שטערען, און וואס אנבעלאנגט ליעבע, — אויף וואס דארף מען דען שטערען צו ליעבע?... חע־חע!...“ די מענשען האבען זעהר געגארט זיך איבערצוצייגען, האבען זיי זיך איבערצייגט.

אמת, עס טרעפט נאך היינט אמאל, אז א קאפּיטאן פון א שיף, דערפיהלענדיג פלוצים מיט זיין גאנצען וועזען ארום און אונטער זיך דעם ים — דעם ים!... — און די ווייטע לייכטענדע וועלטען איבער זיין קאפ, פערלירט ער זיך אויף א ווייל. עס פאסירט אויך, אז א פערליעבטער בעמערקט ביי זיין געליעבטער א שווארצען צאהן. אויך זענען געווען פעלע פון זעלבסטמארד, וואו מ׳האט נישט געקאנט אויסגעפינען קיין „פערנינפטיגע“ מענשליכע אורזאך, וואס זאל האבען געפיהרט דערצו. אבער — דער קאפיטאן דערמאנט זיך, אז ער מוז זיין אין צייט מיט זיינע סחורות אין פארט, דער פערליעבטער איילט זיך „צו׳ם צוועק“, און דעם זעלבסטמערדער פערגעסט מען.

נישטמעהר, דער אלטער גימנאזיסט איז נאך אלץ גימנאזיסט. ער טרינקט, ווי פריהער, אדער מעהר ווי פריהער. די גימנאזיסטקעס, בעגעגנענדיג איהם, קווטשען, הגם נישט פריהער ווי מ׳דארף. די קעלנערין איז ווייבער געווארען. און מאנכמאל, ווען אונזער גימנאזיסט געהט ביינאכט פון שענקעל א היים און זיין

„האַרץ" איז פול, שטעלט ער זיך אַוועק געגען אַ לאַמטערן, פון וואַנען עס קוקט אויף איהם דאָס רויטע, געשוואָלענע אויג פון אַ פערריכערטען קעראָסין־לעמפּעל, צענעהמט טעאַטראַליש די הענד און מיט אַ האַרצרייסענדער שטים דעקלאַמירט ער:

— אַ, העלשטערן, העלשטערן!...

דער ריח פון לאַנד,

אַ בלאַס, נוטמוטיג פּנים איז אַרויפגעשוואומען אויפ'ן הימעל, און אַ בלאַסע שיין האָט זיך צעגאָסען איבער'ן ים.

גוטען אָווענד מיין שטילע, פער'חלומ'טע פּעע! ביזט נאָך איצט אויך די איינציגע, וואָס איז אימשטאַנד צו בעפרייען אַ לייכטען זיפץ פון מיין פערקלעמטען האַרצען. פיעל וואַסער איז אַבגערונען פון יענער צייט — געדענקסט?... פון דאַן אָן בין איך געוואָרען פיעל „קליגער", ווענינער „סענטימענטאַל". דאָס לעבען, וואָס האָט מיך אַבגעוואוינט פון לאַכען, האָט מיך אויסגעלערנט אַבצולאַכען. אַבער דאָ, אין מיטען ברייטען ים... אונטער פיער אויגען, ווען קיינער הערט און זעהט אונז ניט — פערשטעהסט?...

— וועל איך דיר שעמעדיג פערטרויען אַ סוד: דאָס אַלעס איז נישט מעהר, ווי דעם טאַטענ'ס לאַנגער ראָק, וועלכען איך, קינד, האָב אַרויפגעצוינגען אויף זיך, כדי אויסצוזעהן ווי אַ טאַטע, — און דער ראָק פּלאָנטערט זיך מיר אונטער די פיס און פערבי־טערט מיר דאָס לעבען... און די ברילען, וואָס דו זעהסט... ווייס איך?... — זיי זאָגען, אַז ברילען זעהען בעסער, איידער אויגען — פאַלג איך. אַבער אין דער ווירקליכקייט בין איך דאָס זעלבע קינד, וואָס דו האָסט געקענט. איך וואָלט גערן געוויינט, ווען מען שלאָגט מיך, וואָלט זיך גערן פערקרימט, ווען דאָס האַרץ צאַפּעלט זיך, און זוינגט עם "אונטער'ן לעפעלע" — זיפץ איך אָב, קוקענדיג אויף דיר, און מיר ווערט לייכטער. זיי זשע מיר געגריסט פון טיעפען האַרצען.

קומסט איצט פון דער ערד, וועלכע איך האָב שוין לאַנג פער־לאָזען. וואָס האָסט דו דאָרטען געזעהען? פלעגסט אַמאָל וואונ־דערבאַרע מעשות דערצעהלען. דערצעהל.

שמייכעלט זי שטיל און אומעטיג: — — —

— — — איך האב געזעהען —

אין א צימערל, אין א וויעגעלע, נעבען א בעט, אויף וועלכען עס שלאפט די יונגע מוטער, ליעגט דאס קליינע קינד און וויינט. די מוטער הערט נים.

די קליינע ליפעלער זענען ברייט געעפענט, אויסגעדריקט און פערקרימט. די טרערען־פולע אייגעלער קוקען מיט טיעפען, שטומ־פיגען שרעק אויף דעם גרינבליכען שטרייך, וואס איך האב אי־בערגעצויגען איבער דער וואנד געגענ'איבער דעם קינד. אין די שווערע מינוטען פון לעבען איז עס געוואוינט צו זעהן אנגעבויגען איבער'ן וויעגעל א שענעם, ליעבען קאפ מיט צוויי הימליכע, ווארעמע אויגען. איצט זעהט עס זיי נישט, — און דאס שוואכע קול'כעל ציהט זיך לאנג, לאנג, גלייך עס וועט נאר קיינמאל נישט אויפהערען. —

ביזטו געגנוג קינד — צו פיהלען זיין עלענד?...

איך האב געזעהען —

צוויי יונגע מענשען, ער און זי, געהען לאנגזאם איבער א שטילער, פערוואָרפענער אלעע, וועלכע איך האב פערצויבערט. האנד ביי האנד געהען זיי: ער — פערביסען די אונטערשטע ליפ, ביי איהר — ציטערט א ווינקעל פון דער אויבערשטער. זיי קוקען נישט איינער אויפ'ן צווייטען און שווייגען. אט ערשט האבען זיי זיך צעקריעגט, און שוין ציהט עס זייערע הערצער איינס צו'ם צווייטען, און קיינער וויל נישט זיין דער ערשטער, און העלפען וועט עס זייביידען נישט. איך פערלאז זיי רוהיג, ווייסענדיג, אז צוויי הענד וועלען זיך צוזאמענטרעפען אין דער פינסטער נישט ערגער, ווי אין דער ליכטיג. —

ביזטו געגנוג יונג — צו געדענקען, ווי זיס עס איז דער וועה?...

און הער —

איך קום פון'ם לאנד, פון וואנען דו געהסט, פונ'ם שטעדטעל, וואו דו האסט געלעבט, פון צווישען דעם פאלק, ביי וועלכען דו

ביזט געבוירען. איך האב דארט געווארפען א בליק אין פענסטער פון אז ארעמען שטיבעל און האב געזעהען —

אן אלטער, שוואכער מאן מיט א לאנגער, ווייסער בארד, האט אין מיטען דער נאכט פערלאזען זיין בעט און, א האלב־נאקעטער, שטעהט ער אנגעבויגען איבער א צווייטען בעט, וואו עס שלאפט אומרוהיג זיין יונגע שענע טאכטער. דעם מיידעל'ס באקען גלי־העןהעליש, די האר — פאנאנדערגעווארפען, איהר ברוסט הייבט זיך פיבעריש און חליפעט צייטענווייז. א נערוועזער ציטער טריי־סעלט און קרימט פון צייט צו צייט איהר קערפער פון קאפ ביז די פיס. זי זעהט שווערע, העסליכע חלומות, און דער אלטער האט קיין הארץ ניט אויפצו־וועקען זי צו דער נאך העסליכערער ווירק־ליכקייט. שטעהט ער און קוקט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט אויף זיין ריינע בלום, אויף וועלכער א ווילדע, גראבע האנד האט א שמוציגען פלעק געלאזען, און זיינע קניע האקען זיך איהם אונטער, זיין גרויער קאפ שאקעלט זיך אלטליך און הילפלאז, און זיינע ליפען בעוועגען זיך אין דער שטיל און קרימען זיך אזוי בי־טערליך־קינדעריש, אז פון דיינע אויגען פאלט פלוצים ארונטער דער שווערער פארהאנג פון שווערע יאהרען, און דו זעהסט בחוש דאסזעלבע קינד, וואס וויינט אזוי עלענד אין דער שטילקייט פון דער נאכט, נאר טויזענדער מאל עלענדער און הילפלאזער...

ביזטו געגנוג אלט, אום צו פערשטעהן זיין בראך? — — —

— אך, לאז צופריעדען! מעשות, מעשות מיין איך! אזעלכע, וואס זענען נישט געשטוינען, נישט געפלויגען — פערשטעהסט?...

אין פערלעגענהייט פערדוקט זי זיך אונטער א בלאסען וואלקען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די לבנה האט זיך אויפגעהויבען איבער'ן שיף, האט אונז אריבערגעיאגט און איז אוועק אין דאס לאנד, וואוהין מיר געהען.

גרים אין מיין נאמען די, וואס ווארטען אויף מיר, ווי אויך יענע, וואס ווארטען נ י ש ט, וועלכע קענען מיך נאך נישט, און

איך ווייס ניט פון זיי, און וואס דאך וועלען זיך אונזערע וועגען צוזאמענקומען און זיך פערפלעכטען ווער ווייסט ווי ענג...

א שטיל געמורמעל קומט אן פון אלע זייטען.

דאכט זיך, דאס זענען זיך צונויפגעקומען אלע נעכט, וואס האבען געלעבט און זענען געשטארבען אויפ'ן שוים פון ים, שטע־הען אין רעדלעך, אין גרופען, בייגען זיך צו'ם אויער איינע צו דער צווייטער — און פיהרען א געשפרעך, איינגעהאלטען, פערשטיקט, אבער האסטיג און אויפגערעגט. וואס ווילען זיי?... וואס ווי־לען זיי?...

פלוצים איז שטיל געווארען. מיט אמאל, ווי אבגעהאקט. וואס איז געשעהען? שווער צו זאגען. מעגליך — ערגעץ זעהר ווייט, אויף דער יבשה, האט ארויפגעשאסען, ווי פון א ביקס, אן אומגע־ריכטער קרעה פון א האהן און איז פערפלויגען פון האסט אהער אויפ'ן ים. — דער מאדנער מארגען־קרעה, פון וועלכען עס דאכט זיך, אז עפעס א פארהאנג האט זיך ראש אויפגעהויבען מיט א זיידענעם גערויש: "נא, זעה...

א ווארעם, קרעפטיג ווינטעל איז אנגעקומען אונז אנטקעגען, האט זיך צעשפאלטען אן די נאז פון אונזער שיף און האט אנגע־הויבען צו ציהען זיך גלייכמעסיג און אהן אויפהער ביי זיינע בארדען. און ביסלעכווייז איז דער ים געקומען אין בעוועגונג. קליינע וועלען זענען אויפגעשטאנען, האבען זיך געבראכען איינע אן די צווייטע מיט א דינעם, גלעזערנעם קלונג און געלאזען נאך זיך א ציטערענדען נאכקלאנג. א שטיל, פליסיג געזאנג האט זיך אויפגעהויבען פון ים, איז געשטיגען אלץ העכער און העכער, האט פערפלייצט אונזער שיף און פערשלונגען דאס גערויש פון'ם טרייב־שרויף. ווייטע, העלע וועלטען האבען געקוקט אראב פון פערבלייכטען הימעל, און זייער גרין־גאלדענע שיין האט זיך שטום געמישט מיט'ן געזאנג פון ים.

„ברן יחד כוכבי בקר" —

עס זינגען קאהר די מארגענשטערען.

און נישט ווילענדיג האב איך ארייננעשטעלט אין געטליכען

קאהר אויך מיין אייגענע שטים, די ציטערנדע שטים פון א מענשען אויפ'ן ים.

א מענש — אויפ'ן ים!...

— —

אין דער פריה האט די זון העל געברענט. פון ערגעץ האבען זיך בעוויזען ווייסע ים־פייגעל און האבען ארומגערינגעלט דאס שיף. אויפ'ן דעק האט זיך אנגעהויבען א געטומעל. אין דער לופט האט ארומגעשוועבט דער אומרוהיגער, בעשעפטיגטער גייסט פון לאנד, און דער עולם האט זיך פארבערייטעט ארויסצושטייגען. ווי שפינוועבס האט זיך געריסען דער כשוף פון ים.

רעכטס האט זיך אויסגעצויגען א געלבליכער, זאמדיגער ערד־פאס, איז פערלאפען פאר'אויס, האט זיך אויסגעדרעהט, אויסגעבויגען און האט אונז שליסליך ארומגענומען פון דריי זייטען. די נייע וועלט האט זיך גערוקט אויף אונז. די אומגעדולד און אומרוהינקייט זענען געוואקסען. וואס איז דארטען?... ווי אזוי איז דארטען?... אדער — אלץ דאסזעלבע? אלץ דאסזעלבע? אלץ דאסזעלבע?...

א ריעזינע פרויענפיגור מיט אן אויפגעהויבענער האנד האט זיך אבגעצייכענט לינקס. דער בליק פון דער „פרייהייט" דרינגט מיט אנגסט אין די נאהענטע ווייטע שטאדט: א ביסעל העכער אין אויסנום ליעגט דער עללים־איילאנד מיט'ן „קעסל גארדען" און שצירעט צו'ן איהר בייז זיינע צייהן: שטעה, וואו דו שטעהסט!...

— —

ים, א ים, אויף ד י ר האט דער מענש בעדארפט געבוירען ווערען.

ים, מיין ים — כ'קום נאך צוריק צו דיר!

שטאַרקער !

שטאַרקער!

א.

עטליכע סלופּעס מיט אַ פּאָר אַלטע, צעריסענע לייווענטענע ברעזענטען האָבען געבילדעט דאָס דאַך און דריי ווענד פון דער פּאַלאַטקע. אין איינער פון זיי האָט מען איבערגעלאָזען אַן איינ־גאַנג. מיט דער פערטער זייט האָט די פּאַלאַטקע זיך אָנגעשפּאַרט אַן הויז, פון וואַנען עס האָבען אַהער געקוקט צוויי פענסטער: איינס פון קיך, און דורך דעם האָט מען אַרויסדערלאַנגט די גע־ריכטען, דאָס צווייטע פון זאַל, וואו די קלעזמער זענען געזעסען אַרום אַ טיש און האָבען צוגעשפּיעלט צו דער וועטשערע.

אַרום לאַנגען טיש, אויף דער גאַנצער לענג פון דער פּאַלאַט־קע, זענען געזעסען די מאַנסלייט, האָבען געגעסען און געטרונקען, געשמועסט און געלאַכט. ביי'ם צווייטען, קלענערן, זענען געזעסען די ווייבער, עלטערע מיט זייערע טיכלעך אויף די קעפּ, יונגערע — אין האָרשייטלעך. זיי האָבען געגעסען מיט דרך־ארץ און, אוים אַבשיי צו די מאַנסלייט, געשמועסט אין דער שטיל. צווישען די טישען האָבען אַרומגעטאַנצט קינדער, און ס'האָט זיך אַרומ־געבלאַנקעט עפּעס אַ האַלב דערוואַקסען מיידעל מיט גרויסע קי־הישע אויגען און מיט צוויי שיטערע זאַמד־קאָלירענע צעפּלעך, איבערגעבונדען מיט אַ רויט סטענגעלע.

אַז לייפּציגער האָט זיך בעוויזען ביי'ם איינגאַנג, איז אין פּאַלאַטקע געוואָרען אַ שטיקעל געמורמעל. יודען מיט בערד האָבען אויפגעהויבען די ברעמען מיט לייכטער ערשטוינונג. עט־ליכע יונגע מיידלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ ווינקעל, האָבען אָנגעהויבען זיך צו שושקען, וואַרפענדיג אויף לייפּציגער'ן בליקען

פון דער זייט. דער כלה'ס צוועלף־יעהריג ברידערל, א בלאס יונגעל מיט געלבליכע האר, מיט א קלייענדיג פּנים, אין א שווארצע אבּט־קאנטיגען קאשקעטעל, איז געבליבען שטעהן מיט אן אָפּען מויל, קוקענדיג אויפ'ן נייעם גאסט.

און ווירקליך: לייפּציגער'ס קליינע, אויסגעדראשענע פיגור אין שווארצען, אויסגעריבענעם, עטוואס גלאנציגען ראק און אין ליכטיגע הויזען, דאס ווייסע ביליגע שניפּסעל ארום האלז, די ברילען אויף דער נאז און די מאגערע טונקעל־גרויע געגאלטע באקען — האבען ווייניג הארמאנירט מיט די ארומיגע.

ביילע, דער כלה'ס עלטערע שוועסטער, א ווייבעל פון א יאהר פיער און צוואנציג מיט א שפּיציג נעזעל און מיט קליינע, גרויע, לאכענדיגע אייגלעך איז געגאנגען דעם גאסט אנטקעגען. זי האט זיך א ביסעל פערדרייטעלט, געבענדיג איהם די האנד, און האט איהם אוועקגעפיהרט צו'ם אויבענ'אן, וואו די מחותנים מיט'ן חתן זענען געזעסען. ר' שמואל האט זיך אויפגעהויבען פון ארט.

— מיט מזל זאלט איהר לעבען... — האט ער געענטפערט אויף לייפּציגער'ס „מזל טוב". — אט דאס איז דער חתן...

לייפּציגער האט געדריקט הענד, עפּעס געמורמעלט — און האט פריי אבגעעטהעמט, ווען מען האט איהם ענדליך בעזעצט נישט ווייט פון די מחותנים. פון וועטשערע האט ער זיך אבגעזאגט, האט מען פאר איהם געשטעלט א גלאז טיי מיט לעקעך. א פּאר מאל האט זיך דער מחותן אוים העפליכקייט געווענדט צו איהם מיט אומבעדייטענדע פראזען, נאר ביסלעכווייז האט מען אן איהם פערגעסען.

ב.

צו די יונגע ווייבלעך האט זיך צוגעזעצט דעם חתן'ס א ברודער, א יונגער סוחר פון א יאהר צוויי און דרייסיג מיט א געשווירען בערדעל, אין א לענגליכען ראק, אין אן אבגעלעגטען קאלנער און מיט א הארטען הוט אויפ'ן קאפּ. ער האט זיך געוויצעלט, דערצעהלט מעשיות, בעוויזען עפּעס קונצען, און די ווייבלעך האבען

געלאכט, פערשטעלענדיג די מיילער מיט די הענד.ביילע האט ארומגעטאנצט איבער דער פאלאטקע און האט „געפראוועט“ מיטביידע טישען. דעם חתן׳ס ברודער האט אנגעהאפט ביילען פאר א האנד.

— ווער איז דער נפש?... — האט ער אנגעוויזען אויף לייפציגער׳ן.

ביילע האט אויף איהם א פינקעל געטהון מיט די אייגלער, בעפרייענדיג איהר האנד.

— א וויטער קרוב אונזערער...

— א דא־אטש!... — האט ער אויסגעצויגען מיט א קאמיש־ערנסטער מינע. — מיט וואס, א שטייגער, פערנעהמט זיך דער אדון?

— ער איז א לעהרער.

— אהא! ער גיט, הייסט עס, „שטונדען“... — האט דעם חתן׳ס ברודער פארטגעזעצט אין זעלבען טאן.

ביילע האט זיך געלאזען אוועקגעהן. דער יונגערמאן האט זי אבגעהאלטען.

— וואס אנטלויפט איהר?...

— בעסער זיך האלטען פון אייך פון דער וויטען... — האט ביילע געשמייכעלט.

— מיט וואס האב איך זיך דאס אזוי פערזינדיגט?...

— עט... איהר זענט א לץ... פון וואנען ווייס איך, אז איהר לאכט נישט אב פון מיר אויך הינטער מיינע אויגען?...

זי האט זיך געשפיעלט מיט׳ן גאלדענעם קייטעל, וואס איז געהאנגען אויף איהר ברוסט, און קאקעטיש געשמייכעלט. דער יונגערמאן איז געווארען רויטליך.

— גאט בעוואהר! — האט ער זיך פערענטפערט. — וואס האב איך פון אייך צו לאכען?! פערקעהרט, אזא יאהר זאל איך האבען, ווי...

— ווי צוקער איז זיס... — האט ביילע שעלמיש איבערגע־האקט. — מ׳דארף געהן זעהן, וואס הערט זיך אין קיך...

זי האָט ווידער אַ פינקעל געטהון מיט די אייגלעך און איז אוועק, רוישענדיג מיט דער שלעפּ פון קלייד. דער יונגער מאַן האָט איהר נאָכגעקוקט און געמורמעלט:

— אַ ווייבעל — אַ ברען!...

ג.

די קלעזמער האָבען געשפּיעלט אַ „באַהן": אַלס אַקאָמפּאַני־מענט צו אַ מונטערן מאַרש, האָט מען געקלאַפּט אין אַ בלעך, גע־טרייסעלט אַ קעסטעל מיט זאַמד, געצונדען רויטע בענגאַלישע שוועבעלעך און ציטענוויז לאַנג און שניידיג געפּייפט. די קינ־דער זענען אוועקגעלאָפען צו די קלעזמער; די יונגעלייט האָבען בעלאַגערט דאָס פענסטער פון זאַל. די עלטערע זענען געזעסען ארום די טישען און האָבען ציטענוויז געוואונקען איינער צו׳ם צווייטען, ווי איינער רעדט: „מ מ ז ר׳ י ש נ אָ כ ג ע מ אַ כ ט!"... אויף די טישען האָבען זיך בעוויזען פלעשער ביער.

לייפּציגער איז געזעסען און האָט זיך געקווילט. וואָסער אַ שווארץ יאָהר האָט איהם געשלעפּט אויף די חתונה! וואָס האָט ער דאָ צו טהון?... דער אַלטער וואָלט זיך אפילו געוועזן בעלע־דיגט... „ביי זיך גרויס געוואָרען! — וואָלט ער געזאָגט. — שעמט זיך מיט יודען"... נייז, געהן האָט מען געמוזט. אָבער — וואָלט עס שוין געהמען אַ מאָל אַ סוף!...

דרויסען, ארום דער פּלאַטקע האָבען ארומגעטאַנצט קאָמ־פּאַניעס יונגלעך, שקצים און דינסטמיידלעך. לייפּציגער האָט געהערט, ווי זיי שרייען, שטיפען, שלאָגען זיך און שפּארען זיך צו די וואַנד פון דער פּלאַטקע. אין לייוועגד, פונקט געגענ׳איבער לייפּציגער׳ן, איז געווען אַ לאָך, און אין איהם האָט דער יונגערמאַן פּלוצים בעמערקט אַ פּנים: אַ יונגעל האָט אריינגעקוקט פון דרוי־סען און געמאַכט גרימאַסען: געוואונקען מיט די אויגען, זיך גע־קרימט און ארויסגעשטעלט אַ צונג. לייפּציגער האָט געמאַכט אַ שטרענג פּנים, — דאָס יונגעל האָט אויפגעהויבעןביידע הענד און אויסגעצויגען „אַ נאָז"... לייפּציגער האָט געשווינד אָבגע־

ווענדט די אויגען אין א זייט. ווען ער האט אין א פאר מינוט ארום געווארפען א זייטיגען בליק צו דעם לאד, האט איהם דאס יונגעל געשטעלט א פייג... לייפציגער האט געקריצט מיט די צייהן פון ווילדען כעס אויף דאס יונגעל און אויף זיך דערפאר — וואס ער איז אין כעס, אבער וואהין ער האט נישט געקעהרט דעם קאפ, האט ער אלץ געזעהען דעם יונגעל'ס פנים און געהערט זיין עזות'דיג געלעכטער... ער איז געזעסען, ווי אויף הייסע קויה־לען. ענדליך האט דער מחותן בעמערקט, אז ער זיצט איינזאם און שוויינענדיג, האט ער זיך געווענדט צו איהם:

— נו, וואס מאכט מען?...

— אט, אזוי... — האט לייפציגער אונבעשטימט געזאגט.

— האט איהר עפעס גוטע שטונדען?...

— נישקשה...

— וויפיעל, א שטיינער, פערדיענט איהר?...

„צו'ן אל־די רוחות! — איז ביי לייפציגער'ן דורכגעפלויגען אין קאפ. — וואס וויל נאך ד ע ר פון מיר האבען?!" דאך האט ער געענטפערט:

— ווי עס מאכט זיך...

— אבער, אויסגעהענדיג, וועט זיין א רובל... פערציג א חודש?...

לייפציגער איז רויט געווארען.

— אין דעם ערך...

— אזוי־וי!... האט ר' שמואל אויסגעצויגען מיט אן ערנ־סטער מינע און מיט א טאן פון רעספעקט.

זיי האבען געשוויגען א קורצע צייט, נישט האבענדיג וועגען וואס צו רעדען. לייפציגער האט געקוקט זיך אויף די נעגעל, דער מחותן האט ווי געצעהלט די האר פון זיין לאנגער בארד מיט צוויי פינגער. ענדליך האט ר' שמואל זיך דערפרעהט, געפינענדיג א טעמע:

— אפשר וועט איהר טרינקען א גלאז ביער?...

— ניין, א דאנק...

— וואס קאן עס שאדען? טרינקט אוים איין גלאז ביער!...

— א דאנק, איך טרינק נישט... — האט לייפציגער זיך פער־טיידיגט.

— אהא, אודאי האבען דאקטוירים אייך פערוועהרט... — האט ר' שמואל זיך געשטויסען. — וואס זשע, איהר זענט עפעס נישט געזונד אויפ'ן הארצען?...

— מ־מ־מ־יא... — האט לייפציגער ארויסגעשטאמעלט, בע־גיסענדיג זיך מיט שוויים...

— א־זוי... — האט דער מחותן טיעפזיניג פערקנייטשט דעם שטערן.

דאס געשפרעך האט זיך ווידער אבגעהאקט. דער מחותן האט זיך אבגעקעהרט צו אנדערע געסט.

ד.

עס איז שוין געווען גאנץ שפעט. די יונגלעך, וואס האבען בעלאגערט די פאלאטקע, זענען פערשוואונדען, נאר ביי'ם אריינ־גאנג זענען נאך געשטאנען א פאר ארעמעלייט, און צוויי „פא־רובקעס" מיט א קורנאסער שיקסע האבען געקנאקט „נאסיניעס" און בעטראכט די „זשידאווסקע וויסיליע".

די טישען האט מען שוין לאנג ארויסגעשטעלט דרויסען, גע־מאכט פלאץ פאר די טענצער, די קלעזמער בעזעצט אין פא־לאטקע גופא אויף א באנק — און געטאנצט איין „פרעהליכס" נאכ'ן צווייטען. דאס רעדעל האט געפיהרט דעם חתן'ס ברודער, וועלכער האט, ווי ער אליין האט זיך בעריהמט, אריינגעגאסען אין זיך א גאנצען ירדן. ער האט אויסגעטהון דעם סורדוט, אראב־געווארפען דעם שניפס פון האלז און האט געטאנצט מיט א פלע־שעל בראנפען אין איין האנד און מיט א זווערער אונערקע — אין דער צווייטער. זי רייטליבער קארק, דאס געשווירענע בערדעל און אינגאנצען זיין גלאטע און פעסטע פיגור האבען לייפציגער'ן אויסגעוויזען משונה פריקרע. בעזונדערס האבען איהם עפעס גע־רייצט די שניי־ווייסע ארבעל פון יונגען סוחר'ס העמד: זיי הא־

בען זיך געוויעגט ארויף און אראב, זיך געבלאזען, געקנייטשט און מיט חוצפה געפינקעלט געגען דעם שיין פון די לאמפען... „זשי־וואטנאיע!"... — האט לייפציגער ארויסגעברומט אויף רוסיש און האט זיך אבגעקעהרט אן א זייט.

די מחותנים האבען זיך צעהוליעט גאר אויפ'ן גרויסען אופן, און די קלעזמער האבען אויף גיך געקלאפט זייערע „פרעהליכס" און אלע מאל אבגעהאקט ווי אין מיטען, פונקט דעמאלט, ווען דער עולם האט זיך „צעשאקעלט"... די מחותנים האבען זיך גע־בייזערט, געווארפען זילבערנע מטבעות און געהייסען שפיעלען ווייטער.

— שפיעלט! — האט אויסגעשריגען דעם חתן'ס ברודער, ווארפענדיג צום באס א גאנצען רובל. — איינמאל מאכט מען חתונה א ברודער!... הוליע קבצן!... א—טא—זוי, א—טא—זוי — — —ט מען אן א שוויע — גער... א — טא — זוי... א —טא — זוי... שטארקער, שטארקער!...

טאנצענדיג, האט מען מיט געוואלט אריינגעשלעפט יעדעס מאל פרישע מענשען, און דאס „ראד" איז געוואקסען און געוואק־סען, און ענדליך איז שוין שווער געווארען צו זיצען אויף די בענק ביי די ווענד: די טאנצענדע האבען געטראטען אויף די פיס, זיך געשטויסען אן די קניע און געפאכט מיט די לאנגע קאפאטעס איבער די פנימ'ער פון די זיצענדע. דעם חתן'ס ברודער האט גע־חאפט לייפציגער'ן פאר א האנד, שלעפענדיג איהם אין ראד. לייפציגער האט געפרובט מאכען א שטרענגע, דערנאך א בייזע מינע, עס האט אבער נישט געהאלפען: דעם חתן'ס ברודער האט איהם געהאלטען פאר איין האנד, עפעס עמיצער פאר די צוויי־טע — און די פאלאטקע האט זיך אנגעהויבען צו דרעהען פאר זיינע אויגען. לייפציגער האט נישט געטאנצט, ער איז נאר מיט־געגאנגען, האט געפלאנטערט מיט די פיס און דערביי פערלעגען און נאריש געשמייכעלט...

אין טיר איז געשטאנען ביילע און האט געקוקט, און אז דער

טאנץ האט זיך געענדיגט, איז דעם חתן'ס ברודער צוגעגאנגען צו איהר.

— נו, מחותנת'טע, געהט איהר מיט מיר טאנצען?... — האט ער פרעהליך און אויפגערעגט אויסגערופען, ווישענדיג דעם שוויים פון שטערן.

— וואס האט איהר זיך אן איהם אנגעטשעפעט?... — האטביילע געזאגט, נישט ענטפערנדיג אויף זיין פראגע

— ועמען מיינט איהר — דעם אינטעליגענט?... וואס דען? וואס זיצט ער עפעס אנגעבלאזען, ווי אן אינדיק? פריצים האב איך פיינד! ביי מיר קיין עקשנות געהט נישט אן! חא־חא, איהר האט געזעהען, ווי ער האט ביי מיר געדרינעט מיט די פיסלעך, פונקט ווי א משערגאהאז!... און אין גאנצען האט ער א פנים ווי א מויז אין סמעטענע...

— געהט, איך וויל מיט אייך נישט רעדען!... — האט ביילע זיך געמאטערט נישט צו לאכען. — איהר שפעט־אב פון דער גאנצער וועלט!...

די אויגען ביים יונגענמאן האבען זיך פערצויגען מיט א פייכטען גלאנץ.

— איהר ווילט מיט מיר נישט רעדען?...

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד און זי אנגענומען מיט צוויי פינגער פאר א בעקעל. ביילע האט זיך פערדרייטעלט און גע־ווארפען א דערשראקענעם בליק ארום.

— איהר זענט משוגע, צי וואס?! — האט זי שטיל געזאגט, אבשטופענדיג איהם פון זיך מיט ביידע הענד.

— גראד פערקעהרט!... — האט ער זיך צעלאכט און האט זיך אומגעקעהרט צוריק אין פאלאטקע.

ח.

אין גאס האט געהערשט אזא שטילקייט, אז דאס גערויש און די מוזיק פון פאלאטקע האבען זיך אין איהר אבגעצייכענט

ריין און שאַרף, ווי שוואַרצע טינט־פּלעקען אויף בלענד־ווייסען שניי. דאָס שטיקעל הימעל, וואָס האָט געבלויט דורך די טיר, איז געוואָרען בלאַסער און דורכזיכטיגער. פון ערגעץ האָט אַ ציה געטהון אַ קיהל ווינטעלע, פּריש און צערטליך ווי אַ לייכטער קוש, וואָס רופט אַרויס אַ לייכטען שוידער... די נאַכט האָט נאָך געוועלטיגט אַרום, אָבער געפיהלט האָט זיך, אַז עמיצער געהט, עמיצער נעהערט זיך — און באַלד וועט זיך ענדיגען איהר ממשלה.

נאַכ׳ן „טאַנץ״ האָט לייפּציגער, צו זיין גרויסען וואונדער, זיך דערפיהלט עפּעס פרייער... די פערפרעמדקייט, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופט צווישען איהם און די אַרומיגע, איז צעשוואומען געוואָרען פון זיך זעלבסט. ער האָט עפּעס צו עמיצען אַנגעהויבען צו רעדען, עמיצער האָט איהם עפּעס דערצעהלט, און ביידע האָבען געלאַכט; ער האָט אַפילו אַליין געבעטען אַ גלאָז ביער און האָט עס מיט פערגעניגען אויסגעטרונקען... די קלעזמער האָבען אַנגעהויבען שפּיעלען אַ נייע „פרעהליכס״, און לייפּציגער האָט פּלוצים געמאַכט אַן ענטדעקונג, אַז די פינגער פון זיינע פיס, אינוועניג אין די שיך, בעוועגען זיך צו׳ם טאַקט פון דער מוזיק... ער האָט זיך אַליין אויסגעלאַכט, נאָר אַז דעם חתן׳ס ברודער האָט איהם ווידער אַריינגעשלעפּט אין ראָד, האָט ער זיך שוין דאָס מאָל אַזוי נישט גע׳עקשנ׳ט.

געשפּיעלט האָט מען עפּעס אַן אומגעלומפּערטען מאָטיוו; עס איז שווער געווען צו בעשטימען, אויב ער איז אַ פרעהליכער אָדער גאָר אַ וויינענדיגער. צייטענווייז האָט זיך געדאַכט, אַז די פּיעדעל קלאָגט זיך אויף עפּעס, קלאָגט זיך שטיל, אָבער אין איין אָטהעם, פער׳עקשנ׳ט, קריכט אין די לעבער אַריין און הערט זיך בעסער פון אַלע אַנדערע אינסטרומענטען; אין דערזעלבער צייט האָט די פּויק נישט געוואָלט וויסען פון קיינע גליקען און האָט געפּלוידערט עפּעס אַזאַ פּערשייטע, אַזאַ שאַרלאַטאַנישע מעשה, אַז די פיס האָבען זיך אַליין געהויבען און זענען געגאַנגען „טריט־וואַסער״... גאַנצע בערג האָבען זיך געגליטשט פון לייפּציגער׳ס פּלייצע אַראָב, אַרונטער! זיינע אויגען האָבען געפינקעלט, די

שווינדזיכטיגע באקן — מאדנע געפלאמט. דער רוקן האט זיך אויסגעגלייכט, דער קאפ זיך פערווארפן ארויף, און זיינע הענד האבן אנגעהויבן פעסטער צו דריקן די הענד פון זיינע שכנים און שטארקער צו ציהען דאס ראד. א הייסער שטראם האט ארויס־געפלייצט פון הארצן, איז ווי א פייער איבערגעלאפן איבער'ן רוקן און האט א זעץ געטהון אין קאפ אריין... און מיט זיינע פיס זענען עפעס גאר וואונדער געשעהען! תחלת זענען זיי „גע־גאנגען", געגאנגען סאליד, פיין, בעל־הבתיש, דערנאך האבן זיי אנגעהויבן זיך צוצואיילען, אנלויפן איינער אויפ'ן צווייטן, שטויסן איין קניע אן די צווייטע; שפעטער האבן זיי זיך אליין געשטעלט אויף די פינגער, אויף די שפיץ פינגער, אויף די נעגעל!... אין דעם מאמענט האט די פויק גובר געווען דעם גאנ־צען ארקעסטער און האט גענומען אויסקלאפן אזעלכע משוגענע טרעלען, אז לייפציגער האט פלוצים דערזעהען, ווי זיינע קניע, איבערגעצויגען מיט די ליכטיגע, כמעט ווייסע הויזן, שפרינגען איהם אין פנים אריין!... לייפציגער וואלט געמעגט שווערן, אז פונקט געגענ'איבער איהם וויעגט זיך עפעס א פנים פון א בעיאהרטער מחותנת'טע מיט א פעטען גורדער, ארומגעצווימט מיט א זיידען טיכעל, ביי וועלכען עס באמבלען זיך אונטען צוויי עקען... עמיצער האט געשריען: „לעבען זאלען טאקי אונזערע יודע־לעך"... ערגעץ פון ווייטען, ווי דורך א וואסער, האט זיך גע־הערט א קול: „שטארקער, שטארקער"!... פאר לייפציגער'ן איז פלוצים אויסגעוואקסען דעם חת'ן ברודער מיט א גלאז ביער אין דער האנד.

— טרינק, גוטער ברודער!...

לייפציגער האט געחאפט דאס גלאז, און פון דארטען האט א זעץ געטהון צו איהם אין נאז א ריח פון בראנפען. ער האט עס איבערגעקעהרט צו זיך אין מויל אריין אינגאנצען, און אין איין קלאפ, נאר א ביסעל איז אריינגערונען צו איהם אונטער'ן קאל־נער, — און באלד האט אין זיינע אדערען אנגעהויבן פייער צו פליסען, און פון הארצען האבן זיך אלץ נייע און נייע שטיינער

אראבגעקייקעלט. ער האט דערפיהלט א פאטש אין פלייצע און דערהערט א שארפע, פעסטע שטים פול מיט נצחון:

— אט אזוי ביזטו פון מיינע מענשען! אזוי האב איך ליעב! קלעזמער, א רוח איז אייערע ביינער אריין — שפיעלט! גע־לעבט איז געלעבט! א — טא — טא — זוי, א — טא — זוי... שטאר־קער! שטאר — קער! שטאר — קער! שטאר — קער!...

ער און זיין דיענער.

ער און זיין דיענער.

א.

ער האט זיך זעהר װעניג געפּאסט צו'ם פּריש־עטהעמענדען פּארק און צו די אנדערע שפּאצירענדע, און דאס גופא האט אויף איהם געצויגען בליקען; און קוים האט עמיצער אויף איהם גע־קוקט, האט דער קוקער געשפּירט א געהיימען שרעק. יעדען טאג, זאגאר עטליכע מאל אין טאג, פלעגט זיך בעװײזען אין די אלעען זיין װעגעלע, געשטופּט פון יונגען, פעסטען און בלאנדען דיע־נער. ער אליין איז האלב געליגען, די פיס פערװיקעלט אין א װארעמע דעק, אויפ'ן קאפּ עפּעס א מין מיצעל, מיט אן עטװאס אנגעשװאלענעם, ערד־קאלירענעם פּנים, מיט א גרויסער נאז און מיט גרויע, רוהיגע, שוין צו־רוהיגע, אויגען. זיין בליק איז גע־גאנגען גראד און פארביי.

האבען אלע פון איהם געװײכט. און בלויז קינדער פלעגען פארביילויפען, װי א שטורם, שרייענדיג, לאכענדיג, שיער נישט איבערקעהרענדיג זיין װעגעלע. זיי האבען איהם איינפאך נישט געמערקט.

ער מיט'ן דיענער האבען צװישען זיך נישט גערעדט. מיט איין װארט פלעגט ער אויסדריקען זיין װאונש, און דער דיענער, נישט געקוקט און נישט געענטפערט, פלעגט פערקעהרעװען דאס װעגעלע אין די געװאונשטע ריכטונג. דער בלאנדער, פעסט־גע־בויטער יונגערמאן האט איהם, װייזט אויס, אויך נישט געמערקט, און פערבונדען זענען זיי געװען גאנץ מעכאניש.

ב.

אין אַוועגד איז דער פּאַרק — דורך און דורך ליעבע. געהט אַ שטרענגער מאַראַליסט דורך איין אַלעע, פערוואַלקענט זיך זיין שטערן; געהט ער דורך אַ צווייטע, שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ; שניידט ער דורך אַ דריטע, פערקוועטשט ער מיט די אַקסלען. ווייטער פערטראַכט ער זיך, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ, הייבט איהם אויף און — לאָזט אַרויס אַ זיפצעל... הענגט דאָס זיפצען אין דער לופט, און עס זויגט אונטער'ן האַרצען.

און נישט בלויז מאַראַליסטען ליידען נעבעך אין פּאַרק. אויך חכמים ווערען געוואַרענט, אַז בעסער זאָלען זיי אהין נישט אריינ־גטרעטען, ווארים...

פאַרהאַן דאָרט אַזעלכע אַלעען, וואָס זענען שוין אייגענטליך גאָר קיין אַלעען נישט. דאָס זענען אַנדערע, גאַנץ אַנדערע וועל־טען, וואו אַלעס איז מעגליך, אויסער דער ווירקליכקייט. פאַלט אריין אַ חכם אין די דאָזיגע מקומות, וואו די חכמה האָט קיין שליטה נישט, רעדט ער און טהוט אַזעלכע נאַרישקייטען, מיט וועלכע ער שעמט זיך און נאָך וועלכע ער בענגט דערנאָך זיין גאַנץ לעבען. אַז וואָסער פלוידערט און גרינס שווייגט — וואָס קאָן זיין געפעהרליכער? דעריבער זאָג איך: חכם, זיץ אין דער היים.

אַ יונגערמאַן מיט צוויי מיידלעך האָבען זיך געשטעלט טאַנ־צען אויפ'ן גלאַטען אַספאַלטענעם וועג צווישען די בוימער. אהן געזאַנג און אהן ווערטער נעהמט ער איינע פאַר די טאַליע, מאַכט מיט איהר אַ טור, שטעלט זי אַוועק, נעהמט די צווייטע, קעהרט זיך אום צו דער ערשטער — און אַזוי דרעהען זיי זיך שטיל און פאַנטאַסטיש, ווי אונבעלייבטע גייסטער אָדער שאָטענס. די גע־צעהלטע פאַרביינעהער האַלטען זיך ביי אַ זייט, אום נישט צו שטערען דעם שטומען טאַנץ. פּלוצים — אַ שוואַך גרילצען פון רעדלעך אויפ'ן אַספאַלט, און פון דער פינסטער שווימען אַרויס

א פערוויקעלטע פאר פיס, א פארמלאזער, האלב־ליגענדער קער־פער, און אנגעשוואלענע פנים מיט גלעזערנע אויגען, — און דער טאנץ שיט זיך דערשראקען פאנאנדער אין פערשיעדענע זייטען. ערשט ווען דעם דיענער׳ס ברייטע פלייצע פערשטעלט דאס ווע־געלע, קומען זיך די יונגעלייט ווידער צוזאמען. אבער דער טאנץ איז פערפרוירען געווארען.

אויפ׳ן גראז, אונטער די בוימער, איז די פינסטערניש גע־דיכטער און איז אנגעזאפט מיט זיפצען, מיט שטילע קושען, מיט איינגעהאלטענעם שארך. דא גוס׳עט מען פון ליעבע. און ווען דאס וועגעלע מיט׳ן קראנקען שווימט פארביי, לויפט איבער ווי א ווינ־טעל איבער׳ן גראז און פערשטעקט זיך דערשראקען טיעפער אהינ־טער די בוימער. איינמאל האט עפעס א פרויען־שטים ארויס־געשריען פון אזא׳ן ארט מיט צארן און פערצווייפלונג:

— או, אלטע נבלה!...

און א קללה דערצו.

דער קראנקער האט זיך אפילו נישט אומגעקוקט.

ג.

דער יוני האט זיך לאנגזאם, א טאג נאך א טאג, ארומגעווי־קעלט ארום פארק און האט איהם איינגעשלאסען אין זיינע הייסע ארעמס.

פון פריהסטען מארגען אז האט די זון מעכטיג געהאלזט דעם גארטען, און אז זי האט איהם אין אוועגד פערלאזען, האט ער לאנגע שטונדען נאך שווער און דופטענד געעטהעמט און זיך ווי געקעהרט אויף זיין הייסען געלעגער. און אז ער האט ענדליך אינגאנצען אויסגעהויכט זיין היץ און איז געבליעבען ליעגען אב־געקיהלט און בערוהיגט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט, האט א שטילער דרימעל פערשפרייט איבער איהם זיינע פליגעל און אנגעוועהט אויף איהם לייכטע חלומות און אונבעשט־מטע זעהונגען.

דער מענשענשטראָם איז שוין לאַנג אַרויסגערונען פון נאָר־טען דורך די פּיעלע אויסגענג, און בלויז זעלטען־וואו האָט זיך גע'סוד'עט אַ פערשפּעטיגט פּאָרל, אָדער אַ היימלאָזער האָט זיך נערוועז געדרודערט אין שלאָף ערגעץ אויף אַ באַנק און האָט, קענטיג, אין חלום פּאַליסלייט געזעהען. אַ געמאַכטער וואַסער־פאַל, פערשטעקט ערגעץ אין אַ פינסטערן ווינקעל, האָט געגאָסען זיין ענדלאָזע פּלוידעריי, און קיינער האָט זי נישט געהערט, און מאָדנע האָט געקלונגען דאָס פּלוידערן פון דער דאָזיגער בע־שעפעניש פון מענשליכע הענד, ווען קיינער פון איהרע בעשעפער האָט עס נישט געהערט.

מיט אַ שטילען סקריפּ האָט זיך דאָס וועגעלע מיט'ן קראַנ־קען געגליטשט דורך די שלאָפענדע אַלעען.

נעבען וועג, אונטער אַ ברייט־צעוואַקסענעם בוים, איז גע־שטאַנען אַ לאַמטערן און האָט עזות'דיג געהויבען אַ ברעג פון דער נאַכט'ס שווארצען שלייער. און דאָ איז אַנטקעגען געקומען אַ מיידעל מיט רויטע האָר און מיט אַ שאַרפען בליק. דערזעהענ־דיג דעם קראַנקענ'ס גלעזערנע אויגען, איז זי פּלוצים געבלי־בען שטעהן אַ ווײַלע, און ביי איהר האָט זיך אַרויסגעריסען:

— צו'ם טייוועל! ...

דערנאָך האָבען זיך איהרע אויגען אָבגעשטעלט אויפ'ן דיע־נער'ס בלאָנדען קאָפּ און ברייטע אַקסלען, און איהר פּנים איז מילדער געוואָרען. אַ מאָדנער קוק, אַ קוים מערקבאַרער שמיי־כעל — און זי איז אַוועק אין אַ זייטיגע אַלעע.

אָהן ווערטער, נישט פרעגענדיג ביים קראַנקען, האָט דער יונגערמאַן פערקעהרעוועט דאָס וועגעלע נאָך איהר.

דער וועג האָט זיך געהויבען, איז פערקראַכען אין אַ געדיכט־פערוואַקסען אָרט און האָט אונערוואַרטעט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ נאַקעט בערגעל אַרומגערינגעלט פון דריי זייטען מיט בוימער. ביי דער פערטער ליעגט אַ אָבגרונד, און אין אָבגרונד — אַ פאַנטאַסטישע וועלט. דאַכט זיך, בוימער, בערגלעך, טאָלען. דאַכט זיך, טורעמס, ווילען, פּאַלאַצען, וואָס שטייגען אַרויף גלייך

פון וואסער, און דער וואסער־ברוק שימערירט שוואך און האלב־פערלאשען געגען דער שיין פון די שטערען. דארט ווייטער, הינ־טער דעם אלעם, שלאפט, הערט מען, א גרויסע, שרעקליך גרויסע שטאדט.

אין א ווינקעל אויף א בערגעל ליעגט אן אלטע, צעבראכע־נע קאנאנע, אן אנדענק פון דעם קריעג, וואס דאס לאנד האט אמאל געפיהרט פאר זיין פרייהייט. געגענ'איבער דער קאנאנע האט דער דיענער אבגעשטעלט דאס וועגעלע. און איז אוועק צווישען די בוימער. אהין, וואו דאס מיידעל איז פערשוואונדען.

די גלעזערנע אויגען האבען געקוקט אויף די אלטע קאנאנע. זי האט אויסגעזעהען ווי א גרויסער קערפער פון א לאנג טויטער, פערטריקענטער שלאנג, ווי דער סקעלעט פונ'ם טויט אליין. מיט פיעלע יאהרען צוריק האבען איהרע גדערים געגליהט און גע־שפיגען מיט פייער: זי האט געקעמפפט פאר פרייהייט. אונטען אין טאל, וואו עס שימערירט איצט דאס וואסער פון קינסטליכען טייך, זענען געלאפען מענשעלעך, האבען געקלעטערט צו דער קאנאנע און האבען זיך געוואלגערט צו דער ערד, מיט צעשמע־טערטע קעפ, מיט אויפגעריסענע בייכער, פון וואנען עס זענען ארויסגעקראכען פערפלאנטערטע גדערים. מאנכע זענען געליע־גען מיט די פנימ'ער אראב, מיט אויסגעשטרעקטע הענד, אין בלאטעס פון בלוט, ווי גע'הרג'עטע הינד. די קאנאנע האט געהאל־טען איין דונערן, און די מענשעלעך פון אונטען זענען געלא־פען ד ו ק א איהר אנטקעגען. דאס איז געווען א גרויסארטיגער קאמפף פאר פרייהייט.

און בלויז איין־איינציגער סאלדאט פון די, וואס האבען אזוי קונציג געארבייט מיט דער קאנאנע, נאך גאר א יונגער שנעק, אהן וואנסען, וועלכער האט אפילו קיין איין קראץ נישט בעקו־מען, — האט זיך פלוצים אוועקגעזעצט אויף דער ערד, האט זיך געביסען די פינגער און פערדריסליך געוויינט און געשריען. איהם האט, קענטיג, געצויגען צו דער מאמע'ס פארטוך.

— — — — — — — — — — — —

בערטע.

בערטע.

א.

דאס „ליטווישע“ קאפע־הויז איז געווען פול מיט מענשען. די צוויי גאז־לאמפען האבען העל בעלויכטען דאס ניט־גרויסע צימער, די מארמארנע טישלעך, די נאסע, שוויצענדע ווענד. יעדע מינוט האבען זיך געהערט קולות: „א גלעזיל טיי!“... „צוויי קאווע!“... „א גלאז קאלטע מילך!“... די דריי־פיער מיידלעך, וואס האבען בעדיענט די געסט, האבען זיך געווארפען אין אלע זייטען און האבען קוים צייט געהאט אלעמען צו בעפריעדיגען. דער עולם האט גערוישט און גערויכערט.

ריעגעל איז געזעסען ביי א טישעל און האט געהאלטען א ציימונג. צייטענווייז האט ער אויפגעהערט צו לעזען, און זיינע אויגען האבען געשוועבט איבער'ן צימער. נאך עטליכע שטונדען, וועלכע ער האט פערבראכט אויף זיינע לעקציעס, האט ער זיך געפיהלט אביסעל מיעד און אפאטיש; ער האט שוואך פערשטאנען, וואס ער האט געלעזען, און האט געווארפען גלייכגילטיגע בליקען אויף זיינע שכנים, אויף די ווענד, אויפ'ן בופעט. אין זיין קאפ האבען זיך ארומגעבלאנקעט נישט געדאנקען, נאר עפעס שאטענס פון געדאנקען, וואס האבען נאך זיך קיין צייכען ניט איבערגעלאזען, ווי קריצען אויפ'ן וואסער.

דער יונגערמאן איז געווען פון מיטלען וואוקס, מיט ברייטליכע פלייצעס. זיין בלאס געזיכט האט זיך אויסגעצייכענט מיט נישט קיין הויכען שטערן, טונקעל־גרויע, פער־חלומ'טע אויגען און דינע, צוזאמענגעשלאסענע ליפען.

דאס פובליקום אין קאפע־הויז איז בעשטאנען מייסטענס פון

פריקאזטשיקעס, „סוביעקטען״, עפטער פון גאלאנטעריע־געשעפ־טען. זיי האבען זיך אויפגעפיהרט מעהר ווי פריי, זיך געפיהלט, וויזט אויס, אין דער היים. אפט געקלאפט אין די טישלעך און גערופען צו זיך די מיידלעך, מיט וועלכע זיי זענען זיך בעגאנגען אין דער ענגשאפט גראב און עזות׳דיג. ריעגעל האט עס קוים געמערקט. עטוואס האט איהם געדייצט נאך עפעס א פראנט מיט שפיציגע וואנסען, וועלכע זענען, ווי מען זאגט, „געשטאנען אויף האלב דריי״, מיט פערהויכטע, ווי שכור׳ע אויגען און מיט אן עזות׳דיגען געלעכטער. ער האט קיין איינע פון די מיידלעך ניט דורכגעלאזען, זיך געטשעפעט צו דער קליינער בערטע׳ן און דער־ביי הויך און פריקרע געלאכט. ריעגעל האט ענדליך ניט אויסגע־האלטען.

— פרייליין בערטע! — האט ער א רוף געטהון אביסעל צערייצט און אונצופריעדען.

זי איז באלד צוגעגאנגען.

— וואס ווינשען זיע, פאניע ריעגעל?...

זיין רייצונג איז פאר׳איבער. ער האט זיך נישט געאיילט צו ענטפערן, פערשאפענדיג זיך דאס פערגניגען צו קוקען אויף איהר שמייכעל. זי האט אויסגעזעהען נאך גאר ווי א קינד, נאר פראַ־פארציאנעל ענטוויקעלט: א קליינע פיגור, קליינע הענטלעך, א קליין קעפעל מיט קליינע, גאר דריבנע געזיכטסציגע. די אויגען און די האר נישט פון מאדישען קאליר: זעהר שווארצע, מיט א גלאנץ; דערביי די האר איינפאך פערקעמט — פון פארענט ניעדריג, אויפ׳ן נאקען פערפלאכטען און פערדרעהט ווי א בייגעל. די הויט אויפ׳ן שטערן און אויף די בעקלעך טונקעל, נאר ריין און גלאט. שענער און וואונדערליכער פון אלעמען איז געווען איהר שמייכעל: איהר שטערן האט זיך פלוצלינג געקנייטשט, די אויגען האבען געקוקט ווי פערוואונדערט, אויף די נישט זעהר פולע בעקלעך האבען זיך געוויזען צוויי גריבלעך, און די קליינע ליפעלעך האבען זיך עטוואס געעפענט... ווען זי האט געשמייכעלט, האט ריעגעל געפיהלט, ווי עפעס אזוינס זויגט איהם לייכט

דאַס האַרץ.

— אַלזאָ, וואָס טרינקען זיע, קאַווע צי טיי?... — האָט זי געפרעגט, אַביסעל אין פערלעגענהייט פון זיין קוק און גיט אויפ־הערענדיג צו שמייכלען.

— איך ווייס?... גיט אַ גלאָז טיי...

— איך גע׳ שוין!

ער האָט איהר נאָכגעקוקט, און ווען זי האָט געבראַכט די טיי און געוואָלט אַוועקשטעלען אויפ׳ן טישעל, האָט ער דאָס גלאָז ביי איהר פון האַנד גענומען און דערביי זיך אַנגעריהרט מיט זיין האַנד אָן איהרער. זי האָט קיין ציטער נישט געטהון און צוגענו־מען איהר האַנד אין דער צייט, נישט פריהער און נישט שפּעטער, אַלס מען האָט געדאַרפט, און גאַנץ רוהיג, ווי זי וואָלט דאָס גאָר־נישט בעמערקען. „וואָס דען? ווי אַלע!“... — האָט ער אין געדאַנק ווי זיך געגטפערט אויף אַז אַלטע, נישט איינמאָל גע־שטעלטע פראַגע. — אַזאַ גולם, אַזאַ האַז, ווי איך, קאָן מיינען, אַז...“ ער האָט זיין געדאַנק נישט דערענדיגט און זיך גענומען צו דער טיי. איהם האָט אַרומגענומען אַ זאָנדערבאַרעס געפיהל פון צופריעדענהייט און אונצופריעדענהייט צוזאַמען.

זי איז איהם געפעלען געוואָרען דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אַהער אַריינגעקומען. איהר קינדישע פיגור, איהר ווייך ריי־דען, אַהן דער „ר“, און בעזונדערס איהר שמייכעל — האָבען זיך איהם אָפט דערמאָנט און איהם געצוואונגען אַריינצוקומען עפּטער אין דאָס „ליטווישע“ קאַפע־הויז. „צי בין איך נישט אָפּט־מאָל פערליעבט אין איהר?!“ — האָט ער צו זיך געלאַכט, אַליין נישט גלויבענדיג אין דעם, און איז פון דעסטוועגען בּמעט אַלע טאָג געקומען, ווי ער האָט געמיינט, טרינקען טיי און קאַווע. פון איהר פּנים׳על און דער גאַנצער פיגור איז נאָך די „פּראָווינץ“ ניט אַראָב. — אין דער היים, אין קליינעם פּוילישען שטעדטעל, האָט זי געווים זיך גערופען „ביילע“ אָדער „באַסיע“, — און דאָס איז איהם געפעלען. — זי איהם האָט די ערשטע צייט גאָר ניט בע־מערקט: ער איז געווען אָרעם געקליידעט און האָט איהר קיינ־

מאָל קיין „רעשט“ ניט איבערגעלאָזט, אַליין צאָהלענדיג ביי דער קאַסע; זי פלעגט אַמאָל אפילו גאַנץ לאַנג לאָזען איהם וואַרטען אויף אַ גלאָז טיי. אמת, די איבעריגע בעזוכער האָבען איהר שטאַרק דערעסען, און די ערשטע צייט איז זי געווען אין פערצווייפלונג, נאָר שפּעטער איז זי געוואוינט געוואָרען און איז ניט שטענדיג געווען דערגעגען... אויסער דעם, האָבען די יונגע „סוביעקטען“ איהר אַפּט געלאָזען עטליכע קאָפּיקעס.

מיט דער צייט האָט זי בעמערקט ריענעלים העפליכע בענעהמונג און איידלע אויפפיהרונג: ער האָט קיינמאָל אין טיש נישט געקלאַפּט, נישט געקלונגען מיט לעפעלעך אָן די גלעזער, נאָר שטיל געבעטען וואָס ער האָט געוואָלט, און אפילו אין זיין טאָן איז קיין לייכטזיניגקייט נישט געווען. זי האָט צו איהם אַכטונג געקראָגען, ווי צו אַ מענשען פון אַן אַנדערן, העכערן קרייז. ביסלעכווייז האָט זיך צווישען זיי אויסגעאַרבייט אַ זאַנדערבאַרער, געהיימער בונד... זיי האָבען כמעט קיינמאָל נישט גערעדט; ער האָט נאָר זיינע געוועהנליכע פערלאַנגען אין אַ העפליכער פאָרם אַרויסגעזאָגט, אָדער אַן אונשולדיגען וויץ אַריינגעשטעלט. זי האָט מילד געשמייכעלט, געפיהלט צו איהם צוטרויען און געוואוסט, אַז דאָ וועט זי נישט בעלעדיגט ווערען... מעהר האָבען זיי ביידע נישט פערלאַנגט.

ער האָט איינמאָל, שבת בייטאָג, בעגעגענט זי אין גאַס, ווען זי, פערפּוצט אין אַ נייעם הוט מיט אַ שוואַרץ קלייד, האָט שפּאַצירט, מיט איהרער אַ חבר'טע פון דעם קאַפע. איהר אַנצוג איז געווען אַ ביסעל אָהן געשמאַק, עטוואָס לעבערליך; פון דעסטוועגען איז איהם צום ערשטען מאָל איינגעפאַלען דער געדאַנק צו בעקלערען, ווי וואָלט זי אויסגעזעהען אין אַן אַנדערער וועלט, ביי אַן אַנדער לעבען?... — אונערוואַרטעט פאַר זיך אַליין, האָט ער עס פאָרמולירט אַזוי: „זי וואָלט געקאָנט זיין אַ יונגע, וואונדער־שעהנע יודישע צנועה, אָדער — אַ קורטיזאַנע פון עכטען שיק..“

ב.

צופעליג האט ריענעל א צייט נישט געזעהען, ווי די „געסט" בעגעהען זיך מיט בערטע'ן. איינמאל האט ער עס דערזעהען... זי האט זיך געריסען פון זייערע הענד און האט זיך ענדליך בעפרייט, נאר דאס אלעס קאלטבלוטיג, מיט א געוועהנליכער מינע, און האט, זעהט אויס, באלד פערגעסען אן דעם...

ריענעל האט געוואלט אויפשפרינגען, זיך בייזערן, אפשר שלאגען, נאר — ער האט דערזעהען איהר קאלטקייט און איז גע־בליבען אויף זיין ארט.

עטליכע טאג האט ער זיך אין קאפ נישט געוויזען. איהם האט שטארק פערדראסען, וואס די גאנצע מעשה ריהרט איהם אזוי אן, נאר ער האט גארנישט געקאנט מאכען מיט זיך.

ענדליך איז ער געקומען. בערטע האט איהם בעגעגענט מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל און גערעדט צו איהם, ווי שטענדיג, אויף ווארשעווער „דייטש". איהר שמייכעל האט אין איהם איצט פערדרוס ארויסגערופען און האט איהם אויסגעוויזען טויטליך און עקעלהאפט. שפעטער האט ריענעל איהם ווידער ליעב גע־קראגען, נאר אויף אן אנדער ארט.

די סצענע מיט די „געסט" האט זיינע געפיהלען ווי בעשפריצט מיט שמוץ, פון וועלכען ער האט זיך נישט געקאנט בעפרייען. ער האט איצט עפטער געקוקט אויף איהרע הענד און בוזעם; זי האט איהם געררייצט און געבייזערט צוזאמען. זי האט עס נישט בע־מערקט און איז זיך מיט איהם בעגאנגען פריינדליך, ווי פריהער, נאר ער האט איהר נישט געגלויבט. „מיר קענען אייערע לייט!..." — האט ער געטראכט. — „און זי האב איך דאס גערעכענט פאר א „ריהר־מיך־נישט־אן!..." איינמאל פאר אלע מאל — איך מוז פרובען!..."

„פרובען" האט ער פון דעסטוועגען נישט געוואגט: איהר איידלע שענקייט און אפענער, ליעבער שמייכעל האבען איהר אלס שוץ געדיענט. ער האט נישט קלאר געפיהלט, אז ווען ער

וואלט זי אנגעריהרט, וואלט ער עפּעס אזוינס אנגעוואהרען. אייר געגנטליך, האט ער אליין נישט געוואוסט, וואס ער וויל פון איהר: איהר קערפּער האט איהם גאר אזוי צו זיך נישט געצויגען. אין דער קינדהייט, געדענקט ער, אנטרעפענדיג א מאל ווינטער ער־געץ א שטיקעל פלאץ, בעדעקט מיט פרישען, זילבער־ווייסען שניי, האט ער ליעב געהאט שפּאנען גראד איבער דעם דאזיגען ארט. איהם איז געפעלען געווען צו קוקען אויף די צייל שווארצע, בלאָ־טיגע טריט אין דעם קלארען, אונשולדיג־ריינעם שניי־קאבריץ... אזא ארט געפיהל האט ער איצט איבערגעלעבט: צו זיין וואונ־דער, האט ער אנגעהויבען צו פיהלען, אז בערטע איז ריין ארויס פון דער עקעליכער סצענע, וועלכע האט בלויז אויף זיין נשמה א פלעק געלאזען.

פון דעמאלט אן האט ער גענומען נאך בערטע'ן נאכקוקען און האט שוין יעצט עפּטער בעמערקט, וואס ער האט פריהער נישט געזעהען. דאס האט איהם וואס וויימער אלץ וועניגער גע־ארט, נאר ער אליין האט די רוה אנגעוואהרען: אט האט זיך איהם געדוכט, אז בערטע איז אונשולדיג־ריין, און אט — פערקעהרט. „אלזא, וואס וויל איך?!" — האט ער זיך זעלבסט געפרעגט. — איהר שמייכעל אדער איהר קערפּער?..." — קיין ענטפער האט ער נישט געפונען.

דער אנריהר אז איהר האנד האט איהם געוויזען, אז זי איז פון אזעלכע זאכען צופריעדען. זי האט ביי איהם אין די אויגען א געוויסען טייל פון איהר חן פערלארען; צוזאמען מיט דעם האט ער דערפיהלט, אז יעצט וועט ער וואגען ווייטער צו געהן. פון דעסטוועגען האט ער זיך דאס מאל בעגנוגט געפונען און איז אוועקגעגאנגען.

אין דער היים האט ער פלוצים אנגעהויבען צו צווייפלען: אפשר האט זי גאר דעם אנריהר פון זיין האנד נישט בעמערקט? מעגליך, אז זי איז אזוי קאלט, אז זי האט דערויף גאר קיין אכ־טונג נישט געגעבען?... ניין, ס'קאן נישט זיין, — ס'איז עכטע פרויען־פאלשקייט! א, זי איז א סחורה!... — ער האט נערוועז

שפּאַצירט איבער זיין צימער און זיך געפּלייסט זי פּאַרצושטע־לען זיך אין פערשיעדענע פּיקאַנטע פּאַזען, כדי זי צו ערגיעדערן ביי זיך אין די אויגען. דאַס איז איהם אביסעל געראַטען, און ביי איהם איז געבליבען, ער זאָל מאָרגען געהן אין קאַפע־הויז און... — וואָס, אייגענטליך, וועט ער טהון, האָט ער זעלבסט נישט געוואוסט.

אויף מאָרגען איז ער ווירקליך געקומען. זי האָט איהם גע־געבען עסען, טרינקען, זיך עטליכע מאָל געדרעהט פאַרביי, נאָר ריעגעל האָט זיך צו איהר נישט צוגעריהרט, נישט קוקענדיג דע־רויף וואָס ער האָט זיך זעלבסט געמוטיגט און פערזיכערט, אַז אַלעס וועט געהן כשורה. ענדליך, ביי'ם לעצטען גלאָז טיי האָט ער זי ביי דער האַנד אָנגענומען. אויף בערטע'ס געזיכט האָט זיך אויסגעדריקט גרויס ערשטוינען...

— וואָס איז?... וואָס ווילען זי?!...

— אַ... אַ שטיקעל... מאַנדעל־ברויט!... — האָט ריעגעל אַרויסגעשטאַמעלט, אין דעמזעלבען מאָמענט אַבלאָזענדיג איהר האַנד. זי האָט געגעבען וואָס ער האָט פערלאַנגט, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז זי קוקט אויף איהם איראָניש און פערעכטליך... ער האָט אָבגעטרונקען אַ האַלב גלאָז טיי און איז אַרויסגעלאָפען.

די פרישע לופט האָט איהם גלייך אויסגעניכטערט. „פערד! אומגליקליכער האָז! — האָט ער זיך אַליין געזידעלט. — פאַר וועמען האָסטו זיך דערשראָקען?... — פאַר אַ דיענסט־מיידעל, וואָס יעדער פריקאַזשטשיק קאָן מיט איהר טהון, וואָס ער וויל?!... ע־ער, מ'שטיינסגעזאָגט, אַ מאַנספערשוין! — זי אַליין מאַכט דאָך פון דיר דאָס גרעסטע געלעכטער..." פון קרענקונג און בע־לעדיגונג האָט ער די נאַכט נישט געקאָנט שלאָפען און האָט זיך עטליכע טעג אין קאַפע ניט געוויזען.

ג.

ווען ער איז ווידער געקומען, האָבען זיינע אויגען געקוקט קאַלט, די ליפּען זענען געווען צוזאַמענגעדריקט, און אינגאַנצען

האט ער אויסגעזעהען ווי א מענש, וואס האט זיך אויף עפעס פעסט ענטשלאסען. ער האט אבער אין קאפע־הויז פיעל מענשען געטראפען; דאס האט איהם געשטערט אין זיינע פלענער, און ער איז אוועקגעגאנגען. דאס האט מיט איהם געטראפען נאך עט־ליכע מאל. זיין רייצונג און בייזהייט זענען געוואקסען פון טאג צו טאג.

בערטע איז געווען די זעלבע, ווי פריהער. „גארנישט!... — האט ריעגעל געמורמעלט. — אזוי ווי עס איז גארנישט געווען!... נו, בין איך נישט איין עזעל־קאפ?...“ און ער האט יעדען אווענד דאס קאפע־הויז בעזוכט און געווארט אויף א געלעגענהייט.

זיצענדיג איין מאל ביי א טישעל און קוקענדיג פון ווייטען אויף בערטע'ן, האט ער זיך די פראגע געשטעלט: „וואס איז דאס מיט מיר? וואס וויל איך פון איהר האבען?... — דאס בלוט האט איהם א זעץ געטהון אין פנים אריין, און ער האט זיך גע־געבען דאס ווארט מעהר אהער נישט אריינצוקומען. נאך דעם דאזיגען בעשלוס איז איהם לייכטער געווארען אויפ'ן הארצען; זיין בענעהמונג געגען בערטע'ן איז אין דעם אווענד געווען מילד, בעהארצט און איינפאך, ווי אמאל. אוועקגעגאנגען איז ער פרעהליך און צופריעדען פון זיך זעלבסט.

אין א פאר טעג ארום איז ער אהין צופעליג אריינגעקומען נישט אין זיין געוועהנליכער צייט, אין אווענד, נאר נאך מיטאג. אין קאפע־הויז איז געווען שטיל; אין ערשטען צימער זענען געזעסען א פאר געסט, פערטיעפט אין צייטונגען; ביים בופעט האט גע־דרימעלט די ווירטין; פון דער קיך האט זיך געלאזט הערען דאס געשפרעך פון די מיידלעך, צייטענווייז אויך בערטע'ס שטימע. ריעגעל האט פערקוקט אין צווייטען צימער: עס איז געווען איינ־גאנצען לעדיג. דעם יונגענמאנ'ס געזיכט האט זיך מיט א מאל פערוואלקענט... עטליכע סעקונדען האט ער זיך געראנגעלט מיט עפעס א געדאנק; נאכדעם איז ער געשווינד אריין אין צימער, האט זיך פערוקט אין א ווינקעל און כלומרשט זיך פערטיעפט אין א צייטונג.

פון יענער זייט וואנד האבען די מיידלעך געקלונגען מיט'ן געפעס, געפלוידערט און אונבעזארגט געלאכט. די קריסטליכע קעכין, וואס האט שוין עטליכע יאהר געדיענט ביי יודען, האט צייטענווייז אריינגעשטעלט איהרע בעמערקונגען אין א געמיש־טער יודיש־פוילישער שפראך. עמיצער האט זיך געוואשען ביי'ם קראן און גערעדט מיט א פערדומפפטען קול. ריעגעל האט דער־קענט בערטע'ס שטים. זיין הארץ האט געקלאפט געשווינד און פיע־בערהאפט, ווי ביי א גנב. „וואס טהו איך דא?! — האט ער זיך מיט אנגסטען געפרעגט. — וואס איז דאס פון מיר געווארען?!
— אוועקגעהן?... בלייבען?... אוועקגעהן?... בלייבען?...“
— האט ער שטיל געמורמעלט. ביי איהם איז שוין געבליבען געהן, ווען בערטע איז אריינגעקומען אין צימער. די ערשטע מינוט האט זי ריעגעל'ן נישט בעמערקט און האט גענומען זיך בעקוקען אין שפיעגעל. ערשט אויסדרעהענדיג א ביסעל דעם קאפ און קוקענ־דיג אין א זייט, אום צו זעהען, אויב איהרע האר זענען אין ארד־נונג, האט זי איהם דערזעהען. זי איז רויט געווארען ביי'ם גע־דאנק, אז ער האט געזעהען, ווי זי „פוצט זיך“ אין שפיעגעל, און האט א ביסעל פערשעמט ארויסגעזאגט:
— א, פאניע ריעגעל!...
ריעגעל האט שוין אויף איהר געקוקט מיט ענטציקען... איה־רע האר, עטוואס קאקעטיש פערקעמט, זענען נאך געווען פייכט און האבען געגלאנצט; איהר פנימ'ל האט זיך פערביטעלט, אויף די ליפען האט געשוועבט איהר בעזונדערער צויבער־שמייכעל.
— ווען אייער חתן וואלט אייך איצט זעהן, וואלט ער אנגע־קוואלען...
— פון וואנען ווייסען זיע, אז איך האב א חתן?... — האט זיך בערטע נאאיוו פערוואונדערט, דורכלאזענדיג די צווייטע העלפט פון זיין פראזע.
— איך וויים גאר נישט! איך האב גלאט אזוי געזאגט, און האב, זעהט אויס, אומגערן געטראפען?...
ער האט געלאכט, נאר זיין „טרעפען“ האט איהם קיין פער־

גענינגען נישט פערשאפט... בערטע האט געוואָרפען א צופריע־דענעם בליק אין שפּיעגעל און האט געשוויגען.

— מיט וואס פערנעהמט ער זיך, אייער חתן?

— ער איז א סוביעקט אין א מאנופעקטור־געשעפט און פער־דיענט פערציג רובל א מאנאט!... — האט בערטע עטוואס שטאָלץ געענטפערט. רעדענדיג האט זי די שטוהלען נעבען די טישלעך אין אָרדנונג געבראכט און האט זיך גענעהערט צו ריעגעל׳ן.

— טאקע דא אין ווארשוי?... — האט זיך ריעגעל כלומרשט שטארק פערוואונדערט.

— ניין, ער ארבייט אין לאָדז, ביי פּיעבערקראנצען, — זיע האבען געווים געהערט פון פּיעבערקראנצען?...

ריעגעל האט וועגען איהם קיין בעגריף נישט געהאט, נאר ער האט געזאגט „יא“... איהם האט דאס גאנצע געשפּרעך ניט אינטערעסירט, און, רעדענדיג, האט ער קיין אויג נישט אראב־גענומען פון׳ם מיידעלס הענד. איין בליק פון ווייטען אין שפּיע־געל האט איהם געוויזען א בלייך געזיכט מיט אַן עקעלהאפטען אויסדרוק און גנב׳ישע אויגען... ער האט געשווינד איבערגע־טראָגען זיין קוק אויפ׳ן טישעל נעבען זיך, וועלכעס בערטע האט יעצט געווישט מיט א שטיקעל פּאפּיער.

— מיין טאטעשי האט נישט געוואלט! — האט זי לאכענדיג ווייטער דערצעהלט פון איהר חתן. — נאר פאר סכות האט ער זיך פערלאזט א באָרד און אז ער איז א היים געקומען, — ער איז אויך פון זעלבען שטעדטעל, וואס איך — האט ער דעם טא־טעשי געפאלען...

— חע־חע!... — האט ריעגעל אוננאטירליך זיך צעלאכט — און האט אנגענומען בערטע׳ן ביי דער האנד.

זי האט אויף איהם פערוואונדערט א קוק געטהון און האט געפּרובט בעפרייען איהר האנד. ער האט זי אבגעלאזט און נאכ־דעם אנגענומען העכער פון׳ם עלענבויגען. בערטע איז מיט א מאל רויט געווארען...

— וואס איז מיט איה'ן, פאניע ריעגעל?!...

ער איז געווען בלייך און זיינע ליפען האבען געציטערט... „אלץ איינס זיך פערשמירט...“ איז דורכגעפלויגען ביי איהם אין קאפ. ער האט אויסגעשטרעקט די האנד און ארומגענומען בערטע'ן ביי דער טאליע. זי האט אויף איהם געקוקט דערשראקען און ערשטוינט, ווי זי וואלט איהם געזעהען צום ערשטען מאל. דערנאך האט זיך איהר פנים פארצויגען, און איהרע אויגען האבען בעקומען יענעם קאלטען, גלייכגילטיגען אויסדרוק, וועלכער האט זיך אין זיי געוועהנליך געוויזען, ווען די גאלאנטעריע־סור־ביעקטען פלעגען צו איהר צושטעהן. זי האט זיך רוהיג בעפרייט פון ריעגעל'ס הענד און איז, נישט קוקענדיג אויף איהם, ארויסגעגאנגען פון צימער.

ריעגעל האט אהיר נאכגעקוקט ווי א פערלוירענער...

גוטעפריינד.

גוטעפריינד.

אויפגעשטאנען איז לייפציגער שפעט, א זייגער עלף, אבער אין בעסטען הומאר. נעכטען האט ער נישט גענעסען דעם גאנצען טאג, אויך אין בעט איז ער געגאנגען אהן וועטשערע, און לאנג האט דער הונגער איהם נישט געלאזט שלאפען. איצט האט איהם דער הונגער אבגעלאזט, און, אראבשפרינגענדיג פון בעט, האט ער זיך דערפיהלט זעהר לייכט, לופטיג, האלב רוחניות. א בארוועסער אין אונטערשטען וועש, מיט א צעקנייטשט פנים און צעשויבערטע האר, איז ער צוגעשפרונגען צו׳ם פענסטער—און האט אויסגעשריען פאר פרייד: איינער פון די שעהנסטע פריהלינגסטעג האט איינגעהילט די וועלט אין א מאנטעל פון לייכטען, דורכזיכטיגען גאלדענעם שפינוועבס, א גאנצע מחנה דעכער זענען זיך צונויפגעלאפען דארט אונטען, אויפ׳ן פלאץ,—העכערע,ניעדריגערע, שווארצע, גרינע רויטע און גאר אהן א בעשטימטער פארב, און פון איין דאך אויף דאס צווייטע האבען געטאנצט די שטראהלען פון דער זון, וועלכע האט פרעהליך געלאכט, קוקענדיג פון דער הויך אויף איהרע פערשייטע קינדער. אויפ׳ן בלאס־גרינליכען הימעל זענען געהאנגען עטליכע שניי־ווייסע, אנגעבלאזענע, כמעט קיילעכדיגע וואלקענדלעך. עפעס א פויגעל איז געפלויגען פון איין עק וועלט צו דעם צווייטען, געפלויגען גלייך, ווי א פייל, נישט בעוועגענדיג דערביי מיט די פליגעל. און ווען לייפציגער האט אויפגעריסען דאס פענסטער, האט איהם ארומגעחאפט און אנגעהויבען קושען זיין האלז און פנים אזא יונגס, אזא לעבעדיגשטירמיש ווינטעלע, אז דער יונגערמאן האט זיך פלוצים איבערגעדרעהט אויף איין פוס און כמעט זיך צעלאכט.

ער האט דערהערט א שארך הינטער זיך און האט אומגע־

קעהרט דאס פנים צו'ם צימער, האט אבער קיינעם נישט געזעהען. דערנאך האט ער געווארפען א בליק אויף די פאדלאגע — און האט פערוואונדערט אויפגעהויבען די ברעמען: פון הינטער'ן אייזערנעם אייוועלע, וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל, האט ארויסגעקוקט א קליין מייזעלע מיט פלינקע, שווארצע אייגעלעך... לייפציגער האט אויפגעהויבען די האנד און האט זיך געשטעלט אין א טעאטראלישע פאזע.

— א־א, ס'דו!... — האט ער אויסגעצויגען מיט א קאמי־שער מינע. — דאס האסטו דו, חברה'מאן, געגראבעלט אט דארט, ביינאכט, ווען איך האב נישט געקאנט שלאפען?... זעהר שען, אנגענעהם זיך צו בעקענען!...

דאס מייזעל האט רוהיג געקוקט אויפ'ן יונגענמאן און זיך, קענטיג, צוגעהערט צו זיינע רעד.

— אזוי, דו האסט גאר קיין מורא נישט פאר קיין מענשען?!...

— האט לייפציגער צענומען די הענד. — ביזט נאך גאר א שנעק, ווייזט־אויס, קענסט נישט די וועלט... זאג מיר אבער, דו פקח, האסט טאקי קיין בעסערע וואוינונג נישט געקאנט געפינען?... ביי מיר קאנסטו טאקי נישט אנקוקען אפילו קיין ברעקעל חמץ אין דיינע עהרליכע און נארישע אויגען! אט, למשל, נעכטיגען טאג האב איך געפאסט א תענית, פשוט נישט געגעסען, הייסט עס... דו ווייסט מסתמא גאנץ גוט, וואס הייסט — נישט געגע־סען, דען איך דערקען אן דיר, אז דו מוזט אודאי אויך זיין עפעס א לעהרער אדער א שרייבער ביי דיינע געעהרטע ברידער... וואס שווייגסטו, עס האט דיר אבגענומען דאס לשון?!... עס, ביזט נאך גאר א שוטה, ווי איך זעה!...

דאס מייזעל האט גענומען זיך ארומדרעהען איבער'ן צימער, זוכענדיג אין אלע ווינקעלעך, דרעהענדיג גראציעז מיט'ן לאנגען, דינעם עקעל. לייפציגער האט געקוקט אויף די בעשעפעניש מיט ענטציקונג.

— נו, אדרבא, בעוויין א בריה'שאפט — געפין עפעס, וועלען מיר ביידע איבערבייסען... אז איידעם אויף קעסט!... מיט וואס,

א שטיינער זאָל איך דיך מכבד זיין?... — האָט ער ווייטער גע־רעדט, זוכענדיג אין קליינעם הילצערנעם שענקעל. — גאָרנישט, אפילו א ברעקעל נישט... געמיין... שאַ, וואָס איז דאָס?...
— הורא, מיר מאַכען באַלד א באַל: א צינעלע צוקער, א גאַנץ צי־נעלע, ווי איך בין אַן אביון! אפילו אַביסעל פערשמירט, נאָר אי ע־רע ליים, אויף וויפיעל איך ווייס, זענען נישט פון די גרויסע אי־בערקלייבער, און אפילו איך אַליין, במחילת כבודי, וועל זיך אויך נישט לאָזען בעטען און וועל אויסטרינקען א ביסעל וואַסער מיט א שטיקעל צוקער... אַלזא — חי געלעבט!
ער איז אַרויס א האַלב־נאַקעטער אין קאָרידאָר.
— נו, וואו ביזטו? — האָט ער געפרעגט, אַריינקומענדיג צו־ריק מיט א גלאָז וואַסער אין האַנד. — מיר'ן זיך צעטיילען מיט די מטעמים. נאַ, אָט האָסטו דיר שוין א שטיקעל... אהאַ! דו קנאַקסט דאָך עפּעס מיט די צייהנדלעך גאָר קונציג!... נאָר ווילסטו?... נאַ, זולל וסובא, פרעס, נאָר מעהר קריגסטו נישט, זאָלסט זיך גאָר נישט איינשמועסען. מיינסט — נאָר מייז האָבען א מאַגען?... אויב אַזוי, שטעהט אייער וויסענשאַפט אויף זעהר א ניעדריגען שטאַנד... מיר מענשען, ווייסען ווענען אייך שוין פיעל מעהר... נו, אַבגעגעסען — גענוג! לערן זיך זיין צופריע־דען דערפון, וואָס דו האָסט נישט... דאָס איז איינע פון די פיע־לע מענשליכע חכמות... איצט וועלען מיר זעהן, צי דו האָסט פאַר מיר טאַקע גאָר קיין מורא נישט? קום צו מיר א ביסעל...
און ווען לייפּציגער האָט אוועקגעלענט זיין האַנד אויף די פּאָדלאָגע נעבען מייזעל, האָט עס אין אַנהויב געוועזן זיך אַבגע־רוקט פון איהם, נאָכדעם האָט עס אַרויפגעשטעלט אויף די האַנד איין פיסעל. די האַנד איז געווען ווייך און וואַרם, און דאָס מיי־זעל האָט ענדליך זיך אַרויפגעקליבען אינגאַנצען אויף איהר, האָט אונטערגעבויגען די פיסלעך, זיך בעקוועם אַניעדערגעזעצט און גענומען וואַרפען מיט אייגלעך אין אַלע זייטען. לייפּציגער איז געוואָרען ענטציקט.
— זעה נאָר, וואָס פאַר א מזיק דאָס איז!... — האָט ער

אויסגעשריגען, אויפהייבענדיג זיך פארזיכטיג פון דער ערד. — זאג מיר אבער, גוטער ברודער, וואס טהוסטו, ווען איך לאז אריין אהער א קאץ, הא? ... ווייסט, וואס א קאץ איז אזוינס? — דאס איז דיין מזל! דו ביזט בעשאפען געוואָרען דערויף, די פרומע קאץ זאל איבער דיר א ברכה מאכען... בלייבט עס אזוי: מיר שליסען פריינדשאפט ביז'ן טויט.און אויב איך וועל שטארבען פריהער, — און ווי דער חשבון ווייזט, איז עס גאנץ מעגליך, — זאג איך דיר אב מיין גוף, זאלסט זיך פון איהם ערנעהרען דיין גאנץ לעבען און אין איין וועגס זיך נעהנטער בעקענען מיט דער אנאטאמיע פון מענשליכען קערפער... א נפש, מ'שטיינסגעזאגט! די גרויס, ווי א קליין הינערש איי, און אן עק — לענגער פאר איהם אינגאנצען! פון דעסטוועגען פערשטעה איך נישט, פאר וואס אייערע לייט דערוועקען אין מענשען א געפיהל פון עקעל, — ביי מיר אין די אויגען האסטו דעם זיעבעטען חן און אלענפאלס ביזטו פיעל שע־נער פון מיר... נו, קום צום פענסטער, וועלען מיר א ביסעל בע־טראכטען די וועלט.

פארזיכטיג האט ער אראבגעלאזט דאס מייזעל אויפ'ן טיש, וואס איז געשטאנען ביי'ם פענסטער. די העלע שיין האט געצוואונ־גען די קליינע בעשעפעניש צוצומאכען די אייגלער; נאכדעם האט זי זיך אנגעהויבען צו דרעהען אויפ'ן טיש, אונטערשטעלענדיג איהר קליין קערפערל פון אלע זייטען געגען די ווארעמע שטראהלען פון דער זון. ענדליך האט זי זיך בערוהיגט, קוקענדיג מיט ערשטוינען אויף די גרויסע ליכטיגע וועלט. לייפציגער האט די גאנצע צייט געקוקט אויף דאס מייזעל מיט א קאמישער מינע און מיט אזא צערטליכקייט, וועלכע ער האט נאך קיינמאל צו קיין לעבעדיגער בעשעפעניש ניט געפיהלט. ער האט צונויפגעלעגט די הענד און זיך אנגעשפארט מיט זיי אן טיש.

— צוריק שמועסענדיג, — האט ער ווידער אנגעהויבען, — איז די וועלט גאר נישט אזוי שלעכט, הא, ווי מיינסטו? ... אט האסטו א זון, וואס גיסט גאנצע ימים גאלד אויף דער וועלט. אי וואס, מ'קאן דאס גאלד נישט אויסביטען אויף קליינגעלד און קויי־

פעו דערפאר צוקער אדער ברויט?... הערסט — אט דאס טאקע איז דער בעסטער סימן, אז עס איז אמת׳דיג גאלד, ווארום אמת׳דיג גאלד איז נאר דאס, וואס קאן בשום אופן נישט אויסגעטוישט ווערען אויף קליינגעלד... פערשטעהסט? ... ע, וואס פרעג איך, — פערשטעהסט אודאי, מ׳זעהט אין דיינע אויגען, אז דו פער־שטעהסט און האלטסט מיט מיר... יא... איז איינמאל א גאנג. צווייטענס: ווי געפעלען דיר די וואלקענדלעך אנדארטען? איך וואלט געמענט שווערען, אז זיי זעהען אויס, ווי יענע מלאכים׳לעך, וואס מען מאלט אויף די בילדער, — אזוינע פעטע, געפאקטע, קייל־עכדיגע... אזעלכע מלאכים׳לעך עקזיסטירען אין דער ווירקליכ־קייט, כ׳בין אבער מסופק, צי האבען זיי פליגעל... דארט, וויע־דער, ציהען זיך דעכער, דוכט זיך, ביז׳ן עק וועלט. אונטער די אלע דעכער וואויגען אלץ אזעלכע חכמים, ווי איך, מיינע לייט. דאס זענען, פערשטעהסטו מיך, די קליגסטע, די העכסטע, די פיינסטע בעשעפעניש׳ען אויף דער וועלט. פרעג זיי, וועלען זיי דיר אליין זא־גען! ... דערפאר אבער זענען זיי אויך די גליקליכסטע... בים־לעכווייז נעהמען זיי איין די גאנצע וועלט, און ביי יעדער נצחון געהען זיי אב מיט בלוט... אבער — הויב איך אן פון זיי צו רעדען, פלאצט אין מיר די גאל, הערסט?!

ער האט פלוצים אבגעהאקט...

דער כמעט נאקעטער, אויסגעצעהרטער מענש, מיט׳ן צעשוי־בערטען קאפ איז האלב געליגען אנגעשפארט אן טיש אויף זיינע צונויפגעלעגטע מאגערע און האריגע הענד. זיינע אויגען האבען גע־קוקט גלייך פאר זיך, אין די ווייטע וועלט אריין, און זיינע דינע, ווייסליכע, עטוואס פערקרימטע ליפען האבען אויסגעדריקט טיעפען צער. נעבען איהם, אויפ׳ן טיש איז געזעסען דאס קליינע מייזעלע, געזעסען רוהיג און אונבעזארגט, מיט האלב־פער־שלאסענע, דרימלענדע אייגלעך, גלעטענדיג צייטענווייז לאנגזאם און לייכט מיט׳ן לאנגען עקעל דעם מענשענ׳ס האנד...

פרינציפּען.

פרינציפען.

די לבנה איז געשטאנען איבער דער שטאדט, צו מזרח־זייט, א ביסעל רויטליך און בעלעדיגט: גאז און עלעקטריע האבען בעהערשט די קאכענדע גאסען, האבען פעריאגט פון דארטען איהרע בלאסע, סענטימענטאלע שטראהלען, און קיינער האט זי נישט געמערקט אפילו. ווי א צויבער־רינג האט די שטאדט ארומגעשלאסען איהרע איינוואוינער, און זיי האבען ארומגעטאנצט אין איהר און געזשומעט, ווי פליעגען אונטער אן איבערגעקעהרטען גלאז.

לייפציגער האט לאנגזאם שפאצירט איבער דער גאס און מיט לייכטער נייגעריגקייט צוגעקוקט דאס לעבען ארום. די כמעט שטענדיג וואכענדע שלאנגען און עקדישען האבען איינגעדרימעלט ערגעץ אין א ווינקעל פון הארצען און האבען איהם אויף א ווײלע געלאזען צו־רוה. געהענדיג, האט ער געקוקט און געשמייכעלט.

זיין וואנדערנדער בליק האט זיך פערטשעפעט אן א יונג מיידעל, וועלכע איז געשטאנען נעבען פענסטער פון א וואורשט־האנדעל, געקליידט קבצנ׳יש, נאר מיט פרעטענזיעס. א בלויזער קאפ, דאס פנים בלאס, פערמאטערט, און דאך — קינדיש ווייך. און נעקוקט האט זי אויף דאס געשמאק־צונעברוינטע פלייש פון יענערזייט שויב מיט אזא ענגסטליכען אויסדרוק, דאס לייפציגער איז פלוצים געבליבען שטעהן. די שלאנגען און עקדישען האבען זיך א רודער געטהון. קענטיג, זיך איבערגעקעהרט אויף די צווייטע זייט...

זי האט א צאפעל געטהון און אומגעקעהרט איהר קאפ צו לייפציגער׳ן. ער האט געשווינד אבגעווענדט די אויגען אן א זייט און גענומען האסטיג שפרייזען אוועק. געפיהלט האט ער, ווי זי יאגט איהם אן, און אט שפאנט זי שוין נעבען זיין לינקער האנד, קוקט נישט אויף איהם און רעדט סתם אין די וועלט אריין:

— איך וואוין אט דא דערנעבען, נומער זיעבען און צוואנציג...
ליפּפּציגער שאקעלט מיט'ן קאפּ אויף „ניין". זי קוקט שוין איצט גלייך אויף איהם און ווייזט מיט דער האנד:
— אט דא באלד איז עס, דאס צווייטע הויז.
— איך געה נישט...
— קומט אריין אויף א מינוט. וואס קאן עס אייך ארען?...
— רערט זי זיך איהרם און בעמיהט זיך צו שפּאנען גלייך מיט איהם.
ליפּפּציגער'ן האט בעשלאגען א שוויים.
— איך... איך געה קיינמאל נישט...
זי בלייבט שטעהן א ווײלע ערשטוינט. מאשינאל שטעלט ער זיך אויך אב. זי ווארפט אויף איהם א מאדנעם קוק, טהוט שפּאַטיש א פּייף און קעהרט זיך גלייכגילטיג אב אן א זייט. ער איז אוועק מיט א פּערלענגנעם שמייכעל.
מיט עטליכע טריט ווייטער האבען זיך די שלאנגען און עקדישען ווידער א רודער געטהון. ער האט זיך דערמאנט אן איהר קוקען דורך דאס פענסטער פון וואורשט־האנדעל — און האט גע־מאכט א פּאר אונענטשלאסענע טריט צוריק.
זי האט עס בעמערקט און האט געקוקט אויף איהם פערוואונדערט און איראניש.
— פריילין... איהר... איהר זענט... הונגעריג?...
איהר שטערן האט זיך פערוואלקענט.
— נו?... — האט זי חמורנע און פיינדליך איבערגעפרעגט.
— זאל זיך אייך דאכטען... פערשטעהט איהר מיך... עלע־היי איך בין געווען... — דא האט איהר אויף וועטשערע! — האט ער פלוצים דערענדיגט, רוקענדיג איהר אין האנד א זילבערנע מטבע.
זי האט זיך אבגערוקט פון איהם, נישט נעהמענדיג דאס געלד.
— קומט דאך אריין אויף א רגע! וואס האט איהר מורא?...
— אבער איך געה קיינמאל נישט, איהר פערשטעהט?...

— און איך נעהם קיין נדבות נישט!... — איז זי פּלוצים אין כעס געוואָרען.

דאַסמאָל איז לייפּציגער געבליבען פערבליפט. אַ ווײלע האָט ער געקוקט אויף איהר מיט ברייט־געעפענטע אויגען, דערנאָך האָט ער זיך פרעהליך צעלאַכט און געזאָגט גלייך איהר אין פּנים אַריין מיט אַ קאָמיש־ערנסטער מינע:

— אַזאַ פּרינציפּ ביי מיר...

— ווי?... — האָט זי דערשראָקען געפרעגט.

ער האָט פערשטאַנען איהר שרעק און האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט. דערנאָך האָט ער אַ ביסעל נאָכגעדענקט און אַרויסגעשמאַמעלט אונענטשלאָסען:

— נו, מילא, קומט, אַה?...

דער רב און די רביצין.

דער רב און די רביצין.

אמאל איז געווען א רב מיט א רבי'צין.

ווען דער רב האט תורה געלערנט, האט די רבי'צין געזאגט, אז זי הערט מלאכים שירה זינגען, און ווען די רבי'צין האט געקאכט פיש אויף שבת, האט דער רב פערזיכערט, אז ער שפירט די ריחות פון גן־עדן. דער רב און די רבי'צין זענען בײדע געווען גלייך גוט, פרום און קלוג. אויב זיי האבען זיך אין עפּעס יא אונטערשיידט איינער פון צווייטען, איז עס דעריןֹ, אז די רבי'צין האט כמעט „שאלות" גע'פסק'ענט, דער רב אבער האט אינ'ם ענין פון פיש־קאכען קיין שום ידיעה נישט געהאט.

און גאט האט פערהאלטען די טראכט פון דער רבי'צין, און זי האט קיין קינדער נישט געהאט. און דער רב איז געזעסען אין איין ווינקעלע, און די רבי'צין — אין צווייטען און זיי האבען גאט גע־בעטען אין דער שטיל:

— רבונו של עולם! הער־צו די תפלה פון פלוני בן פלוני דיין קנעכט און בענש מיך מיט א זוהן, איך זאל קאנען איהם לערנען דיין תורה און דיינע מצוות...

— רבונו של עולם, האר פון דער וועלט! פערנעהם די תפלה פון פלונית בת פלונית דיין דיענסט און בעגליק מיך מיט א קינד, איך זאל קאנען אין איהם גוטע מדות איינפלאנצען און איהם לער־נען צו טהון דיין רצון...

און דער רב האט זיך געזעצט געגענ'איבער דער רבי'צין און האט גערעדט:

— אז אונזער זוהן וועט אנהויבען צו רעדען, וועל איך אליין איהם אויסלערנען אלף־בית און עברי און פרוש המלות...

און די רבי'צין האט צוגעגעבען:

— אז אונזער קדיש וועט פון שלאָף אויפשטעהן און שלאָפען געהן, וועל איך מיט איהם ברכה זאָגען און קריאת־שמע לייענען...

און אזוי זענען פיעלע יאהרען פערשוואומען, און די שטאָדט־לייט האָבען אנגעהויבען צווישען זיך צו רעדען:

— אז אן אשה האָט צעהן יאהר נאָך דער חתונה קיין קינדער נישט, טאָר דער מאַן מיט איהר נישט וואוינען...

און זיי האָבען עס דעם רב געזאָגט, און דער רב האָט זיי גע־ענטפערט:

— איך וועל מיין ווייב פון זיך נישט אוועקשיקען, און גאָט וועט מיר געבען מיט איהר א זוהן...

און די שטאָדט־לייט האָבען זיך געבייזערט און זיי האָבען געוואָלט דעם רב פון דער שטעל מעביר זיין, נאָר שפּעטער האָבען זיי זיך בעקלערט, אז אויב עס ארט איהם נישט, מעג עס זיי אודאי נישט ארען, — און אזוי זענען די יאהרען געגאַנגען. און דער רב איז געזעסען געגענ'איבער דער רבי'צין און זיי האָבען געשמועסט:

— אז אונזער קינד וועט אונטערוואַקסען, וועל איך מיט איהם לערנען ש"ס און פּוסקים און יורה־דעה מיט אלע מפרשים...

— אז אונזער זוהן וועט קומען פרייטאָג פון באָד, וועל איך איהם מיט פרישע פיש מכבד זיין, און ווען ער וועט שבת פון שול צוריקקעהרען, וועל איך איהם קדוש אונטערטראָגען...

און די שטאָדט־לייט האָבען זיך אין א צייט ארום ווידער אן זיי דערמאַנט און האָבען זיי אן עצה געגעבען:

— נעהמט אייך א פרעמד קינד און זייט עס מגדל, און זאָל עס אין הונדערט יאהר ארום נאָך אייך קדיש זאָגען און משניות לערנען.

און דאָס פאָר־פאָלק האָט מיט די קעפּ געשאָקעלט און גע־ענטפערט:

— ווי וועל איך א פרעמד קינד תורה און מצוות לערנען, אז איך וועל פאָר איהם קיין עונש נישט ליידען?...

— ווי וועל איך א פרעמד קינד ליעב האָבען קאָנען, אז איך האָב אויף איהם קיין בלוט נישט פערגאָסען?...

אוןביידע האָבען צוגעגעבען:

— ניין, נאָט וועט אונז מיט אַן אייגען קינד בענשען! ...

און די שטאָדט־לייט האָבען זיך געבייזערט און זיי עקשנים גערופען און מיט דער צייט אַז זיי ווידער פערגעסען. און די צוויי אַלטינקע לייט האָבען בעשלאָסען:

— אַז אונזער תכשיט וועט אויסוואַקסען, וועט ער שאלות פּסק'ענען און ספרים שרייבען...

— אַז אונזער נחת וועט אַכטצעהן יאָהרען אַלט ווערען, וועלען מיר איהם צו דער חופּה פיהרען...

איינס נאָכ'ן צווייטען, פון אייביג צו אייביג, האָבען די יאָהרען געשוועבט און געשוועבט. און איינמאָל פריהמאָרגען האָט מען אונזערע לייט געפונען טויט. זיי זענען געזעסען אויף זייערע בעטען איינער געגען צווייטען, אין איינע העמדער, און האָבען, ווי קינדער, זייערע קניע מיט די הענד אַרומגעשלאָסען. אויף זייערע פּנים'ער האָט אַ שמייכעל געשוועבט, און אין דער לופט פון אַלטען הויז האָבען ווי געקלונגען די ווערטער:

— אַז אונזער זוהן וועט אויסוואַקסען...

— אַז אונזער קדיש וועט עלטער ווערען...

די פליגעל.

די פליגעל.

מיין טאטע האט אויף יום טוב קיין סוכה נישט געבויט, און דאך האט אונז דער הייליגער יום־טוב געטראפען אין א סוכה, און נאך א שענער סוכה. א גאנץ יאהר איז עס געווען א קאמער, א פראסטע קאמער; דארט האט איהר געקאנט געפינען א זעקעל קארטאפעל, א קרענצעל ציבעלעס, א פעסעל בארשטש, א. ד. ג. אפילו קיין סימן פון הייליגקייט איז אויף די אלע זאכען נישט גע־ליגען! און קיינעם איז גאר נישט איינגעפאלען, אז דאס איז א סוכה. ס'הייסט ווען עמיצער וואלט אויפגעהויבען דעם קאפ צום באלקען, וואלט ער אין דער קאמער דערזעהען א פעהיגקייט, א מעגליכקייט א סוכה צו זיין: דער באלקען איז בעשטאנען פון גראטקעלעך און קעסטעלעך... נאר ווער וועט עס אין מיטען יאהר פעררייסען די אויגען ארויף?... — איז די קאמער ביי אלעמען אין די אויגען א קאמער געווען.

נאר ערב סוכות בייטאג איז פון דער קאמער א סוכה געווא־רען... מיין עלטערער ברודער איז ארויפגעקראכען אויפ'ן דאך. ער האט דארט עפעס אזוינס געטהון — און מיט אמאל האבען זיך איבער דער קאמער אויפגעהויבען צוויי גרויסע, שווארצע פליגעל... באלד האט מען די גראטקעלעך מיט גרינעם סכך בעדעקט, די קאר־טאפעל און ציבעלעס זענען פערשוואונדען געווארען, דעם בארשטש האט מען פערדראפירט מיט א ווייסען טישטוך; עס האבען זיך בעוויזען א טיש, בענקלעך און א קאנאפע: מיין טאטע פלעגט מקיים זיין מצות־סוכה ווי עס געהער צו זיין — מיט עסען, טרינקען און שלאפען. דאס גאנצע הויז וועלכע איז אין מיטען יאהר גע־ווען העכער, איז יעצט געשטאנען ניעדריגער פון דער קאמער, וואס האט מיט גדלות געשפרייט איהרע פליגעל איבער'ן הויז, ווי זי

וואלט זאגען: „איך בין „א סוכה"!" — און האט זיך, דוכט זיך, געקליבען אוועקצופליהען צום בלויען הימעל, אהין, וואו עס ברענט די גאלדענע זון.

דער ערשטער טאג יום־טוב איז איבערגעגאנגען גוט. די סוכה האט זיך געפיהלט פאר א שטוב; מען האט אין איהר געגעסען, געשלאפען, — געלעבט; נאר די הויפטזאך — זי האט זוכה געווען אין איהרע ווענד תורה צו הערען, און טאקע איבער זיך אליין: מיין טאטע מיט'ן ברודער האבען איבערגעקייט הלכות־סוכה, וויפיעל די סוכה דארף זיין די הויך, מיט וואס געדעקט, א. אז. וו. די סוכה האט געהערט און ווי זיך געטראכט: „איך לאך אויס אייך! איך קאן צופריעדען שטעלען דעם גרעסטען מחמיר"... — און איז געווען גערעכט...

נאר אויפ'ן צווייטען טאג איז אן אומגליק געשעהען. פון גאנץ פריה אן האט זיך אנגערוקט א וואלקען און איז שווער און ניעדריג געהאנגען איבער דער סוכה, ווי ער וואלט וועלען אויף איהר פאלען און זי דערקוועטשען. דער ווינד האט בעוועגט איהרע פליגעל, און זיי האבען שטיל און קלאגענדיג געסקריפעט. אלע אין שטוב זענען ארומגעגאנגען פערצארנט. דער טאטע האט חמורנע און אומרוהיג פערקוקט יעדעס מאל אין א פענסטער און געשאקעלט מיט'ן קאפ...

מיטאג עסען האט מען זיך פון דעסטוועגען געזעצט אין סוכה: מען האט נאך געהאפט... נאר אין מיטען עסען האט זיך געלאזט הערען אויפ'ן דאך פון דער סוכה עפעס א גערויש, ווי עפעס א קליינע, לייכטע בעשעפעניש וואלט ארומלויפען איבער'ן סכך... אלע האבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און נאכדעם, שוויגענדיג, זיי וויעדער אנגעשטעלט אין די טעלער. מען האט זיך געאיילט און געגעסען אין דער שטיל. אין א מינוט ארום האט עמיצער פון אונז א וויש געטאן זיינע א באק... באלד האט זיך עפעס א קליינס און גלענצענדעס אבגעריסען פון דער הויך און א פליוך געטהון אין שיסעל אריין... נאכדעם — א צווייטעס, א דריטעס. דער טאטע איז אויפגעשטאנען פונ'ם ארט.

— עס העלפט נישט! משה, לאז אראב די פליגעל...

מיין ברודער איז אויפגעשטאנען און האט אבגעבונדען דעם שטריק, וואס האט זיך געצויגען פונ'ם באלקען אראב. עפעס אזוינס האט ארויסגעלאזען א קרעכץ און איז שווער געפאלען אין דער הויך, איבער אונזערע קעפּ, ווי אונטערגעהאקט.

א גרויער וואכעדיגער שאטען האט זיך פון ערגעץ שטיל אריינ־גע'גנב'עט, האט זיך אויסגעצויגען, זיך אויפגעבלאזען און האט פערנומען דעם גאנצען חלל אין דער סוכה. דאס שנייוווייסע טיש־טוך, די זילבערנע לייכטער, אינגאנצען דער געגרייטער פערפּוצ־טער טיש — האבען געקוקט עפּעס פרעמד און מאדנע, ווי א נייע זילבערנע עטרה אויף אן אלטען, ברודיגען טלית. אין א זייט, פון אונטער'ן ווייסען דעקטוך, האט א טייל פון פעסעל בארשטש ארויסגעקוקט גיפטיג און שפּאטיש, ווי א פערביסענער קנעבל אויף זיין ערניעדריגטען האר...

אין איילעניש און פערלעגענהייט, ניט קוקענדיג איינער אויפ'ן צווייטען, האט דער עולם זיך ארויסגערוקט פון דער סוכה.

די סוכה איז א קאמער געווארען.

צווישען פעלדער.

צווישען פעלדער.

ביי'ם האריזאנט אין מזרח איז דער הימעל געווען טונקעל־רויט, ווי אן אנגעגליהט אייזען, ווען עס הויבט אן זיך צו לעשען: די לבנה האט געהאלטען ביי'ם אויפגעהן. הויך אין הימעל האט גע־ברענט יופיטער; ניעדריגער, צו צפון־מערב, האט ברייט זיך צע־ווארפען די „עגלה" מיט איהר צערודערטען קוואדראט און לאנ־גען צעבראכענעם עק, ווי א רמז אויף כללים, וואס ווערען נישט אויסגעהאלטען... דער „מילך־וועג" האט זיך אויסגעצויגען אי־בער דער וועלט, ווי א לייכטער גאז־באנד, וועלכען א קאפריזנע האנד האט אוועקגעווארפען אהן אכט און ארדנונג. אין אלע זייטען האבען געפינקעלט שטערען.

אונטען דערוייל איז געווען פינסטער, בעסער געזאגט — טונקעל־גרוי, און אין דער גרויער פינסטערניש האט זיך א חאאס געשפירט: קיין בעשטימטע פארב, קיין איין גלייכע ליניע, קיין איינציג דייטליך פינטעלע. גע'חלום'ט האט זיך א פעלד, אדער סתם א פלאץ, נאר עטוואס ווייטער ארום און ארום האבען זיך געהויבען עפעס בערגלעך צי שאטענס — און אפשר גארנישט!...
אויף איין סעקונדע האט זיך יא געווען בעוויזען עטוואס געגוג דייטליכעם: א פייערדיג פינטעלע האט א פינקעל געטהון; עס האבען זיך אפילו ווי טריט געהערט... באלד איז דאס פייערל פערשוואונדען, האט א ביסעל ווייטער ווידער ארויסגעשפריצט אין דער פינסטערניש און איז ווידער אין איהר דערטרונקען גע־ווארען. דערנאך איז די פינסטערניש אויפ'ן ארט, וואו דאס פלע־מעל האט זיך צום ערשטען מאל בעוויזען, ווי געדיכטער געווארען...
עפעס האט א קוויטש און צוזאמען א קלונג געטהון. א פיגור האט זיך מיט אמאל דייטליך אבגעצייכענט און איז גלייכצייטיג מיט א

טויבען קלאפ ווי אין די ערד אריין... — און פלוצים איז פון אונטער'ן רוימען האריזאנט א גלער, האלב־קיילעכדיגער ראנד ארויפגעשוואומען.

— — — — — — — — — — — — — —

עמיצער האט א שלעפ געטהון די גרויע, דורכזיכטיגע דעק און האט זי אין איין מאמענט פון פעלד אראבגעצויגען. אין איהר בעוועגונג האט י זגעפלאטערט און זיך אין לאנגע פאלבען און קנייטשען געלעגט; נאך איהר זענען עפעס נייסטער געלאפען אי־בער'ן פליין און פערשוואונדען אין מערב. אין מיטען פעלד האט ווי פון דער לופט זיך אראבגעלאזען און אין די ערד אריינגעשטעקט אן אלטער, אויסגעקרימטער דעמב. ער האט ברייט צענומען זיינע צווייגען־הענד און מיט גרויס ערשטוינען געקוקט אויפ'ן העל־געלען קרייז. וואס האט זיך דארט ווייט פון דער ערד אויפגעהוי־בען און מונטער זיך געלאזען איבער'ן הימעל. הינטער'ן דעמב האט זיך אויסגעצויגען א שווארצער, אונגעהייער לאנגער און ווילד־פאנטאסטישער שאטען.

לאנגע ציילען זאנגען זענען געשטאנען געגען דער לבנה, זע־נען געשטאנען און האבען געדרימעלט, און גע'חלומ'ט, און צוויי־טענווייז אין שלאף מיט די קעפלעך געשאקעלט. אפטמאל איז צווישען זיי א בעוועגונג דורכגעלאפען, און עס האט זיך א שוש־קעריי געהערט, ווי מ'וואלט דארט עמיצען איינשטילען, ער זאל אנדערע לאזען שלאפען. די לבנה דערוויילע איז געגאנגען העכער, איהר שיין איז געווארען בלאסער און האט ענדליך די גאנצע וועלט פערגאסען.

פון צפון, ערגעץ פון עק וועלט, האט זיך געצויגען צווישען די שלאפענדע פעלדער א ווייסליכער הויך־אנגעשאטענער וועג. ער איז געלאפען פארביי דעם דעמב און מיט א פערטעל מייל ווייטער, נעבען א וואכט־הייזעל, האט ער זיך פערדרעהט קיין מזרח און איז פערשוואונדען פון אויג: דער גרונט האט זיך דארט עט־וואס געהויבען, בעשטעקט מיט די לעצטע בוימער פון וואלד. וואס האט אין דער ווייטען געטונקעלט. צוויי דינע און גלייכע ליניען

האבען קאלט געפינקעלט געגען דער לבנה און זענען געלאפען איבער'ן וועג אויף זיין גאנצער לענג. נאר אין איין ארט, נעבען דעמב, האט זיך די ליניע, וואס איז געליעגען נעהענטער צו מזרח, אונערוואַרטעט אבגעהאקט... מיט עטליכע טריט ווייטער האט זי זיך, נישט וועניגער אונערוואַרטעט, ווידער אנגעהויבען און איז געלאפען ווייטער. אין א זייט איז געליעגען א שטיק רעלס, גע־ליעגען רוהיג און קאלט, ווי עס וואלט זיך געפינען אויף זיין ארט...

עטליכע מינוטען זענען געבוירען געוואַרען אין דער שטיל און זענען — אהן קלאנגען, פארבען און געשעהענישען — געשטאַרבען: די פערגאנגענהייט איז נישט גרעסער געוואַרען, די צוקונפט האט זיך נישט פערקירצט. די צייט האט זיך פון אונענד אין אונענד געגאסען.

— — — — — — — — — — — — — — —

א שטילער קלאנג האט א ציטער געטהון אין דער לופט — און איז פערלוירען געוואַרען. געדאכט האט זיך, א מאסקיטע איז דורכגעפלויגען און האט איהר דין געזאַנג אין די שטילקייט אריינ־געשטאכען. אין א פאר סעקונדען ארום איז דאס געזאנג ווידער פון ערגעץ אנגעקומען: א לייכטער ציטער איז געגאנגען איבער די שטאהלענע ליניען, איבער דער גאנצער שטאנג געשוואומען ווייטער פארביי דעם בוים — און ביי'ם עק פון דער איבערגעריסענער זיך פלוצים אבגעהאקט און ווי אין די ערד אריין...

עפטער און עפטער האבען די שטאנגען געציטערט. שארפער און דייטליכער האט זיך דאס געזאנג געלאזט הערען, און אלץ אויף איין שטאנג ווייטער געגאנגען, אויף דער צווייטער — זיך גע־האקט. א פאר זאנגען האבען אומרוהיג פון שלאף מיט די קעפלעך א שאקעל געטהון; א צווייג אויפ'ן דעמב האט זיך איינגעבויגען און ווידער זיך אויסגעגלייכט: איבער'ן פעלד האט זיך א ווינטעל געטראגען. אין דעם מאמענט האט דער וועג זיך א טרייסעל גע־טהון: טיעף אין דער ערד איז דורכגעגאנגען אונטער איהם א טויי־בער קלאפ...

א צווייטער, א דריטער... מעסיג און זיכער זענען געוואקסען

די קלעפּ; שטאַרקער און שנעלער איז געלאָפן דער ציטער איבער דער גאַנצער שטאַנג און שאַרפער זיך געשניטן — ביי דער אָב־געהאַקטער. ווייט, אין פינסטערן וואַלד, איז געלאָפן אַ מעכטיגע חיה, האָט געוועקט דאָס ווידער־קול צווישן די בוימער און גע־טרייסלט די לופט.

נעהענטער! ... פון יענערזייט וואַכט־הייזעל האָט עפּעס אַ פינקעל געטהון. אַ קורצער שניידענדער פייף, פול מיט קראַפט און נצחון ... אַ ברענענדיג אויג איז אַרויסגעלאָפן פון הינטער'ן הייז־זעל, האָט זיך אויסגעדרעהט און באַלד נעבען זיך אַ צווייטעס אַרויסגעשטעלט. אַרום דער רונדער ווענדונג פון וועג האָט זיך גראַציען און קאָקעטיש אַרומגעוויקעלט אַ צייל וואַגאָנען און זיך באַלד אויסגעגלייכט, ווי אַן אָנגעצויגענע שנור. די פייערדיגע אויגען זענען געוואַקסען און האָבען העליש געברענט; דער גאַנצער וועג האָט זיך געטרייסעלט, געוואָרפען, געטהעמט און געקאָכט, און איז זיכער־לוסטיג געלאָפען צו'ם בוים, ציהענדיג נאָך זיך רינ־גען און לאָקען פון רויך און דאַמף, ווי אַ פערשייט פערד זיינע לאַנגע צעפּלאָסענע האָר.

דאָס פעלד האָט ערוואַכט פון שלאָף: זאַנגען האָבען זיך בעוועגט און קאַלירט געגען דער לבנה, וועלכע איז יעצט געווען בלאַס, ווי דער טויט. דער אַלטער, חמורנער דעמב האָט געשטרעקט זיינע צווייגען צו'ם וועג, זיי געהויבען אין דער הויך און ווידער קראַפּטלאָז אַראָבגעלאָזען. די לופט האָט געדרעט און געציטערט...

איבער דער דורכגעריסענער רעלס זענען שוין יעצט קאָנוואול־סיעס געגאַנגען... פון עק האָבען זיך געריסען הייזעריגע קלאַנגען, ווי פערשטיקטע, פערצווייפעלטע קרעכצען — דורך פערביסענע ליפּען... זיך געריסען — און באַלד שטום אין די ערד געזונקען. געדאַכט האָט זיך — דאָס אייזען וועט באַלד פּלאַצען פון אָנשטרענ־גונג; די פערשלאָסענע, פערשאַלטענע ליפּען מוזען אַ געשריי אַרויסלאָזען! און דאָס געשריי איז געשפּרונגען פון עק, האָט זיך געריסען, ווי עטוואָס כמעט צו'ם אָנטאָפּען. און ווידער און ווידער האָט עס די ערד געשלונגען און צו'ם טויט געשטיקט.

די מעכטיגע שטאהלענע ברוסט פון לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אנגערוקט גאָר נאָהענט...

די אָבגעשרויפטע שטאַנג איז געליגען אין אַ זייט און האָט אונשולדיג געבלאַנקט געגען דער שיין פון דער לבנה...

טורטעלע.

מירטעלע.

(פון א בריעף)

— — — און שטעל זיך פאר, אז דו ווייסט שוין — ווייסטו דען? —

אויף דיינע טויזענד שאלות, קאן איך דיר געבען צו טויזענד תשובות — אויף יעדע בעזונדער. יעדע וועט האבען אין זיך — ניין, יעדע וועט ז י י ן — א קורטוב של אמת, און דו וועסט שטעהן א צעטומעלטער אין מיטען דער דאזיגער רוישיגער מחנה פון אמת'ן, און — אך, אונזין! א י י ן תשובה מוז זיין, איינ־איינציגע, אויב דו ווילסט באמת עפעס וויסען. איך זאג, זי מוז — דעריין גלויב איך ווי אין גאט. נאר — וואס? ווי אזוי? איהר תוך? איהר פארם? — איך וויים עס נישט. —

און געה א ביסעל ווייטער, זעהסטו איין, אז די איינע תשובה קאן נישט קומען, אזוי לאנג די שאלה איז נאך נישט איין. און נאך א טראט ווייטער — ווערט דיר קלאר, אז די רעכט געשטעל־טע שאלה, די „איינע", איז די, וואס טראגט שוין אין זיך גופא דעם ענטפער. נו, לאזען מיר עס.

א וועלכען עס איז ענטפער וועל איך זיך דאך בעמיהען צו געבען. נאר טאמער ווערסטו פון איהם נישט קליגער — האב קיין פעראיבעל נישט, ליעבער פריינד! —

אט האסטו, למשל, אזא מעשה.

מיין וועלט איז איצט מיין שרייבטיש. א טונקעל־גרין, מיושב'דיג געוואנד, אן אלומיניום־בעכער פאר פאפיראסען, א שטיינערן שרייבגעצייג, א העפטעל גלאט פאפיער, א לאמפ מיט א מאט־ווייסער שיין און א מירטענביימעל אין א טעפעל, — שוין.

נישט גרוים מיין וועלט, וועסטו זאגען? — אפשר יא, אפשר נישט. איך וועל זיך מיט דיר נישט שפּארען.

געה איבער נאכאמאָל די רשימה חפצים, ביז צו דער לאמפּ, עד ועד בכלל. מיין שייכות צו אָט די אַלע זאכען איז גענוג איינ־פאך: איינענטום און אייגענטימער. איך האָב פון זיי אַ טובת הנאה און קלער פון זיי נישט. אפילו די לאמפּ — זי וואַרפט אויף ס'פּאַפּיער, מוז איך דיר זאגען, אַ זעהר פיינע, יום־טוב'דיג־רוהיגע שיין — נישט אויסגענומען. נאָר דאָס מירטעלע — דאָ איז שוין נאָר עפּעס אנדערש: רופען רוף איך עס נישט „דאָס מירטעלע", נאָר „מירטעלע". —

איך האָב זיך מיט איהר בעקענט — ניין, מיר האָבען זיך בעקענט איינער מיט'ן צווייטען — פּאראיאהרען זומער. מיט דער מראה וועט דיך דאָס ביימעל נישט איבערראשען. אַ שלאַנקער שטאָם, אַ טרוקענע, לעהמיג־גרויע הויט, אַ נעץ צווייגלעך מיט קליינע אוואַלע בלעטלעך. פערהיל דיין פּנים אין דאָס שפּינוועבס פון צווייגלעך און בלעטלעך — קיין גערוך. איצט נעהם צערדריק אַ בלעטעלע — שטאַרק, אויף טויט — צווישען דיינע פינגער, הויבט עס אָן צו שמעקען, שאַרף, ווי סאָסנע־נאָדלען אָדער עפּעס אזוינס. — קוק איך אויף מירטעל'ן און זעה בחוש דעם שאַרפען אראָמאַט, וואָס ליעגט פערבאָרגען אין יעדען בלעטעל איהרען, ווי דער אויפריים אינ'ם פּולווער, און ענטפּלעקט זיך נישט — ביז ס'קומט דער טויט.

„זי" שטעהט אויף מיין טיש, דער טיש — ביי'ם פענסטער, און דאָס פענסטער קוקט צו מערב־זייט.

פאַרנאַכט זעצט זיך די זון אוועק אויפ'ן באַרג, פּונקט גע־גענ'איבער מיין פענסטער. איצט שיסט זי נישט מיט גאָלדענע נאָדלען און פיילען: איהר ראַנד איז געצייכענט ריין און שאַרף, און פון דער פאַרב, וואָס שטעהט איהר אין פּנים, צינדט זיך מיין צימער אָן צונטער־רויט ביז אין די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך. די ווענד ווערען דורכזיכטיג. איז עס מעגליך, אַז דאָס רויטע גאָלד, וואָס שפּיעלט אויף זיי, איז נישט זייערס? וועט עס באמת אָב־

בלאקירען אין מינוטען ארום? און זעה: ביז צום לעצטען צוויי־געל, ביז צו׳ם מינדעסטען בלעטעל האט זיך מירטעלע אבגעביל־דעט אויף דער וואנד! —

און פון שאטען אוועק ווענדט זיך דאס אויג צו׳ם אפענעם פענסטער. —

שטיל, קיין איינציג בלעטעל ריהרט זיך נישט. דער שלאנקער שטאם, דער צווייגען־פלאנטער, די שארף־געציינגעלטע בלעטלעך — אלעם ליעגט פלאך ווי געהאפטען אויף׳ן שיינענדען פנים פון דער זון. —

שטיל. דער בארג שטייגט לאנגזאם ארויף און שניידט שטרייף נאך שטרייף פונ׳ם פייערינען דיסק, שניידט און שלינגט, שניידט און שלינגט. אם בלייבט נישט מעהר ווי א ברוכשטיק פון א גאל־דענעם רינג דערנאך — א לעצטער שפריץ פון גאלד־שטויב — און נישטא. —

שטיל. לאנג בלאסט דורך די צווייגלעך א פערלמוטער־גלאנץ. שאטענס, חיילות פון שאטענס, שטייגען פון טאל און ציהען דורך די לופט צו׳ם הימעל. איך און מירטעלע קוקען און קוקען, ווי עס צינדען זיך אן וועלטען און וועלטען אין ווייטען הימעל. ווייטער און ווייטער אין די נאכט אריין. די שטילקייט ווערט טיעפער, ממשות׳דיגער. די שטילקייט רעדט. הער, דו מענש! הער, דו מענש! הער, דו מענש! —

צום סוף זומער האט זיך מירטעלע בעזונדערס רייך צע־וואקסען.

— — — דערנאך איז געקומען דער הערבסט. די זון האט זיך איבערגערוקט אויף לינקס, און ביי׳ם זעצען זיך האט זי שוין נישט געצונדען דאס גאנצע צימער און בלויז געשניטען פון איהם א קרומען ווינקעל, און דערפון האט וועה געטהון דאס הארץ. שפעטער האט זיך דער הימעל פערצויגען, די וועלט איז געווארען קלענער, און די נאכט האט גענומען אנקומען פריה און אהן יע־נעם פארבענשפיעל, ווי זי וואלט געבוירען ווערען גלייך פונ׳ם פערוואלקטען טאג ארוים. עטליכע אונטערגעננג פון י ע נ ע הא־

בען זיך נאר אויסגעשטעלט אין א שיטערער רייהע, אבער — קאלט פייער, טרוקענער פארבענגליה אויף די באקען פון א שווינדזיכ־טיגען. ווייטער — גרויער — פייכטער — קעלטער... ע, מיין גאט — די לאמפ, די לאמפ אהער! —

און א מילד־מאטע שיין פערפלייצט די אונטערשטע העלפט פון מיין צימער, בעת העכער רוהען ראזע, ווארעמע שאטענס.

ערשט איצט האט דער זומער גענומען „ארויסגעהן“ פון מיר, ווי א פראסט פון אן אבגעפרוירענעם גליעד — מיט וועהען און ערלייכטערונג, מיט אנגעשטרענגטער שלעפעריגקייט און חלומות אויף דער וואך. מיין קליין צימער — איך וויים נישט ווען און ווי אזוי — איז פערפלייצט געווארען פון א גאנצער מחנה מאדנע ברואים, וואס האבען אנגעפיהרט ארום מיר א מין שטומען טאראראם, א לעבהאפטען, נאר קלאנגלאזען הארמידער. דאס איז געווען א לוסטיגע חברה, וואס האבען מיר געהאלפען רויכערן מיינע פאפיראסען, האבען געבלעטערט מיין העפטעל, שטום און לאכענדיג זיך איבערגעוואונקען מיט מיר און איינע מיט די אנדערע, צייטענ־וויז מיר עפעס געשעפטשעט אין אויער אריין — מיך נעמיערט און געמונטערט צו גלייכער צייט. מיין העפטעל גלאט פאפיער איז געווארען וואס א מאל דינער און מאגערער, און אט דא דער־נעבען איז געוואקסען א הויפען אנדערע בלעטלעך — מאדנע בלעטלעך, וואס אזוי שנעל ווי זיי האבען זיך בעדעקט מיט א שווארצער בליהונג פון שטעקעלעך און רינגעלעך, האבען זיי זיך ווי אבגעשיידט פון מיר, האבען בעקומען א זעלבשטענדיג אויס־זעהן און זיך פערהאלטען צו מיר ווי גלייכע צו זייער גלייכען, און נישט איינמאל האב איך זיי אנגעקוקט פערטראכט און א ביסעל פערוואונדערט. א ראד האט זיך גענדרעהט ארום מיר — אין מיר — מיט מיר — דאס הארץ האט זיך געצאפעלט און דער אטהעם גע־האקט, ווי פון א ווינד אין פרייען ים.

נישט מעהר — א לייכטע אומרוהיגקייט האט זיך געוועבט אונטער דעם אלעם. נישט איינמאל האב איך זיך פלוצים גענומען ארומקוקען אין צימער, נישטערן אין די ווינקלען, אדער פיהרען

מיט דער נאז אין דער לופט — גארנישט. איך פערגעס, און חברה רינגעלט מיך ווידער ארום, די ווייסע שיין זיצט אויף אלעם, און פון אונטער דער גלאטקייט פון פאפיער קוקט ארויס אין וואס־סער־ליניע די שווארצע בליהונג, וואס וועט זיך באלד זעצען אויף די בלעטלעך — און ווידער, און פלוצים, קעהר איך שנעל דעם קאפ צו דער טיר, און זוך אויף מיין אקסעל דעם פרעמדען, שווערען בליק, וואס האט ערשט אויף איהם געדריקט — גארנישט, קיינערנישט. און איינמאל, אהן כונה, שטרעק איך אויס א האנד צו מירטעלע'ן צו נעהמען א בלעטעל. מיין פינגער בעריהרט אונגעשיקט א צווייגעל — און א מתנה בלעטעלעך, ווי א שארע דערשראקענע פייגעלעך, שיט זיך אראב פונ'ם צווייגעל און צעזעעט זיך איבער'ן גרינעם געוואנד. —

איך בין אויפגעשפרונגען פון שטוהל.

האָ? — וואס? — ווי אזוי? —

איצט האב איך געוואוסט. פון א געוויסער צייט — פון ווען אן? — קוקט מירטעלע אויף מיר עפעס מאדנע פעראומערט און — און — צעשויבערט, יא — צעשויבערט. איהרע בלעטלעך זענען צאהלרייך און גרין ווי פריהער, נאר עפעס ווי אויפגעשפיצט, און די צווייגען קוקען דורך זיי מאגער און ברוין, ווי האריגע דארע הענד, אויסגע'דבר'ט פון פיעבער און היץ. יא, אבער — פארוואס, פארוואס? . . .

מיין בליק גיט זיך האסטיג א שליידער איבער'ן טיש. די לאמפ! לאנג, שוין זעהר לאנג, שטעהט זי הארט נעבען מירטעלע'ן.

— איך בעריהר אן אנדער צווייגעל — און ווידער זעצט זיך א מתנה פייגעלעך אויפ'ן געוואנד מיט א טרוקענעם שארך. איך האפ א בלעטעלע, צעדריק עס צווישען די פינגער — שטויב. איך טראג עס צו דער נאז — קיין גערוך — עפר ואפר. —

און מיט אונטערגעהאקטע פיס פאל איך צוריק אויף מיין שטוהל. —

— — — דעם גאנצען ווינטער האב איך זיך געראנגעלט געגען טויט.

איך האב נישט דעם מינדעסטען בעגריף, ווי אזוי מ'ציהט־אויף פלאנצען, נאר — כ'האב זיך געוועהרט מיט אינסטינקט און פערצווייפלונג. צו'ם אלעם ערשטען האב איך פון מירטעלע'ן אראב־גענומען ביז'ן לעצטען בלעטעל, און — פריינד, פריינד! — מיט הונדערט יאהר מעהר וועסטו לעבען, אז דו האסט נישט געזעהען די נאקעטע גליעדער און ביינער פונ'ם קראנקען ביימעל! איך האב געגאסען וואסער און וואסער, געפאקט יעדען קאלטען שטראהל פון דער קארגער ווינטער־זון און איהם געוויקעלט ארום מירטעלע'ן — געטהון וואס איך האב געוואוסט און נישט געוואוסט. —

די לאמפ האב איך פערהאסט. די חברה לצים איז פערשוואונ־דען פון מיין צימער, פערטריבען דורך מיין קאלטע האלטונג, און די פערשריעבענע בלעטער זענען מיר געווארען ווילד פרעמד.

דאס האט געדויערט לאנג. פערביסען, כמעט אהן האפנונג, האב איך געוואכט איבער מירטעלע'ן, ביז איך האב ענדליך זוכה געווען צו זעהן אזוינע קליינע קערנדלעך, ווי גרינער מאהן, צע־זעעט איבער איהר שטאם און צווייגען. פרעהען זיך — דערצו האב איך קיין כח נישט געהאט, נאר א ווייכע רוה האט אנגע־פילט מיין הארץ. איינגיכען האבען די קערנדלעך ארויסגעלאזען שארפע שפיצען — ווי דער שפראץ פון האר אויפ'ן אבגעשווירענעם קאפ פון א חולה בעת'ן גענעזען ווערען. דערצו איז אין קורצען אונטערגעקומען דער פריהלינג. — — —

— — — איצט קוק איך וויעדער אויף מירטעלע'ן, און מיין הארץ איז פול מיט האפנונג — ניין, אויב דו ווילסט — מיט זי־כערהייט. און דאך. —

א ניי צווייגעלע האט ארויסגעשפראצט פון שטאם אין דער ניעדער און גענומען וואקסען. תחלת האב איך געקוקט און נישט פערשטאנען, וואס דאס בעטייט. דאס נייע צווייגעל איז אויפ־געוואקסען אונגעהייער שנעל, האט אריבערגעיאגט זיינע עלטערע און זיך אויסגעגליכט מיט'ן שטאם אין דער הויך און דיק. צ ו ו י י שטאמען האט איצטער מירטעלע, און ביידע — א ביסעל אויס־

געקרימט. אה, איך ווייס, אז דער טייל וואס אין בארען, הארט ביי די ווארצלען, איז איינער — און דאד.

רוהיג און מיט איינגעהאלטענעם שטאלץ שטייגען ארויף די צוויי שטאמען, בעזעצט מיט א גאנצען וואלד פון צווייגעלעך. די בלעטעלעך מעהרען זיך פון טאג צו טאג. איך נעהם איינם און צערייב עס — און א שארפער גערוך פערחאפט מיר דעם אטהעם און צינדט אן מיין בליק. מיר דאכט, צו'ן איהם איז צוגעקומען עפעס אזוינס ווי דער ריח פון ביטערע מאנדלען.

און ווידער שטעהט דאס ביימעל פאר מיר שטום און גע־שפאנט, ווי א געלאדענע ביקס. —

מירטעלע, מירטעלע — וואס וועט אונז זאגען דער אנקומענ־דער זומער? — — —

מיעד.

מיעד.

ליעגט שטיל אויף דער זאפע, איהר מעגט האלב פערמאכען די אויגען, עטהעמט פריי, און הערט.

דער צוג איז געלאפען איבער עפעס א מאדנער סביבה, וועלכע איז פאר מיר געווען גאנץ ניי, אבער נאהענט צו׳ם הארצען.

דאס איז געווען א שטיק אויבערלאנד, ערטערווייז געבראכען און געשניטען אין נישט טיעפע טאלען און אין נישט הויכע בערג, אבער געשפירט האט זיך, אז דאס אלעס צוזאמען: די טאלען, די בערג און די גאנצע געגענד — געפינט זיך ערגעץ אין דער הויך, און „די וועלט" ליעגט ווייט ארום און פיעל ניעדריגער. עס האבען זיך דורכגעווארפען בוימער, זאגאר וועלדלעך, אבער נישט צופיעל. עטליכע מאל האט דער צוג שטארק און ניעדריג, ווי אין א פאס, געגערדערט איבער בריקלעך: דאס האבען קליינע און מיטעלמעסיגע טייכלעך געשניטען דאס לאנד, מאנכע האלב פערפרוירען, אנדערע — אינגאנצען פריי פון אייז. נישט צופיעל שניי, נישט צו קאלט — א מילדער, לייכטער ווינטער.

און דאן, די בעלייכטונג... עס איז געווען טאג; אבער נישט יענער שרייענדיגער טאג, וועלכען מיר אלע קענען און וועלכער מאכט אונז אזוי דול, אז מיר זענען נישט מיר; דער טאג, וועגען וועלכען איך דערצעהל אייך דא, איז געווען ווייכער און מיטערליכער פון דער שטילסטער האלב־פערוואלקענטער לבנה־נאכט. דער הימעל איז געווען גאנץ שווער פערוואלקענט, און דערצו אויף זיין גאנצען שטח, אבער די וואלקענס זענען געווען ווייס, בעסער — ווייסליך, און נישט די זון האט געשיקט איהרע שטראהלען דורך זיי — דער געדאנק וועגען א זון איז ביי מיר דאן אינגאנצען פערשוואונדען — נאר אליין פון זיך האבען זיי, די וואלקענס, ארויס־

גענעבען א פּיינע, מאַטע שיין, וואָס האָט שטיל געפלאַסטן פון אלע זייטן און האָט געווירקט אויף מיר, ווי דער געלאַסענער, בערו־היגענדער שימער פון א ברייטען שטיק אלומיניום.

אזא לאַנד און אונטער אזא בעלייכטונג! שטעהענדיג אויף דער פּלאַטפאָרם פון וואַגאָן, האָב איך דערקענט דאָס לאַנד פון מיינע חלומות, און מיין הארץ איז פול געוואָרען מיט שטילער פרייד, געמישט מיט מורא, אז דאָס איז פּיליכט א חלום. און הגם דער צוג איז געוועז אין פולען גאַנג, האָב איך זיך אראָבגעלאָזען ביז צו׳ם לעצטען טרעפּעל פון׳ם וואַגאָן, האָב אָנגענומען מיט דער האַנד דעם מעשענעם האַלטער ביי׳ם אראָבגאַנג, האָב זיך א ווײַלע געוויגט אויף מיינע פיס און דערנאָך געטהון א לייכטען שפּרונג — א ביסעל ארויף און א ביסעל אהינטער.

און שוין... די זאַך איז געוועזן פיעל לייכטער, ווי איך האָב געדענקט. איך בין געבליבען שטעהן אויף מיינע פיס, און זעהר נאָהענט פאַרביי מיר איז געפלויגען דער צוג, אָנמאַכענדיג א שטאַר־קען ווינד מיר אין די אויגען אריין. אין א סעקונדע ארום האָט זיך דער ווינד פּלוצים איבערגעריסען, און דער צוג איז שוין גע־לאָפען אין דער ווייטען. זיין גערויש איז שוואַכער געוואָרען פון סעקונדע. פאַר מיר איז קלאָר געוואָרען, אז דאָס אלעס איז טאַקע אויף אן אמת, און איך האָב זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט. איך האָב א מאַך געטהון מיט דער האַנד צו׳ם ווייטען צוג און איהם נאָכ־געזאָגט „יברכך״:

— געזונדערהייט, געזונדערהייט!... געה! — מיט דיין טו־מעל — מיט מיינע מיט־פּאַסאַזשירען, מיינע „ברידער״ — און אפילו, און בעזונדערס — מיט מיין באַגאַזש, מיט מיין אייגענעם באַגאַזש!...

און ביי׳ם געדאַנק, אז מיין באַגאַזש איז אוועק, האָט איך זיך ווידער הויך פאַנאַנדערגעלאַכט און אויסגעגלייכט מיינע גליעדער...

...איך וויל האָפען, איהר זענט נאָך נישט מיעד פון מיין ערצעהלונג. אָבער — נישט זייט אויך פּעראינטערעסירט: קיין שפּאַנענדעס וועט אין איהר שפּעטער אויך נישט זיין. דאָ האָט איהר

אַ גוטען ציגאַר; צינדט איהם אָן און ערלויבט איהם זיך אַליין צו רויכערן; דער אַראָמאַט אַליין וועט זיין גענוג פאַר אייך. און נאָך עפּעס: האָט איהר בעמערקט דעם אונטערשיעד צווישען אַ ציגאַר, ווען ער ווערט גערויכערט פון עמיצען, און דעמזעלבען ציגאַר, ווען ער ברענט פון זיך אַליין? ... אין ערשטען פאַל בעקומט איהר אַ סך רויך, די בעריהמטע דיקע „ביינגעל" און „קנוילען", וואָס האָבען זיך שוין צונגעגעסען אפילו דעם שלימסטען טרוימער. אין צווייטען פאַל — דאָס דינע פייער־רינגעל רוקט זיך לאַנגזאַם, ווי דער מינוטען־ווייזער אויף אַ זייגער, איבער'ן ציגאַר און ענדערט אונמערקבאַר זיין ברוינע פאַרב אויף ווייסליך־גרוי. דערביי שטייגט פונ'ם פייער־רינגעל אַרויף אַ דין שנירעלע רויך, ווי די האָר פון אַ קאָרן־זאַנג, און פערשווינדט אין דער לופט, איבערלאַזענדיג נאָך זיך אַ דינעם אַראָמאַט, ווי עפּעס אַ מין ערינערונג אַן אַ חלום... נו, הערט ווייטער...

דאָס אַלעס, וואָס נאָכדעם איז פאָרגעקומען, איז געווען אַזוי איינפאַך און אַזוי פאַנטאַסטיש, ווי טאַקי נאָר אַ חלום אַליין קאָן זיין. איך האָב גענומען געהן. דער שאָסעע מיט דער אייזענבאַהן־ליניע זענען ערגעץ פערשוואונדען געוואָרען, און איך דערמאָן מיך יעצט, אַז איך האָב באַלד אָן זיי פערגעסען, גלייך זיי וואָלטען קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען און נישט פון דאָרט וואָלט איך געקומען. אויף דער ערד איז נישט געווען צו בעמערקען קיין שפּור פון מענשליכע הענד און מענשליכער אַרבייט: בערגלעך, גריבלעך — נאַטירליכע פאַקען, געמאַכט פון די רעגענס אויפ'ן געזיכט פון דער ערד. עס וואָלט בעדאַרפט זיין שווער צו געהן, אָבער עס איז נ י ש ט געווען. איך האָב זיך אַן איבריג מאָל איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שווערער און לייכטער וועג, עס עקזיסטירען בלויז שווערע און לייכטע פיס, ריכטיגער — שווערע און לייכטע הערצער. שטעלט אייך פאָר: איך האָב גענומען רעדען צו זיך אַליין, רעדען און לאַכען הויך, אויפ'ן קול, און מיין שטים האָט אפילו אויף קיין האָר נישט געשטערט די אַרומיגע שטילקייט, ווי אייזען ווערט נישט ווייכער, ווען אייער האַנד פּרו־

בירט זיין הארטקייט. אפילו קיין שוואך ווידער־קול האט נישט אבגעהילכט צוריק. יעדער קלאנג, וואס איז ארויס פון מיינע לונ־גען, האט עקזיסטירט בלויז דעם אויגענבליק פון זיין געבוירען ווערען, און באלד נאכדעם איז ער נישט געווארען. דאס איז נישט געווען וואס מ'רופט א טויטע שטילקייט. דאס הייסט — א פער־שטארבען געוויש.וואס האט זיך פערבארגען ערגעץ אט דא דער־נעבען, גרייט יעדע מינוט ארויסצופלאצען פון דער שטילקייט, ווי א קרעכץ פון אן איבערגעריסענער סטרונע. ניין, דא איז געווען שטיל משֵשֶת ימי בראשית, און קיין איבעררייס אין דער דאזיגער שטילקייט האט קיינער און קיין זאך נישט געקאנט מאכען.

אלזא, האב איך גערעדט און געלאכט, הויך, אויפ'ן קול. איהר ווילט וויסען, וואס איך האב גערעדט און וועלכעס האט מיך גע־מאכט צו לאכען?... שווער צו זאגען. איך גלויב, איך האב גע־רעדט וועגען דער ווייסער, שטילער שיין פון יענעם טאג, אדער עטוואס עהנליכעס. איבריגענס, איז עס נישט וויכטיג, — וויכטיג איז: איך האב גערעדט, וואס איך האב געוואלט, און קיינער האט זיך נישט אבגערופען. קאנט איהר פערשטעהן דעם תענוג פון רע־דען, ווערענד קיינער רופט זיך נישט אב אויף אייערע רעד, נישט גוט, נישט שלעכט און — וואס איז נאך שלימער — נישט גלייב־גילטיג?... דאס דאזיגע פערגעניגען האב איך נישט געהאט, זינט איך בין געבוירען געווארען, ביז צו יענער מינוט, ווענען וועלכער איך רעד דא, און איך גלויב, אז אויך נישט איהר און נישט קיי־נער פון אונז. מיין הארץ האט ווענינ געליטען אלע מיינע יאהרען פון געפיהל פון קנאה, און דער איינציגער מענש, וועמען איך האב יא מקנא געווען, שטענדיג און מיט'ן גאנצען הארצען, האט וואהר־שיינליך קיינמאל נישט עקזיסטירט: דער דאזיגער מענש איז ראָ־בינזאן קרוזא.

און אזוי בין איך מיר געגאנגען, קענטיג — א לאנגע צייט, דען די ארומיגע רוה האט ביסלעכווייז דורכגענומען אלע מיינע גליעדער. מיט'ן געדאנק האב איך נישט געוואוסט, וואוהין איך גיה, אבער איך בין יא „ערגעץ" געגאנגען און האב דעם צוועק־פונקט

געשפּירט מיט׳ן גאַנצען קערפּער. און דערנאָך האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך בין נאָהענט פון „דאָרטען״. די לאַנדשאַפט האָט זיך עטוואס געענדערט, נישט פיעל, אין מאַנכע ערטער האָבען זיך בעוויזען גרעזלעך פון צווישען דעם שיטערן שניי, און דאָס גרינס פון די ערשטע מיט׳ן זילבער פונ׳ם צווייטען האָבען געבילדעט אַ פיינע קאָמבינאַציע, ווי פיין עס איז געווען אַלעם אַרום. די בעלייכטונג האָט זיך אַ ביסעל געענדערט: די וואָלקענס אין איין פּלאַץ זענען געוואָרען העלער, און דאָס ליכט האָט יעצט נישט געפאַלען גלייכמעסיג פון אַלע זייטען, נאָר עס איז געגאַנגען אין אַ געוויסע ריכטונג, פון איין זייט וועלט צו דער צווייטער, און האָט זיך ווי אַנגעשפּאַרט מיט דער ברוסט אַן דעם ווייסען פּאַסאַד פונ׳ם הייזעל, וועלכעס איך האָב ענדליך דערזעהען.

אַ מאָדנע געפיהל האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב אַזאַ הייזעל אין מיין לעבען נישט געזעהען, און דאָך האָב איך עס „דערקענט״; איך האָב דערפיהלט, אַז אַט דאָס איז עס, אַז אַט אַזוינס דאַרף אַ הייזעל זיין. איז עס געווען שען?... געוויס, אָבער דאָס איז ווייניג: דערין איז געווען נאָך עפּעס אַזוינס... אַזוינס... כ׳ווייס נישט, ווי צו זאָגען. נישט געווען קיין „סטיל״, קיין בעשטימטער סטיל, ווי אויך קיין געמישעכץ פון סטילען, צו וואָס מ׳געוועהנט אונז צו היינטיגע צייטען. עס זענען געווען איינפאַך־געשניצטע פענסטערלעך מיט ליכטיגע שויבען, ווי פייכטע אויגען, אַ ברייט דעכעל, פון פאָרענט עפּעס אַ מין קליינע, ניעדריגע וועראַנדע מיט הילצערנע זיילעכלעך און עפּעס נאָך קלייניגקייטען. אָבער דאָס אַלעם האָט נישט ערקלערט דאָס אַלגעמיינע אויסזעהן פונ׳ם הייזעל, בעזונדערס דעם איינשטאָקיגען פּאַסאַד, וועלכער האָט געקוקט צו דער שיין ווי אַ אינטערעסאַנט־בלאַסעם געזיכט. אין גאַנצען האָט דאָס הייזעל נישט אויסגעזעהען צו זיין געבויט פון עמיצענ׳ס האַנד, נאָר ווי עס וואָלט אויסגעוואַקסען פון דער ערד, ווי אַ בוים, אָהן סימעטריע, אָבער מיט אַ געוויסער אינערליכער פּראָפּאָרציע פון די טיילען. דאָס איז געווען אַ לעבעדיגע בעשעפעניש.

איך בין צוגעגאנגען גלייך צו'ם הייזעל, בין ארויף אויף דאס איינציגע טרעפעל פון דער וועראנדע און האב שטיל אנגעקלאפט אין טיר. באלד דערויף האב איך דערהערט לייכטע טריט פון אינ־וועניג און דאס ווייכע געריוש פון זיידענס. מיין הארץ, וואס איז ביז יעצט געווען גאנץ רוהיג, האט אנגעהויבען צו קלאפען פון שטילער, אונערקלערבארער פרייד.

נישט קאנענדיג זעהן דורך די טיר, האב איך דאך קלאר גע־זעהען א שלאנקע פרויען־פיגור אין א שווארצען זיידענעם קלייד, מיט א בלאס־אינטערעסאנטען געזיכט, ווי דאס געזיכט פונ'ם הייזעל, וואס זי האט בעוואוינט. איך האב די פרוי אין מיין לעבען נישט געזעהען, אבער מיט מיין גאנצען וועזען האב איך געוואוסט, אז דאס איז זי, ענדליך זי. איך האב נישט געקאנט זעהן, און האב דאך דייטליך געזעהען, ווי א מאט־ווייסע קליינע האנד האט זיך געלעגט פון יענערזייט אויף דאס הענטעל פון טיר, און די טיר האט זיך שטיל געעפענט...

...נאך האב איך געשפירט אין מיין הארצען דעם ציטער פון שטילער פרייד, און מיינע אויגען זענען געווען פייכט, אבער איך האב שוין געוואוסט, אז אונזער וועלט האט מיך ווידער אריינ־געחאפט אין איהרע הענד. איך האב שוין געוואוסט, אז איך ליעג ביי מיר אין צימער, ביי מיר אין בעט. דורך מיין פענסטער האט געקוקט אויף מיר דער טאג — נישט יענער טאג, אן אנדערער, — געקוקט א ביסעל שפאטיש, אבער אין גרונד גענומען גלייכגילטיג. ארום און ארום איז געווען אלץ דאסזעלבע, אלץ דאסזעלבע, דאס, וואס רינגעלט ארום מיך און אייך און אונז אלעמען, און פון וועל־כען קיינער פון אונז קאן זיך פאר קיין פאל נישט בעפרייען.